STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00883

# IBER DI HURVES FUN PLOYNE

M. Bursztyn

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Mary Eve & Lynn Merrill Jawitz*
*in memory of*
*Jerome Jawitz*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. בורשטין

# איבער די חורבות פון פלוינע

די הכנסה פון דעם בוך איז באשטימט פאר דער
קולטור־הילף לטובת דער שארית־הפליטה.

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

## 42

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

מ. בורשטין

# איבער די חורבות פון פלוינע

אײנלײטונגס־װאָרט פון

יעקב באָטאָשאַנסקי

★

אַרױסגעגעבן דורכן

צענטראַל־פאַרבאַנד פון פױלישע ייִדן אין אַרגענטינע

בוענאָס־אײרעס, 1949

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

M. BURSZTYN

# "IBER DI CHURVES FUN PLOINE"

(POR LAS RUINAS DE PLOINE)

Buenos Aires, 1949

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| | זייט |
| איינלייטונגס־וואָרט פון יעקב באָטאָשאַנסקי | 7 |
| **ערשטער טייל:** | |
| פיר זיילן | 29 |
| שלום ושלווה | 35 |
| ניי־יאָר | 44 |
| ירושה זילבער | 51 |
| יוגנט | 56 |
| אחדות | 63 |
| ציגיינער אָדער טאַטערן | 68 |
| ייִדעס און אייניקלעך | 76 |
| פון ברייטבאָרדן — א חלוץ | 87 |
| דאָרפסלייט | 95 |
| יענטעלע קעמפט מיט לוין | 102 |
| משיח איז געקומען | 106 |
| ערד | 114 |
| **צווייטער טייל:** | |
| קוימענקערער | 121 |
| די דריי נייטאָרינס | 129 |
| נקמה | 133 |
| על הראשונים אנו מצטערים | 140 |
| די חמץ־אַקציע | 146 |
| דאָ א רב אין שטאָט און גאָרנישט | 151 |
| מלחמת מצוה | 155 |

זייט


דוד מאיר און דער ערשטער מאי — — — — — — 162
דאָס אקעראַייזן און די דיסקוסיע — — — — — — — 168
אין די פּאָסער אַלעען — — — — — — — — — — — 173
אראָפּ... — — — — — — — — — — — — — 177
משפחה-בלוט — — — — — — — — — — — — — 182
מאַטעריאַליסמוס און אידעאַליסמוס — — — — — — — 188
די מאַריאַנסקע — — — — — — — — — — — — 193
קאָנצעסיאָנערן — — — — — — — — — — — — 200
לוים עליה — — — — — — — — — — — — — — 206
פּרעסע שטימען וועגן דער ביבער-סעריע — — — — — — 215



בילד פון מ. בורשטין געצייכנט דורך פעליקס פרידמאן

# מ. בורשטין — דער כראָניקער פון אַ פערטל יאָרהונדערט יידיש לעבן אין פוילן

## (אריינפיר-וואָרט)

### פון יעקב באָטאָשאַנסקי

וועגן זיין לעבן האָבן מיר ווייניק פרטים. אין זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע" פיגורירט ער נישט. אין מלך ראַוויטשעס „מיין לעקסיקאָן" ווערט דערציילט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1896 אין פלאָנסק. ער איז געווען אַ גימנאַזיע-לערער און אָנגעהויבן שרייבן האָט ער, וואַרשיינלעך, פויליש. ער האָט, ווייזט אויס, דורכגעמאַכט די ערב-שרייבער-עפּאָכע אין די קאָרידאָרן פון די פוילישע רעדאַקציעס. מוקדוני אין זיין עסיי וועגן אים, אין זיבעטן באַנד פון אָפּאַטאָשו-לייוויקס „זאַמלביכער", ווייזט אָן, אַז לויט זיינע טעמעס, זעט מען, אַז ער איז אַוועק פון דער פוילישער וועלט אַ פאַרביטערטער, „דער סם המוותדיקער פוילישער אַנטיסעמיטיזם האָט אים פאַרטריבן צו אונדז". ראַוויטש רעדט אויך וועגן דער עפּאָכע, ווען ער האָט „אין די קאָרידאָרן פון דער אייגענער נשמה" דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון „וועלן אַוועק פון אייגן פאָלק און שפּראַך". קיין פרטים וועגן אָט דעם אַהין-און-צוריק-גאַנג ווייסט קיין איינער פון די ביידע נישט צו דערציילן. דער לעצטער באַמערקט נאָר, אַז „אין דער היים איז (אויך) נישט געווען צום בעסטן". בורשטין האָט אין דער היים דערוואָרט מער דערפאָלג און דערפאַר איז זיין לענגלעך פנים געווען אָן אַ שמייכל און זיינע גרין-גרויע אויגן האָבן זיך

נישט געוואָלט באַגעגענען מיט די אויגן פון מיטשמועסער. ראַוויטש שילדערט אים ווי אַ „בלאָנדן, שטילן און איידעלען" און ער קומט דאָך אַרויס ווי אַ ברוגזער, אַנטוישטער און אויך פאַרביסענער.

און אַט אַזוי-אַ האָט ער געלעבט אין וואַרשע, נאָענט צו דער יידיש-וועלטלעכער שול בכלל און צום בונד בפרט. און דאָס גאַנ-צע לעבן זיינס, אין משך פון וועלכן ער האָט אָנגעשריבן די דריי נאָוועלן (צו גרויס פאַר דערציילונגען און צו קליין פאַר ראָמאַנען) „גורל", „איבער די חורבות פון פלוינע", „ביי די ברעגעס פון מאַ-זאָוויע" און אַ ריי קלענערע דערציילונגען, וואָס אַ טייל פון זיי זענען אַריין אין דעם באַנד „ברויט און זאַלץ", דאָס גאַנצע שעפע-ריש-אַרבעטזאַמע לעבן זיינס איז אונדז אומבאַקאַנט, פונקט ווי עס איז אונדז אומבאַקאַנט זיין לעבן צווישן 1939, ווען ער איז אַנט-לאָפן פון וואַרשע און 1945, ווען ער איז אומגעקומען אין דאַכאַו. מיר ווייסן, אַז ער איז אַנטלאָפן פון וואַרשע, בשעת אַלע זענען גע-לאָפן. ירחמיאל וויינגאַרטן דערציילט אין זיין בוך „בלוט און פייער", אַז ער האָט זיך מיט אים געטראָפן און אַ צייט זענען זיי געגאַנגען אינאיינעם. אָבער בורשטין איז געווען פיזיש שוואַך און ער האָט פשוט נישט קיין כוח געהאַט נאָכצוהאַלטן און בשעת אַ באָמבאַרדירונג איז ער פאַרלוירן געגאַנגען. מיר ווייסן, אַז ער איז אַ שטיק צייט געווען אין קאָוונע, וווּ ער האָט געאַרבעט ביי שקלאַפן-אַרבעט אונטער די נאַציס און אין די פרייע מינוטן גע-שריבן. ליידער זענען די דאָזיקע שריפטן פאַרפאַלן געוואָרן. פון קאָוונע האָבן אים די נאַציס פאַרשיקט קיין דאַכאַו. ס'זענען נאָר פאַראַן אַ פּאָר שטריכן וועגן זיינע סאַמע לעצטע מינוטן. ה. לייוויק גיט זיי איבער אין זיין בוך „מיט דער שארית הפליטה". ד"ר זלמן גרינבערג האָט זיי אים דערציילט. ער איז אומגעקומען אינגאַנצן אַ פאַר וואָכן פאַר דער באַפרייאונג. ער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין כוח צו אויסהאַלטן דעם הונגער און די ליידן. ער איז געווען גע-שוואָלן פאַר הונגער און מ'האָט געוווסט, אַז זיינע טעג זענען געציילט-טע. ס'איז געווען אַ סכנה מ'זאָל אים אָוועקנעמען אין גאַזקאַמער און ד"ר גרינבערג און זיינע פריינט האָבן געטון אַלצדינג אים צו פאַר-היטן פון די אויגן פון דעם לאַגער-הויפּט. ער האָט געליטן גרויסע

יסורים, און ער האָט געטון אַלצדינג זיי גובר צו זיין. ער איז פון טאָג צו טאָג אַריינגעפאַלן אין אַ רעליגיעזער און מיסטישער התפּעלות. ער האָט גערעדט אויסטערלישע רייד וועגן דער הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן און אויך וועגן דער הייליקייט פון לעבן פון די געוויקסן און גראָזן. איבערהויפּט האָט ער גערעדט וועגן דעם לעבן פון די פּרוכטן און ער האָט געזאָגט, אַז „פּונקט ווי דאָס מענטשלעכע לעבן טאָר ניט אומגעבראַכט ווערן, פּונקט אַזוי טאָר נישט אָנגערירט ווערן דאָס לעבן פון אַן עפּל, פון אַ באַרנע, פון אַ קאַרש. מענטשן זינדיקן, אויב זיי פאַרשווענקן די רויטקייט פון אַן עפּל, די גרינקייט פון אַ באַרנע. אַלע געטלעכע פאַרבן זענען אויסגעגאָסן אויף פּירות. זיי זענען די שיינקייט און די נשמה פון דער וועלט. און אָט קומען מענטשן און בייסן זיך אַריין מיט די ציין אינעם גאָלד פון אַן אַפּעלסין, אין דער בלויקייט פון אַ פלוים, אין דער פלאַמיקייט פון אַ וויינשל. ווען זיי טוען דאָס, ווונדיקן זיי דאָס סאַמע האַרץ פון דער וועלט.״ עפּעס וועגן דער פאַרערונג פון בורשטינען צו די פּרוכטן דערציילט שוין אויך ירחמיאל וויינגאַרטן, אָבער ביים אַנטלויפן פון וואַרשע האָט דער מחבר פון „איבער די חורבות פון פּלוינע״ גערעדט נאָר וועגן דער שיינקייט פון די פּרוכטן, אָבער נאָך ניט וועגן זייער אומבאַרירלעכקייט. עפּעס מאַכט דאָס דעם איינדרוק, אַז וואָס נעענטער צו זיין סוף בורשטין איז געקומען, אַלץ גרעסער איז געוואָרן זיין באַוווּנדערונג פון דער וועלט און וואָס שוואַכער ער איז געוואָרן פיזיש, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסן אין אים אַ מיסטישער אַבערגלויבן, אַז די וועלט איז צום קוקן, אָבער נישט צום געניסן...

ד״ר גרינבערג האָט דערציילט לייוויקן, אַז זיי האָבן איין מאָל אַריינגעקראָגן אַ רויט-זוניקן עפּל אין בונקער אַריין און כאָטש אַלע זענען זיי געווען זשעדנע, האָבן זיי באַשלאָסן אים אָוועקצוגעבן בורשטינען, ער זאָל דערקוויקן זיין האַרץ מיט דעם פרישן זאַפט פון אַ פּרוכט. זיי האָבן גענומען ערנסט זיינע רייד וועגן דער הייליקייט פון פּירות, אָבער נישט אויף אַזויפיל ערנסט, אַז זיי זאָלן טראַכטן, אַז ער מיינט, אַז מענטשן זאָלן טאַקע אויפהערן עסן געוויקסן און פּרוכטן. און „בורשטין איז געווען איבערגליקלעך, ווען

ער האָט דערפילט אין זיינע הענט דעם עפּל, ער האָט אים גע־גלעט און געצערטלט, געשפּיגלט זיך אין זיין שיינקייט און שעהען לאַנג געקעמפּט מיט זיין הונגער־גלוסטונג דעם עפּל אויפצועסן".

און נאָך דעם אויפעסן דעם עפּל איז שוין גיך געקומען דער סוף. מיר ציטירן די שורות פון לייוויקס בוך אַרויס וועגן זיינע סאַמע לעצטע רגעס: „מיר האָבן געזען ווי די הונגער־אַנגסטן מאַטערן אים, ווי די פינגער זיינע גיבן אַ פאַל אַרונטער און דערווייטערן דעם עפּל פון זיך, כדי אויסצוהאַלטן דעם נסיון. מיר שטייען צו אים צו, ער זאָל דעם עפּל עסן. מיר ווייזן אויף, אַז מיט אַזאַ איינשטע־לונג וועלן דאָך אַלע מענטשן מוזן אונטערגיין, זיי וועלן דאָך מיט קיין זאַך אין דער נאַטור נישט קאָנען שפּייזן זיך, כדי אָנצוהאַלטן זייער לעבן — ווערט דאָך דאָס מענטשלעכע לעבן, וואָס איז אים אַזוי הייליק, מוזן אומקומען — צי וויל ער עס? — אונדזערע רייד האָבן געווירקט. ער האָט, ליגנדיק אַזוי, ווי אין היגער־פּלעט, צו־געטראָגן ענדלעך דעם עפּל צו זיין מויל און אַריינגעביסן זיך אין אים, ווי צונויפגיסנדיק זיך מיט דער געטלעכקייט אַליין. קורץ נאָכ־דעם איז ער אויסגעגאַנגען".

מיר ווייסן פון אַ גרויסן רוסישן שרייבער, וואָס האָט אויסגע־טרונקען אַ פלאַש שאַמפּאַניער און איז געשטאָרבן. וועגן אַנטאָן טשעכאָוו ווערט דערציילט, אַז ער איז געווען אין דייטשלאַנד ביי אַ דאָקטאָר, זייענדיק אין דער לעצטער סטאַדיע פון טובערקולאָז און יענער האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער וויל נישט טרינקען אַ גלאָז שאַמפּאַניער; דער רוסישער שרייבער האָט אים געפאָלגט און ער האָט אויסגעטרונקען און ער איז געשטאָרבן. טויט איז אַלע־מאָל טויט, ער איז שטענדיק סוף און אויפהער! אָבער ווי אַנדערש טשעכאָוו איז געשטאָרבן, וואָס פאַר אַ לוקסוס־טויט דאָס איז גע־ווען אין פאַרגלייך מיט דעם טויט פון דעם יידישן שרייבער, וואָס האָט געהאַט אַ ווייטע ענלעכקייט צום דערמאָנטן רוסישן שריי־בער. בורשטין האָט, ווי טשעכאָוו, געשילדערט ירידה און ער האָט דאָס געטון מיט שטילע טענער, מיט שטילן ליריזם און מיט שטי־לער חכמה; ער האָט נאָר נישט פאַרמאָגט טשעכאָווס שטילן הו־

מאָר, ער האָט דווקא פֿאַרמאָגט פֿאַרביטערטקייט. מענדעלע מוכר ספרימדיקע פֿאַרביטערטקייט.

אין דאָכאָו איז ער אומגעקומען דער אומגעקערטער יידישער שרייבער. ער איז איינער פֿון די זעקס מיליאָן קדושים אונדזערע, וועלכע מיר וועלן אייביק דערמאָנען מיט אַ ציטער און וועמענס נשמות און פּנימער וועלן כסדר ברענען אין אונדזערע הערצער ווי אַ נר־תמיד. און דערפֿאַר טאָקע דאַרפֿן מיר די אָפּשאַץ־ווערטער וועגן אים שרייבן פֿאַרזיכטיק און נישט מגזם זיין, ווייל גוזמא ווירקט פּונקט פֿאַרקערט ווי קדושה.

ער איז געווען אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע דערשיינונג אין אונדזער ליטעראַטור, דער פֿון דער פֿרעמד געקומענער שטילער, באַשיידענער און זיכערער אין זיך מ. בורשטין. ער האָט געבראַכט אַזאַ מין סיסטעמאַטישקייט, וואָס איז געווען אַ זעלטנהייט אין אונדזער ליטעראַטור. ער האָט געבראַכט גויאישע און אַביסל אויך לערערישע פּלאַנמעסיקייט. און צוזאַמען מיט אָט דער גויאישער אויסערלעכקייט האָט ער געבראַכט אַ יידישן ברען, אַן אומקער צו זיך. אָט־אָ די צוויי קאָנטראַסטן, די נישט־יידישע פֿאָרם און דער היפּער־יידישער אינהאַלט האָבן געשאַפֿן די אייגנאַרטיקייט פֿון זיין שרייבן. אָבער עס וואָלט געווען אַ גוזמא צו זאָגן, אַז ער איז פֿולשטענדיק אָרגאַניש אַריינגעוואַקסן אין צענטער פֿון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעקלאַפּט מיט אַ זיכערקייט און מיט אַזאַ באַגאַזש, אַז מען האָט אים געמוזט עפֿענען „אַריין" און ער איז אַריין מיט איין, צוויי און דריי ווערק, אַז ער האָט געהאַט פֿאַרוואָס נישט צו בלייבן שטיין ביים אַריינגאַנג. פֿון איין ווערק צום צווייטן האָט ער אַ באַדייטנדיקן שפּאַן געגעבן. דאָס לעצטע ווערק — „ביי די ברעגעס פֿון מאַזאָוויע" — איז געווען דאָס בעסטע, אָבער גאָר ווייט איז ער כמעט נישט אַוועק. פֿאַראַן אין זיין עיקרדיקן וועזן די מענדעלע מוכר ספרימדיקע סאַטירע. אין „איבער די חורבות פֿון פּלוינע" איז אָט־אָ די סאַטירע פֿאַראַן מיט שעפּל און מיט לעפֿל. פֿאַראַן ביי אים אַ שטרעבונג צו שלום עליכמס מילדן הומאָר און „ביי די ברעגעס פֿון מאַזאָוויע" האָט ער עפּעס דערפֿון געגרייכט. באַשריבן האָט ער דאָס זעלביקע פּויליש־יידישע לעבן, וואָס אָפּאַ־

טאַשו און דאָ און דאָרט האָט ער געגוצט בערלגסאַנישע האַלבע טענער און זיין דינע איראָניע. גערדאַנקלעך איז ער געווען קרובהש צו ווייטערן, ווי יענער האָט ער זיך אומגעקערט צום יידישן נאַ־ציאָנאַליזם, כאָטש אַ באַדייטנדיקער אונטערשייד צווישן אָט־די ביידע איז געווען: ווייטער האָט זיך אַנטווישט אין סאָציאַליזם און ער האָט זיין העלד דערפירט צו פּאַסיוויטעט און שטומקייט, בעת בורשטין האָט געגלויבט צו רעאַליזירן די נאַציאָנאַל־יידישע אויפֿ־ריכטונג דורך אַן אַקטיוון סאָציאַליזם סואי געגערים, וואָס זיין העלד מאַטיאָס (אין „איבער די חורבות פון פלוינע") ברענגט אַרוים דורכאוים אַרטיקלמעסיק. מסתמא פעלן ביי אים אויך נישט קיין השפּעות פון פּרצעס סינטעטישער יידישקייט. און דאָך איז ער נישט קיין קרוב פון קיין איינעם פון אָט־די אויסגערעכנטע שרייבער. און דאָס דאָזיקע איז נישט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געשריבן פּרעמדלעך, נישט־יידיש דורכגעטראַכט, נאָר ווייל ער האָט געשריבן מער פּובליציסטיש ווי בעלעטריסטיש. דער נמשל איז ביי אים מער עיקר און דערפאַר אויך מער איבערצייגנדיק ווי דאָס משל. דער געדאַנק איז צו קלאָר פאַר אַ קונסטווערק און די מענטשן זענען נישט אַלע צום זען און צום אָנטאַפּן. זיי זענען שאָטנס וואָס ברענגען געדאַנקען.

פאַראַן אין דער וועלט־ליטעראַטור זייער אַ סך ווערק און איי־ניקע גאָר גרויסע, וואָס זיי האָבן אין צענטער געהאַט אַן אידעע, וואָס איז אויסגעדרוקט גאַנץ פּובליציסטיש. אַזאַ ווערק דרינגט אַריין גרינג צוליב דער אידעע און ווערט גיך פּאָפּולער, אָבער בלייבן בלייבט עס צוליב דעם קינסטלערישן געמיט, סביבה און לעבעדיקע מענטשן. די אידעע קען מיט דער צייט אָדער דורכאוים אַנערקענט ווערן און ווערן באַנאַל, אָדער איינגאַנצן אָפּגעוואָרפן ווערן און פאַרלירן יעדן זין, אָבער געמיט און געשטאַלטן בלייבן. ביי בורשטינען איז די אידעע נישט איין מאָל אַ גאַנץ שטאַרקער פלאַם, אָבער דער אַרום, דער „לאָמפּ", וואָס זאָל קאָנסערווירן דעם פלאַם און די שיין, איז נישט גענוגנדיק. עפּעס האָט בורשטין אויך פאַר דער אייביקייט, אָבער נאָר עפּעס. דאָס גאַנצע איז ביי אים דער היינט.

די יידישע ליטעראַטור איז טאַקע אַן אידעען־ליטעראַטור. יידישע שרייבער האָבן טאַקע געלערנט ביי מענדעלען — און ביי „ר׳ יידלען״ אַליין — נישט צו געבן נאָר אַ „קאַרטינקעלע״, נאָר דאָס בילדל זאָל האָבן אויך אַ נשמה, אָבער זי פאַרמאָגט דאָך נישט נאָר זאָגעכץ, די יידישע ליטעראַטור, נאָר אויך זינגעכץ. דער מוסר זאָגנדיקער מגיד האָט אויך געזונגען.

ביי בורשטינען איז דאָס זאָגעכץ מיט שעפל און מיט לעפל און דאָס געזאַנג איז געגעבן מיט קליינע לעפעלעך. אין אַ געוויסער מאָס איז מ. בורשטין אַ קרוב פון דוד פינסקי, וואָס איז דורכאויס אַן אידעען־ און פּראָבלעמען־שרייבער, מען דאַרף אָבער גערעכט זיין צו פינסקין און מודה זיין, אַז איניקע פון זיינע אידעען ווערן געבראַכט דורך אַ היפּשער צאָל גאַנץ לעבעדיקע פיגורן!

עס מוז דאָ באַלד באַמערקט ווערן, אַז אין איצטיקן מאָמענט האָבן בורשטינס ווערק אַ גרויסן ווערט אַלס דאָקומענטן. אין די דריי הויפּט־ווערק זיינע איז פאַראַן דאָס רויע לעבן פון דריי עפּאָכן אין פּוילישן יידנטום, און זיי האָבן אַ ווערט סיי פאַר דער געשיכטע, סיי פאַר דער קולטור־געשיכטע פון פּוילישן יידנטום און ווער עס וועט שרייבן אָט אַ די ביידע געשיכטעס פון זייט אָנהויב ערשטן וועלט־קריג ביז פשיטיק, וועט זיך אָן „גורל״, „איבער די חורבות פון פּלוינע״ און „ביי די ברעגעס פון מאַזאָוויע״ נישט קענען באַגיין. און לויט מיין הונדערט פּראָצענטיקער איבערצייגונג וואָלט דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן אין אַרגענטינע געדאַרפט אַריינגעמען אין זיין סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום״ אַלע דערמאָנטע דריי ווערק. אין שייכות אָבער צו דער יידישער ליטעראַטור מצד דעם קדוש פון פּלאָנסק און זיינע ווערק — וועט דער חשבון ערשט געמאַכט ווערן און עפּעס פון דעם טוען מיר אויך דאָ.

אהרון צייטלין האָט זיך אַמאָל אָנגעשטרענגט צו שאַפן אַ טערמין „יודעאָ פּאָלאָניסטיש״. ער האָט דעם דאָזיקן טערמין אָנגעווענדט פאַר אַלע פּויליש יידישע קאָנפליקטן און איבערהויפּט פאַר דעם סעקסועלן פּויליש יידישן קאָנפליקט. ווייזנדיק אין שכנהשאַפט האָט געמוזט קומען צו עראָטישע קאָנפליקטן צווישן פּאָליאַקן און יידן. די מערסטע קאָנפליקטן זענען געקומען איבער

ליבעם צווישן יידישע פרויען און פוילישע מענער. די ליבעם פון יידישע מענער מיט פוילישע פרויען האָבן ווייניקער געפירט צו קאָנפליקטן. דאָס איז אַן ענין צום שטודירן. דאָס יידישע פאָלק איז דורכאויס געווען קעגן אַזעלכע ליבעם און די יידישע לעגענדע האָט פאַקטיש אַקצעפּטירט נאָר איין ליבע אַזאַ — די ליבע פון קאַזשי־מיעזש דעם גרויסן מיט דעם יידישן שענקערס טאָכטער אסתּרקע. אין דעם יידישן פאָלקלאָר פון גאַליציע איז פאַראַן אויך אַ גיל־דענע רויזע, וואָס איז נישט פאַרשריגן געוואָרן פאַר קיין משומדת, כאָטש זי האָט געהאַט עראָטישע פאַרבינדונג מיט פּאָליאַקן. מ. בורשטין האָט אין צענטער פון אַלע זיינע דריי ווערק דעם קאָמ־פּלעקס פון יודעאָ־פּאָלאָניסטישע קאָנפליקטן און דאָס ערשטע ווערק זיינס האָט איבערהויפּט געהאַט טאַקע דעם סעקסועלן קאָנ־פליקט צווישן די ביידע פעלקער ביים ווייסל. דער דאָזיקער מאָטיוו ווערט באַרירט אויך אין די אַנדערע ווערק. אין „איבער די חורבות פון פלוינע" דערציילט דער מחבר, אַז דער טרעגער פון זיין געדאַנק, מאַטיאַס, האָט שפּאַצירט איבער די „פּאַסער אַלייען", וואָס זענען געווען באַגאָסן פון לבנה־ליכט און אַלע ווילע האָבן הורכ־געשוועבט פאַרלעך מיט בלישטשענדיקע אויגן. „די קאַוואַליערן האָבן געלאַכט און מיט נצחון געקוקט אויף זייער פאַנג, ווי יעגער אויף אַרונטערגעשאָסענע פייגל. אַן אומעט איז באַפאַלן זיין האַרץ". און דער מחבר האָט זיין געדאַנק דערפירט ביז צו זיין פאַרשפּיצט־קייט: „דאָרטן, אין די שטיבלעך, זיצן די חסידישע טאַטעס און זאָגן דעם „המעריב ערבים" און דאָ זענען די צוקינפטיקע קעמפער פאַר דעם יידן־ריינעם פלוינע זוכה מן ההפקר"... אין „גורל" איז כמעט קיין אַנדער קאָנפליקט, אויסער דעם סעקסועלן נישט פאַראַן.

עס קען זיין אַז בורשטין איז באַגאַנגען אַ פעלער: ער האָט „גורל" געדאַרפט אָנשרייבן אויף פּויליש און דערנאָך איבערגיין אויף יידיש. פאַקטיש איז „גורל" אַ פּאַמפלעט קעגן די דאָזיקע יידן, וואָס לייענען קיין יידיש נישט. מוקדוני באַמערקט, אַז אַלע דריי ווערק בורשטינס וואָלטן געדאַרפט ווערן באַמבעס און זיי האָבן דאָך ניט אויפגעריסן. זיי האָבן, מיינט דער באַרימטער קרי־טיקער אונדזערער, נישט געהאַט גענוג אויפרייס־שטאָף און וואַר־

שיינלעך איז דאָס נישט אומגערעכט. אָבער „גורל״ וואָלט אפשר יאָ געווען אויפגעריסן. עס איז טאַקע קינסטלעריש דאָס שוואַכסטע פון די דריי ווערק, אָבער דינאַמיט האָט עס מער ווי די אַנדערע צוויי — נישט צום פאַרגלייכן בעסערע — ווערק! און אויב עס האָט דאָך נישט אויפגעריסן, איז עס געווען, ווייל די דאַזיקע, וועלכע עס וואָלט באַרירט און וויי-געטון און זיי וואָלטן זיך גע־בייזערט אויף דעם און געמאַכט אַ טומל קעגן דעם, האָבן דאָס נישט געלייענט. עס איז אַ ווערק קעגן דער אַסימילירטער און האַלב-געשמדטער יידישער גבירהאָקראַטיע פון פוילן און קעגן די טעכטער פון אָט דער גבירהאָקראַטיע, וואָס האָבן חתונה געהאַט פאַר פּאָליאַקן און האָבן אַנגעפילט די גאַנצע אַטמאָספערע אַרום זיך מיט שמד און אָפט אויך מיט יידן-פיינטשאַפט.

אין דייטשלאַנד האָט אויך נישט געפעלט אַזאַ עפּאָכע. אויך דאָרט האָבן יידישע גבירים זיך איינגעקויפט אין דייטשן יחוס און איינגעהאַנדלט איבערהויפּט געפאַלענע דייטשע אַדלליים. היינע האָט דעם דאַזיקן „ליבע-מסחר״ און „פלייש-האַנדל״ אויסגעלאַכט נאָר ווי ער האָט געקענט. אין דייטשלאַנד איז אויך געווען אַן עפּאָכע, ווען געלערנטע יידישע פרויען, אַנהויבנדיק מיט די טעכ־טער פון משה מענדלסאָן בכבודו ובעצמו, האָבן זיך געשמדט און זענען געוואָרן די פרויען פון די באַרימטע מענער פון יענער צייט — די הומבאָלדטס, די שלעגעלס א. א. וו. און זיי האָבן אַרויסגע־רופן ביי זייערע מענער און געליבטע אַ פאַרערונג, אַ שנאה צום יידישן פאָלק. אין פוילן האָט אין די דאָזיקע באַציאונגען די חכמה און געלערנטזאַמקייט פון די יידישע פרויען נישט געשפילט אַזאַ וויכטיקע ראָליע, די עיקרדיקע ראָליע האָט געשפילט דעם טאַטנס געלט און דער טאָכטערס שיינקייט.

„גורל״ שפיגלט אָפּ די דערוואַכונג פון די יידישע מאַסן אין פוילן צו אַן אייגן לעבן און די ירידה פון דער יידישער אַסימיליאַ־טאָקראַטיע. עס קומט פאַר ערב דער ערשטער וועלט-מלחמה. די פוילישע פריצים ווילן, אַז די יידישע מאַסן זאָלן שטימען פאַר זייער קאַנדידאַט. די יידישע מאַסן אָבער ווערן אויס מאַשקעס און זיי הערן אויף טאַנצן מה יפית און זיי שטיצן דעם קאַנדידאַט פון דער

פוילישער אַרבעטערשאַפט, דעם פּאָליאַק יאַגיעלאָ, וועלכער ווערט טאַקע אויסגעוויילט. און דאָס דאַזיקע רופט אַרויס דעם ווילדן צאָרן פון די פּריצים, וואָס קענען נישט זיך צוגעוווינען צו דעם נייעם און חוצפּהדיקן טאָן פון „זייערע" מאַשקעס. און עס ווערט געוואָרפן דער לאָזונג פון „סוואַי דאָ סוועגאָ" און פון באָיקאָט קעגן יידן.

אַט אין יענער צייט האַנדלען נאָך פאַר זיך די יידישע פּלוטאָקראַטן איין — איידעמס פון די געפּאַלענע פּוילישע אַדלליט, וואָס האַלטן נישט נאָר אין מאָראַלישער, נאָר אויך אין עקאָנאָמישער דעקאַדענץ. די ברייטע יידישע מאַסן און זייער דערוואַכונג שילדערט לײדער בורשטין נישט, ער דערציילט נאָר וועגן זיי קוים, קוים, אָבער דעם גאַנצן עקלהאַפטן ליבע-האַנדל פון די רייכע יידן און די געפּאַלענע „וויעלמאָזשנים" ווייזט ער גאַנץ בולט און גאַנץ שאַרף. כאָטש פון דער נאַטור איז בורשטין נישט קיין פּאַטעטישער שרייבער, ער איז נישט קיין שרייער, נאָר אַן אַריינזאָגער, איז ער אין „גורל" ביידע. אי ער זאָגט אַריין אין דער זיבעטער ריפּ, אי ער דערלאַנגט נישט איינמאָל אַ געשריי.

צוויי מאָמענטן ווערן קולמינאַציע-פּונקט אין „גורל". ביידע זענען סאַטיריש, אָבער אויך פּאַטעטיש. איין מאָמענט איז אַ סעקסועלער. די פרוי פון דעם יידישן מאַגנאַט לובלינער, וואָס איז אַ מאַמע פון דריי קינדער, איז נישט איבערקלייבעריש אין אירע פּראָוויזאָרישע ליבעס, אָבער די גרויסע ליבע פירט זי מיט אַ פּוילישן פירשט און זי חלומט צו ווערן אַ פירשטין און זי געפינט אויס, אַז דער העלד, פאַר וועלכן זי האָט חתונה צו האָבן, האָט פאַרלוירן די מענערישע קראַפט. דאָס איז וואַרשיינלעך דער קאַנאַנעןשאָס אין דאַזיקן עקלהאַפטן געמיש פון „ליבע-האַנדל" און „פליישמסחר". דאָס איז אַ מאָמענט אַ סימבאָל. דער צווייטער פּאַטעטישער מאָמענט איז, ווען מען נעמט דעם דערמאָנטן גרויסן יידישן מאַגנאַט לובלינער פאַר אַן ערובניק און מען וואַרפט אים אַריין אין אַ וואָגן אַריין אינאיינעם מיט פּשוטע „יידליקעס", ווייל מען איז אים, פּונקט ווי זיי, חושד אין שפּיאָנאַזש. דער דאַזיקער מאַגנאַט ווייסט אַפילו נישט, אַז עס גייט אָן אַ באָיקאָט קעגן יידן און ער

האַלט זיך שוין אַפילו נישט פאַר קיין ייד און צום סוף שלעפּט מען אים אינאיינעם מיט יידלעך, וואָס טראָגן גאַנצע בערד און קאַפּאָטעס און שמאָלע היטעלעך...

„איבער די חורבות פון פלוינע" איז אַ סך אייגנאַרטיקער און קינסטלעריש גאַנצער און פאַרטיפטער ווי „גורל". קיין פערזענ־לעכער אינהאַלט איז אין „פלוינע" נישט פאַראַן. עס איז אַ שיל־דערונג פון אַ יידיש שטעטל אין פוילן, ווי אַ שטייגער, שלום אַשס שטעטל; די צייט איז אַ באַשטימטע: די עפּאָכע פון גראַבסקיס עגלה. עס שמעקט דאָ מיט ירידה און עס דראָט מיט אומקום. במילא קען דאָ נישט זיין שלום אַשס אידילישקייט און לירישקייט. פאַ־ראַן דאָ בייזע סאַטירע קעגן דעם הערשער, וואָס לייגט זיך אַרויף מיט הענט און פיס און לייב און לעבן אויף דעם קליינעם און שוואַ־כן יידישן ישוב און זייגט אוים דעם לעצטן טראָפּן בלוט און מאַרך און טוט דאָס אָפּן ציניש. און פאַראַן אַ טרויעריקער חוזק איבער זיך אַליין. דער איינציקער רעטער איז דאָ דער ציוניסט לוי. דער מחבר שילדערט אים אַ נאַאיוון, אַ פרומען און אַ הילפלאָזן. דער לעצטער מקובל פון שטעטל גיט לוין אַ מאָל אַ געשריי „שבתי צבי", אָבער קיין פאַלשקייט איז אין אים בשום אופן נישט פאַראַן. ער איז ערלעך און געטריי און ער מיינט אַלץ אויפריכטיק און ער גלויבט טאַקע, אַז דער ציוניזם וועט ברענגען דערלייזונג.

עס קען זיין, אַז בורשטין האָט דעם ציוניזם בכלל נישט גע־שילדערט אין זיין ריכטיקן ליכט. אין די יאָרן 1928־1930 איז שוין דער ציוניזם נישט געווען אַזאַ נאַאיווע באַוועגונג, ווי ער שיל־דערט זי אין אָט־דעם בוך. אַז עס זענען געווען אַזעלכע ציוניסטי־שע טיפּן ווי לוי, וועט קיינער נישט לייקענען, אָבער אַז לוי איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון ציוניסטישן מנהיג אין פוילישן שטעטל, איז אַ גרויסע פראַגע. אָבער בורשטין האָט אַזוי געזען דעם ציוניזם אין יענער צייט. און ער איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט אים אַזוי געזען. די מערהייט פון דער יידישער אינטעלי־גענץ און פון די יידישע שרייבער האָבן אים אַזוי געזען. און די ציוניסטן האָבן בשעתם נישט געפילט קיין באַליידיקונג אין דעם אופן ווי אַזוי בורשטין האָט געשילדערט דעם ציוניזם אין פלוינע.

אין די ציוניסטישע אויסגאַבעס פון פוילן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן גאַנץ גינציקע אָפּשאַצונגען וועגן דעם דאָזיקן בוך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1931 אין ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין. די ציוניסטן אַליין האָבן געוווּסט, אַז די נויט איז אַ סך גרעסער ווי די הילף, וואָס ער קען ברענגען. גראַבסקי מאַכט חרוב דאָס גאַנצע יידישע לעבן און ארץ ישראל קען אַלע פוילישע יידן נישט אַריינגעמען.

מ. בורשטין איז געווען נאָענט צו די בונדיסטן, אָבער אין „איבער די חורבות פון פלוינע" באַווייזט ער זיך נישט ווי קיין בונדיסט. דעם נאָדל־פאַראיין, וועלכן מען רופט דער פאַראיין פון די קוימענקערער, שילדערט ער אויך נישט דורכאויס פּאָזיטיוו און ער ווייזט נישט, אַז ער זאָל ברענגען אַ לייזונג צו דער יידישער פראַגע. אייגנטלעך ברענגט דער נאָדל־פאַראיין נאָר שאַרפע צעשפּליטערונג — צוליב אַ חמין־אַקציע, אָדער צוליב אַן אַנדער אַנטירעליגיעזער אַקציע — און סתם פלאַפּלעריי. די פלוינער שניידער און איינבינדער, די קינדער פון מלמדים און עגלעכע קלעריקאַלן און „בורזשויעס", פירן אַ קאַמף קעגן די אייגענע טאַטעס. זיי ווילן אומברענגען דעם קלעריקאַליזם פון מלמדות... און ראַטעווען ווילן זיי גאָר נישט דאָס יידישע פאָלק, נאָר די — וועלט. זיי זענען די גרויסע אינטערנאַציאָנאַליסטן. אין קאַפּיטל „קוימענקערער" דערקלערט דער אידעאָלאָג פון נאָדל־פאַראיין, סענדערל: „רעדן וועגן יידן, חברים, דאָס הייסט נאַציאָנאַליזם. מיר קעמפן פאַר אַן אַלגעמיינעם פּראָלעטאַריאַט און נישט בלויז פאַר יידן. ווער עס רעדט אַזוי ווי מאַטיאַס, דער איז אַ שונא פון פּראָלעטאַריאַט".

אין פּאַמע תוך אַריין איז דער טרעגער פון דעם מחברס אידעען דער שוין דערמאָנטער מאַטיאַס, וואָס האָט מיט זיך קיינעם נישט, ווייל איין טייל גייט מיט לוין און אַ צווייטער טייל מיט סענדערלען. מאַטיאַס ווערט פון סענדערלען פאַרשריגן ווי אַ ציוניסט, אָבער ער דערקלערט, אַז ער האַלט נישט דעם ציוניזם פאַר דער איינציקער רפואה. און דאָס דאָזיקע מיינט שוין צו זאָגן, אַז ער האַלט אים נישט פאַר גאָר קיין רפואה נישט. „איך באַשטיי,

זאָגט מאַטיאַס, אויף אַ יידישן פּויערים־קלאַס אין אַרגענטינע (!), אויף יידישע אַרבעטער אין פּוילנס פאַבריקן און אויף יידישע קאָלאָניעס אין קרים". די מאַטיאַסעס האָבן דאָך נישט געקענט פאַראויסזען דעם אונטערגאַנג פון דעם גאַנצן יידישן לעבן אין פּוילן, דעם חורבן פון די יידישע קאָלאָניעס אין קרים צוליב דער וועלט־מלחמה און דעם אינעווייניקסטן צעפאַל פון די יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. און אַפילו נאָך איצטער, אין דער עפּאָכע פון דער יידישער מדינה, זאָגט דאָך אויך קיינער נישט, אַז ארץ ישראל וועט אַריינגעמען אַלע יידן.

„איבער די חורבות פון פּלוינע" איז געשריבן, ווי שוין געזאָגט, מעגדעלע מוכר ספרימדיק. און אויב איר ווילט, איז מאַטיאַס אַ קלאָרער ישראליק דער משוגענער, וואָס איז ליידער נישט קיין לעבעדיקער מענטש, נאָר אַ געדאַנק. דער מחבר זעט זייער טרויעריק דעם גאַנצן צוזאַמענשטעל פון שטעטל, אָבער אַזוי ווי דער חורבן איז נאָענט, ווערט ביי אים די שאַרפקייט פון דער סאַטירע פון זיך אַליין פאַרגלעט און פאַקטיש ענדיקט זיך די אייגנאַרטיקע זאַך מיט אַן אַפּאָטעאָז פון הילפלאָזיקייט. דער חורבן איז אַ פולער און די לייזונג, וואָס ביידע צדדים זאָגן צו — דער ציוניסטישער און דער סאָציאַליסטישער — זענען נאָר טראָפּנס (יעדנפאַל זענען זיי אַזוי געווען אין יענעם מאָמענט). ווען לוי איז עולה קיין ארץ ישראל, וואַקסט דער מאָמענט אויס, כאָטש דער מחבר איז פון דער נאַטור אַ סאַטיריקער און ער בלייבט ניכטער און ער לאָזט זיך נישט מיטרייסן פון ביידע צדדים. די ציוניסטן פלאַטערן מיט דער בלוי־ווייסער פאָן און זינגען די התקוה און חברה מאַכט אַ ראָד און טאַנצט אַ הוירא און די קוימענקערער פּרוון אַרויסרייסן די בלוי־ווייסע פאָן און ליפע סטאָליאַר גיט אַ פּאַך מיט עפּעס רויטס. און כאָטש אין אָט דעם גאַנצן פאַרשידנאַרטיקן און רירנדיקן בילד איז דער קלאָרסטער געדאַנק געזאָגט געוואָרן פון לוים זון מאַטיאַס, וואָס פאַרלאַנגט ביים פאָטער, אַז ער זאָל נישט פאַרוויגן די מאַסן אין קיין זיסע חלומות און זי נישט אָפּרייסן פון טאָגטעגלעכן לעבן, זענען דאָס אָבער פאָרט נישט מער ווי קאַלטע ווערטער, וואָס ווירקן ווי אַ פּראָסט און אין דער באַוועגונג, וואָס דער

נאאיוועד לוי האָט אויפגעהויבן, איז פאַראַן וואַרעמקייט און גלויבן. דער ווייטער אָפקלאַנג פון התקוה פאַראייניקט זיך מיט דעם אָפּ־קלאַנג פון ליד פון די קוימענקערער אין יענעם האַרבסטיקן מאָ־מענט אין פלוינע און אין פויליש־יידישן לעבן בכלל.

...ווער וואָלט זיך פאָרגעשטעלט, אַז געראַטעוועט האָט זיך כמעט נאָר דער טייל, וואָס איז אַוועק פון פלוינע — קיין ארץ יש־ראל, אָדער קיין אַמעריקע — און אַז דער הויפּט־רעטער איז געווען דווקא דער נאאיוועד לוי?

און מען מוז מודה זיין, אַז אָט פּובליציסטיש ווי „פלוינע" איז געשריבן, איז אָבער אין דעם דאָך פאַראַן אַ טראָפּן פון עכטער קונסט, וואָס בלייבט און עס בלייבט אין דעם אַן אָפקלאַנג פון אַ לעבנס־געזאַנג, וואָס איז דערשטיקט און איבערגעריסן געוואָרן און שטיקער פון אָט דעם געזאַנג האָבן זיך געראַטעוועט און זענען אַריבערגעטראָגן געוואָרן איבערהויפּט קיין ארץ ישראל. טיילן פון אָט דעם געזאַנג האָט דער מחבר מ. בורשטין איבערגעגעבן מיט זיין בריהשקייט און טיילן אויך מיט זיין עכטקייט — — —

דערשטיקט און איבערגעריסן אָט דאָס לעבן האָט די פּוילי־שע מאַכט, פאַרענדיקט האָבן שוין דערנאָך די דייטשן. אין לעצטן ווערק, אין „ביי די ברעגעס פון מאַזאָוויע", ווייזט שוין בורשטין דאָס יידישע לעבן אין דער פּשיטיק־עפּאָכע, ווען פּאָליאַקן האָבן שוין זיך צעווילדעוועט אָן בושה. פאַקטיש פירן שוין די פּאָליאַקן אַליין דורך דעם פּראָלאָג און דעם ערשטן אַקט פון דער היטלער־טראַגעדיע פאַר יידן.

„ביי די ברעגעס פון מאַזאָוויע" האָט פונקט אַזוי נישט קיין פּאַבולע, ווי „איבער די חורבות פון פלוינע". עס איז דאָס „לעבן" אין אַ יידיש שטעטל. אַ לעבן פון יחידים און פון אַ כלל און אַלע טראָגן אַ שטריך אויף דעם האַלדז. און אויב אין פלוינע איז דער ציוניזם דאָך געווען אַ שטיקל האָפענונג, איז אין סמאָלין, ביי דער מאַזאָוויע, שוין די דאָזיקע האָפענונג נישטאָ. עס איז די עפּאָכע פון „ווייסן" ענגלישן בוך. פוילן שטיקט און דריקט און זויגט אויס דעם לעצטן מאַרך פון די ביינער און פון צייט צו צייט מאַכט דאָס פּאָגראָמען אויך, און וואוהין צו לויפן איז נישטאָ. קיין ארץ ישראל

לאָזט נישט דאָס ווייסע פּאַפּיר, אין אַנדערע לענדער לאָזן נישט אַנדערע שוואַרצע אַנטי־אימיגראַציע־גזרות. קיין מער הילפלאָזע לאַגע קען מען זיך שוין נישט פאָרשטעלן! אינעווייניק דער שטריק אויף דעם האַלדז און שטעקן איבער דעם קאָפּ און קיין אַרויסגאַנג איז נישטאָ. די יידן זעען אוים ווי באַשעפענישן, וועלכע מען האָט פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג און מען גרייט זיך זיי צו אומברענגען דורך ווילדע מיטלען. ווען מען לייענט „ביי די ברעגעס פון מאַזאָוויע" נאָך „איבער די חורבות פון פּלוינע" אין דער איצטיקער צייט, איבערצייגט מען זיך, אַז אין פּלוינע האָט בורשטין דעם ציוניזם געוויזן ווי דעם איינציקן שיין אין יידישן לעבן. אין סמאָלין איז שוין אינגאַנצן קיין שיין נישטאָ, עס איז פינצטער. און מען מוז לעבן אין דער פינצטער!

און נאָך איין זאַך זעט מען קלאָר אין אָט דעם ווערק, כאָטש דער מחבר גיט נישט דעם קלענסטן אָנדייט אויף דעם. מען זעט ווי די גאַנצע וועלט האָט היפּש צוגעהאָלפן צו דער אויסראָטונג פון די פּוילישע — און די אייראָפּעאישע יידן בכלל. פּוילן האָט געגעבן דעם פאָרשפּיל און דעם סיגנאַל, ענגלאַנד האָט פאַרמאַכט די טויערן פון ארץ ישראל און די גאַנצע וועלט און יעדעס לאַנד באַזונדער האָבן פאַרמאַכט זייערע טויערן. אַ פאַרמאַכטע שטייג, אָן אָנגעפּילטע מיט סם און גיי ראַטעווע זיך. און די יידן אין דעם גליקלעכן טייל וועלט האָבן אויך זייער חלק: זיי האָבן זיך כמעט נישט גערירט...

א. ליעסין האָט אין אַ וויגליד פון אַ פּוילישער יידישער מאַמע געזונגען צו אַ קינד:

„גרינע וואָלפישע אויגן לויערן הינטער דער טיר,
לויערן אויף טאַטע־מאַמע, לויערן אויך אויף דיר."

מ. בורשטין האָט דאָס דאָזיקע לויערן געוויזן קלאָר און פאַרצווייפלט, אָבער אויך מיט יידישן הומאָר. און דער מחבר אַליין האָט זיין הומאָר גראָד דעמאָלט געפונען מער ווי שטענדיק! אויף דער גרעניץ פון אומקום געפונען זיין הומאָר... גיי פאַרשטיי אַ יידישע נשמה! קינסטלעריש איז „ביי די ברעגעס פון מאַזאָוויע" — האָט שוין מוקדוני אָנגעוויזן — די גאַנצסטע זאַך בורשטינס

און מיר שיינט, אַז דאָס איז דערפֿאַר, ווייל דאָ איז פֿאַראַן הומאָר. ראַוויטש מיינט, אַז אַ ווערק, וואָס האָט קיין הומאָר איינגאַנצן נישט, האָט נישט קיין שאַנסן אויף אייביקן לעבן. פֿון אָט דעם שטאַנדפּונקט איז „ביי די ברעגעס פֿון מאַזאָוויע" דאָס אייביקסטע בוך בורשטינס!

דעם הומאָר אין אָט דעם ווערק ברענגט דער מחבר איבער־הויפּט דורך דעם האַרציקן פֿאָלקס־ייד הערש לוסטיק. אַ פּשוטער ייד אַ האַרעפּאַשניק איז ער. ער לעבט פֿון אַ סאַד, וואָס ער האַלט זומער אין אַרענדע. און ער איז אומעטום פֿול און אומעטום וואַרפֿט ער אַריין אַ גוט און האַרציק וואָרט און אַ שפּאַס. ער מאַכט אַזוי־פֿיל שפּאַסן, אַז עס דאַכט זיך אַמאָל אויס, אַז ער איז אַ לץ. און עס דאַכט זיך אויס, אַז דער מחבר זעט שוין נישט קיין שום אויס־וועג פֿאַר די יידן פֿון פּוילן און ער וויל זיי געבן אַביסל חלשות־טראָפּן אין דער פֿאָרם פֿון שפּאַס און ליצנות. ער שיקט זיי אַ הערשל אָסטראָפּאָליער אויף דעם אָרט פֿון אליהו הנביא. אָבער פּאַוואָליע ווערט הערש אויס לץ, ער ווערט אַ מנהיג פֿון שטעטל אויף זיין שטייגער. קיין האָפֿענונג אויף ארץ ישראל, אַמעריקע, אָדער אַרגענטינע האָט ער ניט צו געבן, וואָס זשע קען ער יאָ געבן? בטחון, גלויבן. אין ערגסטן פֿאַל גיט ער אַ שמייכל. און זיין שמייכל ווירקט. ער ווערט אַ דאָזאָר. דאַכט זיך אַ רויער ייד, אַ געזעל־שאַפֿטלעך נישט־צוגעגרייטער און דאָך קלויבט אים דאָס פֿאָלק אויס אַלס זיין פֿאָרשטייער און ער טוט זיינס. ווען אין די אָרימע הייזלעך איז קאַלט, ווייל עס איז נישטאָ אויף קיין הייצונג, רייסט הערש לוסטיק אויס אויף גוואַלד אַביסל געלט ביי קהל און ער פֿאַרשאַפֿט הייצונג. און ער וואַקסט אויס צו אַ סימבאָל. ער מאַכט וואָרעם... דער מחבר שילדערט אים רעאַל און ער ווערט דאָך אַ סימבאָל. אַ געמיש פֿון אַ פֿאָלקס־לץ און אַ פֿאָלקס־העלד.

און הערש לוסטיק אימפּאָנירט מיט זיין פּשטות, האַרציקער אויפֿריכטיקייט און מיט זיין הומאָר. שקצים וואַרפֿן אויף אים אַ שטיין און צעבלוטיקן אים און ער גייט אין דער פּוילישער שול אַריין און ער שטראָפֿט גוט אויס די לערער, למאי זיי דערציען אַזוי די קינדער. ער רעדט ערנסט און דאָך מיט הומאָר, ער רעדט

שטאַלץ און דאָך נישט אַזוי פאַררײסן, אַז ער זאָל אויפרעגן די לע־רער און ער זאָגט זיי, אַז קינדער זענען נישט שולדיק. די קינדער זענען געוואָרן דאָס, וואָס זיי זענען, נישט פון זיך, זיי האָבן דאָס אויסגעלערנט ביי די עלטערן. און די לערער קריגן פאַר אים אָפּ־שיי. אַ צעבלוטיקטער ייד און ער וויינט נישט, נאָר ער שטראָפט און מאָנט.

צו אַ סימבאָל וואַקסט אויס אין סמאָלין דער דאָקטאָר גבריאל פריוועד. ער איז פונקט אַזאַ צוריקגעקומענער ווי דער מחבר אַליין. ער איז שוין געווען אין דער גרויסער וועלט און ער האָט דאָרט קיין רו נישט געפונען פאַר זיין נשמה. ער אַנטלויפט פון דער ווייי־טער, גרויסער וועלט צו זיין סאַמע שורש און ער האָט אין סמאָ־לין חתונה פאַר אַ פּשוט מיידל, טאַקע זיינע אַ קוזינקע און ער באַהעפט זיך מיט זיין אייגן לעבן. ד"ר פריוועד איז ווייטערס אַ העלד פון אַ שפּעטערדיקער עפּאָכע. ווען ווייטערס העלד וויל זיך אומקערן צו זיין אייגן לעבן, גייען אים נאָך די זינד פון דער גרוי־סער וועלט און לאָזן אים נישט און ער איזאָלירט זיך און ווערט אַ „שטומער". ד"ר פריוועד גייען די זינד נישט נאָך. ער באַפרייט זיך פון זיי. ער קערט זיך אום צו זיין ריינעם לעבן און ער ווערט אַן עכטער פאָלקס־דאָקטאָר און היילט מענטשן מיט די ריינסטע כוונות.

עס איז נישט גוט אין פוילן. עס ווערט וואָס אַמאָל ערגער און ערגער. עס לעשן זיך לעצטע שיינען. און עס קומען פּאָגראָמען אי־בער פּאָגראָמען. און יידן פּאַסן זיך צו אויך צו אַזאַ „לעבן". און הערש לוסטיק פעלט קיינמאָל נישט אויס קיין גלייכווערטל, וואָס ברענגט טרייסט. ערשט דאָ פאַרשטייסטו דעם גרויסן זין פון פּרצעס וואָרט, אַז אונדזער שווערע אַרטילעריע איז אונדזער הו־מאָר... די דאָזיקע שווערע אַרטילעריע האָט געראַטעוועט טעג, אָבער נישט דאָס גאַנצע לעבן! אין פוילן האָבן יידן אין די לעצטע יאָרן געפירט אַ פאַראורטיילט לעבן פון אין ברירה און זיך גע־ראַטעוועט מיט הומאָר און מען איז אומגעקומען, האָט מען אין ארץ ישראל איצטער פאַרביטן דעם „אין ברירה"־הומאָר אויף אין ברירה קאַמף. עס קען זיין, אַז ווען בורשטין וואָלט זיין „ביי די ברעגעס

פון מאַזאָוויע" נישט געשריבן אַזוי גאַנץ קינסטלעריש און מיט הומאָר און ער וואָלט דאָס אַנגעשריבן אַזוי ווי אַ פּאַמפלעט, אַ שטייגער, ווי „גורל", וואָלט דאָס אַנדערש געווירקט. עס קען זיין, אַז ווען ער שרייבט אַן אַ פּאַמפלעט און ווייזט טאַקע נאָר פּובלי־ציסטיש, אַז די יידן זענען פאַרשפּאַרט אין פּוילן ווי אין אַ שטייג מיט סם און אַז דאָס לעבן פון אַלע דריטהאַלבן מיליאָן יידישע נפשות איז אין סכנה, וואָלט מען זיך צו זיינע ווערטער אַנדערש צוגעהערט. אַזוי ווי בורשטין האָט דאָס דאַזיקע ווערק אַנגעשריבן, האָט עס געווירקט מער קינסטלעריש ווי פּובליציסטיש. מען האָט געלייענט און באַוואונדערט דעם פיינעם יידישן הומאָר און דאָס יידישע נישט פאַרצווייפלען אַפילו אויף דער גרעניץ פון תהום און מען האָט זיך אַפילו געקוויקט מיט דעם...

„ביי די ברעגעס פון מאַזאָוויע" ענדיקט זיך מיט אַ פּאָגראָם אויף אַ שטעטל. אַ פּאָגראָם, ביי וועלכן אַלץ ווערט חרוב ונחרב און אַ סך מענטשן קומען אום. די פּוילישע רעגירונג פון דעמאָלט, וואָס האָט נישט פאַרבאָטן צו מאַכן פּאָגראָמען, האָט פאַרבאָטן צו דערציילן וועגן די פּאָגראָמען און דער מחבר האָט דאָס פּאָ־גראָם־קאַפּיטל געמוזט איבערמאַכן און שילדערן, אַז דער איבער־פאַל קומט פאָר אין — יאַפּאַן. ביאַליק האָט זיין „משא קעשענעוו" וועגן קעשענעווער פּאָגראָם געמוזט איבערמאַכן אויף „משא נע־מיראָוו" און ס'האָט געהייסן, אַז דער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, אָבער אין דער באַגדאַן כמעלניצקי עפּאָכע. בור־שטין האָט דעם געשילדערטן פּאָגראָם געמוזט אַריבערפירן אַזש קיין יאַפּאַן. טעלעגראַפישע אַגענטורן האָבן דעמאָלט דערציילט, אַז אַ יידישער מחבר האָט געמוזט זיינס אַ ווערק פאַרענדיקן מיט אַ פּאָגראָם אין יאַפּאַן צוליב צענזור־טעמים און מען האָט דערפון געקענט אַרויסדרינגען, אַז די פּוילישע רעגירונג שטיצט פּאָגראָ־מען און וויל, מען זאָל וועגן דעם נישט וויסן, זי שלאָגט און לאָזט נישט וויינען, אָבער קיין ווייטערדיקע קאָנסעקווענצן האָט קיינער נישט געצויגן...

קיינער האָט נישט געצויגן די ריכטיקע קאָנסעקווענצן פון אָט דעם בוך, וואָס ווייעט מיט גורל פון אומקום. דער מחבר אַליין

האָט זיי אויך נישט געצויגן. ער האָט בפירוש געוויזן ווי הערש לוסטיק שווערט ביי דעם אָפענעם קבר פון קדוש ר׳ ישראלטשע, אַז ער וועט ווידער אויפבויען סמאָלין. און אַלע האָבן געוואָלט גלויבן, אַז עס וועט טאַקע זיין אַזוי.

די דריי ווערק פון מ. בורשטין זענען אין אַ געוויסער מאָס אַ טרילאָגיע, כאָטש יעדער ווערק האָט אַנדערע העלדן. זיי האָבן אַלע איין העלד — דאָס פּוילישע יידנטום. אין אַ סך שטעלן ווערט פאַרביטן דאָס זינגען און שילדערן אויף זאָגן און רעדן און די פּובליציסטיק קומט אַרויס אויף דעם פאָדערשטן פּלאַן, אָבער אין אַלע דריי ווערט געטריי פאַרצייכנט דאָס לעבן אַליין, די כראָניק פון אַ פערטל יאָרהונדערט יידיש לעבן אין פּוילן. איז נישטאָ קיין שטאַרקע טיפקייט און גרויסע הויכקייט, אָבער עס איז פאַראַן דער אויבערשטער שטח, דער שורש און די לופט. מ. בורשטין האָט חוץ אַלעמען פאַרמאָגט אַ זעלטענע אַרבעטזאַמקייט, ער האָט זיך נישט באַגנוגנט אַרויסצוברענגען אַ פונקעלע דורך אַ דערציילונג, נאָר ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו אָנשרייבן ווערק און ער האָט זיי אָנגעשריבן און ער איז געוואָרן דער כראָניקער פון אַ פערטל יאָרהונדערט יידיש לעבן אין פּוילן.

ב. איירעם, כסלו התש״ט.

# איבער די חורבות פון פּלוינע

# ערשטער טייל

## פיר זיילן

פלוינע ליגט איינגעטונקען אין סעדער. ארום איר שפרייטן זיך אויס דערפער מיט ווייס-געקאלכטע הייזלעך און זאמדיקע וועגן. אוונט-צייט ווינקט אראפ צו זיי די פלוינער „לעקטריע", זייעט פונאנדער איר ליכטיקייט און וועקט אויף א בענקשאפט אין די פויערישע כאטעס צו דער שטאט. פלוינע איז דער מיטל-פונקט פון דער גאנצער געגנט, און דער מארק איז דער מיטל-פונקט פון פלוינע. גייט מען בארג-ארויף און מען קומט צו דער עלעקטרישער לאמטער, געפינט מען זיך ביים נאפל פון שטאט.

ווען א פרעמדער קומט קיין פלוינע און שמואל בעטקע פארפארט מיט אים אין מיטן מארק, קוקן אראפ צו אים מיט דער חשיבות פון זייער אלטקייט פיר הייזער פון די עקן שטאט. אלע זענען זיי געמויערט לויטן סטיל פון מלך סאביעסקים צייטן מיט באלכסונדיקע ליניעס צום שפיץ דאך. די איבעריקע הייזער טוליען זיך צו זיי און שפארן זיך אָן אָן זיי, וועלכעס מיט א וואנט אדער מיט א שפיץ דאך, ווי זיי וואלטן זיך געזוכט יחוס אין שאטן פון די אלטע מויערן.

די פיר מויערן זענען געגליכן צום פלוינער פאלק, וואס איז איינגעטיילט אין פיר הויפט-משפחות, ראשי אבות: די בענדעטעס, די בעטקעס, די שיקארעס און די איציק לייבס.

ווער ס'וויל וויסן די געשיכטע פון די פיר הייזער און ווי אזוי יידן האבן באקומען א מקום-מנוחה און געמאכט פון פלוינע א שטאט, דער זאל אין א קילן זומער-פארנאכט זיך אוועקזעצן אויף פנחסל שניט-סוחרס

שוועלן. דאָרט, אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקעלע — במקלי, ווי ער רופט עס — מיטן טאַבאַק-שקעטעלע אין איין האַנט און מיט די צוויי צוזאַ-מענגעקוועטשטע פינגער פאַר די ברייטע נאָזלעכער, וועט ער טרעפן זיצן דעם אַלטן איציק לייב און הערן ווי ער דערציילט:

״ס׳אי געווען אין די ציטן פון דעם קייסער נאַפּאָליען. די יידן האָבן שוין געהאַט די ביינעמען, וואָס די פּרויסן האָבן זיי געגעבן. דע-מאָלט האָבן די פּוילן געגרייט זיך צו ווערן צוריק אַ מלוכה. האָבן זיי געטון צו די יידן אַזוי זאָגן: זענען מיר דען נישט ברידער? שטאַמען דען נישט יעקב און עשו פון איין פאָטער? דערום לאָמיר מאַכן אחדות קעגן די פּרויסן, און קעגן עסטרייך, און קעגן רוסיי. האָבן די יידן געענט-פערט: מהיכא תיתא! אוודאי דאַרף זיין אחדות. און אויב מ׳דאַרף בגדים פאַרן חיל און אַזוי בכלל אַ פּאָר מאות אלפים גילדוין צו פירן די מלח-מות — איז דאָך נישט שייך: זענען יידן דאָך פון אייביק אָן יידן!

אין יענע צייטן האָבן מיר זיך אַלע פיר — איך האָב געהאַט די שווייג אין קאַפּיטאַוו, בענדעט איז געווען שווייגער אין ראַקיטנע — האָבן מיר זיך צונויפגעשמועסט מיטן וואַצלאַווער שווייגער, אונדז צו לענגערע יאָר, און מיט ישראל בעטקע פון כשאַנעוו און מ׳איז געגאַנגען מאַכן אַ שטאָט מיט אַ שול, אַ מרחץ און אַ בית-הקברות — אַ יידישע שטאָט.

האָבן מיר אויסגעקליבן פּלוינע, דווקא דערפאַר, ווייל מ׳האָט גע-ווּסט, אַז עס איז פון די מקומות, וווּ אַ ייד האָט אין יענע צייטן נישט געטאָרט וווינען. זענען מיר געקומען צום פּלוינער פּריץ — דער אַלטער כזשאַנאָווסקי איז געווען פון די חסידי אומות העולם — האָבן מיר זיך געבוקט צו אים און געזאָגט: גרויסער האַר! טו דיין חסד צו די יידן. מיר קאָנען נישט לויבן אונדזער גאָט. די קינדער וואַקסן אויף אָן תורה. בכן, האָבן מיר באַשלאָסן צו בויען אַ שטאָט, און דו זאָלסט זיין אונדזער האַר און אונדזער געוועלטיקער. האָט דער אַלטער כזשאַנאָווסקי, נישטאָ היינט אַזעלכע פּריצים, אויפגעעפנט אַ גרויס ספר און אַרויסגעלייענט: „אין יענעם טאָג וועל איך אייך פאַרזאַמלען פון אַלע עקן וועלט, און גאָטס באַרג וועט זיין דערהויבן איבער אַלע בערג, און ס׳וועלן קומען די פעל-

קער און זיך טועו בוקן אין יעקבס הויז. יידלעך! גייט און בויט אייך א שול".

דער פריץ האט באפוילן זיינע קנעכט, און מ'האט אויסגעהאקט א שטיק וואלד און אויפגעבויט די שול. דערנאך האב איך מיר געטון אויפבויען אט א די מויער, און בענדעט יענע אין ווינקל, און די בעטקעס האבן פארנומען דעם פלאץ פון היינטיקן בעטקע-געסל, און די שיקארעס — ביזן בית-עולם אראפ.

דער פריץ האט אן אונדז נישט פארגעסן. יעדן ערב יום-כיפור האט מען געשיקט פון הויף א קאסטן חלבנע ליכט און ארום חנוכה-צייט האט דער עקאנאם געבראכט אין שטאט אריין א פאר פירלעך קארטאפל פונ-אנדערצוטיילן צווישן די געמיינע מענטשן. פון יענער זייט ווייסל זע-נען געקומען נייע מענטשן, און פלוינע איז געווארן א יידישע שטאט. דעמאלט האט מען אנגעהויבן צו טון שידוכים. איך האב צוערשט חתונה געמאכט מיין אסתרן, משדך געווען זיך מיטן ראדזימינער מורה הוראה. יאנטשע, מיין אייניקל, געראט אריין אין טאטן זיינעם, עליו השלום. שפעטער האב איך חתונה געמאכט מיין יענטלען — פנחסל איז געווען א זיידענער יונגערמאן. און שיקארע האט געטון גאנץ ווילע שידוכים, און די בענדעטעס אויך, און דארטן, דאס פעבל אין בעטקע-געסל — די בעטקע-לייט — אויך. און אזוי האבן זיך יידן געטון מערן און פרוכ-פערן. ותמלא הארץ אותם — גאנץ פלוינע איז, קיין עין הרע, פול גע-ווארן מיט אונדזערע.

אט די דאזיקע פיר משפחות: די איציק-לייבס, די שיקארעס, די בענ-דעטעס און די בעטקעס זענען דאס די פיר זיילן, די פונדאמענטן פון פלוינע.

די פיר חוט-השדרות האבן זיך פארצווייגן מיט פלייש און הויט, און ס'זענען אויסגעוואקסן פיר גופים. פון דער פרעמד האט מען געברענגט איידעמס אויף קעסט, אוועקצוגעבן זיי שפעטער שענק אין די געוועל-בער, אויפצושטעלן זיי בוידן אין מארק אדער מאכן זיי פאר מלמדים.

יעדע משפחה האט זיך געצווייגן איר קייט און אירע קייטעלעך. אי-ציק לייב האט געהאט זין און טעכטער. זיי האבן געבוירן א נייעם דור.

די אייניקלעך ווידער האָבן אויסגעגעבן זייערע קינדער, וואָס האָבן ווידער געמאַכט בריתן. און אַזוי טרעפט אַמאָל: איציק לייב גייט, ווי זיין שטייגער איז, אַדורך איבערן מאַרק באַלכסון און טרעפט אַ יינגל מיט אַ חומשל אונטערן אָרעם. טראַכט ער וועמעס אייניקל דאָס איז: זיין עלטסטער טאָכטערס אייניקל אָדער דער מיטלסטערס — שטעלט ער אָפּ דאָס קינד מיט זיין שטעקעלע:

— הער נאַר, יינגעלע, וועמעס ביסטו? דו ביסט, דאַכט זיך, יאַנטשעס אָדער אַלטעס, האַ? וואָס פאַר אַ סדרה גייט היינט?

דערשרעקט זיך דאָס אוראייניקל און לייגט אריין אַ פינגער אין מויל.

— איך בין די מאַמע ביילעס. זיידע איציק לייב, גיב מיר אַ צווייער. היינט גייט די סדרה ואלה תולדות יצחק.

קוועלט איציק לייב:

— ואלה תולדות יצחק, זאָגסטו? אַ ווויל קעפּל! יצחק איז דאָך איציק. טאָ נאַדיר אַ פירער און גיב אַ שמעק טאַבאַק.

דאָס אוראייניקל גיט אַ שמעק פון איציק לייבס טאַבאַק־שקעטעלע, כאַפּט דעם פירער און אַנטלויפט מיט אַ פּשיקעריי און ניסעריי.

צעוואַקסן האָט זיך איציק לייבס משפחה אין דער לענג און אין דער ברייט, נעבן זיי האָבן זיך קוים אָנגעזען די שיקאָרעס מיט די בענדעטעס. אַ גאַנץ באַזונדערע מחנה זענען געווען די בעטקעס. אַ באַזונדער מקום האָבן זיי פאַרנומען אין שטאָט — דאָס בעטקע־געסל. בעלי־עגלות און פערד־הענדלער, דאַרפגייער און שמאַטשאַזשעס, שוסטערס, וואָס זענען זומער־צייט סעדערס און אויפקויפערס.

און כאָטש די שיקאָרעס מיט די איציק לייבס זענען אויך נישט געווען אָן אַ פלעק — אין דער משפחה פלעגט זיך אַמאָל אריינכאַפּן אַ בעל־מלאכה — האָבן זיי פונדעסטוועגן געקוקט אויף די בעטקעס און אויף די בענדעטעס פון אויבן אַראָפּ, האַלטנדיק זיי פאַרן „טאַלאַליסטוואַ", און צווישן די שיקאָרעס מיט די איציק לייבס איז געווען אַ קנאה־שנאה. נישט געקאָנט זיך פאַרטראָגן, האָט מען געטון שדוכים פון דער פרעמד און אַ סך מאָל טאַקע אריינגעפאַלן.

אַזוי למשל אסתר איציק לייבס.

אסתר, איציק לייבס טאָכטער, האָט געהאַט בסך הכל פינף איי־דעמס, אַלע בני־תורה. איז איינער געווען אַ לאָמע קאַליקע, און די קינ־דער האָבן זיך ביי אים גישט געהאַלטן — צוויי פון צוועלף געבליבן — און דער אַנדערער, אַ מלמד אַ זון פון ווארשעווער מקום, איז אוועק קיין בעלגיע שלייפן דימענטן און איבערגעלאָזט דאָס ווייב מיט די קינדער. און דער דריטער איידעם — אַך, דער דריטער! מיט אים איז מען גאָר מיאוס אריינגעפאַלן. און איציק לייב פאַרשטייט נישט: אַ מענטש זאָל זיצן יום־ולילה איבער ביכער און שרייבן. וואָס שרייבט ער דאָרטן, לוי? וואָס מיינט ער? מיטן שרייבן וועט ער אויפבויען ציון?! די אָרימע אַל־טע! אין אַ צייט פון מסים, שטייערן און פּאַדאַטקעס, מוז זי נעבעך אַלץ אַליין האָרעווען אויף דעם שטיקל חיונה! דערפאַר אָבער שמועסט מען אין שטאָט, אַז איר זון דער בכור... און איציק לייב טוט זיך אַ כאַפּ, אַז ער איז שוין לאַנג נישט געווען ביי אַלטען. ער פאַרקירעוועט אָן אַ זייט און בלייבט שטיין פאַר אַ שמאָל געוועלב.

— גוטמאָרגן, אַלטע! וואָס מאַכט עפּעס דיין מאַן, כ׳מיין דיין זון, דער אין ווארשע? מ׳זאָגט דאָך אויף אים, אַז גאָר, גאָר...

די פאַרהאָרעוועטע, איינגעמעליקטע און איבערגעבויגענע אַלטע לאָזט די קונים אַליין וועגן די סחורה און דערפרייט זיך מיטן זיידן.

— גוטמאָרגן, זיידע איציק לייב! שוין לאַנג נישט געזען דעם זיידן. סט׳אפשר טרינקען אַ טעפּל קאַווע?

איציק לייב קוקט מיט אַ בייזער מינע אָן אַ זייט.

— כ׳האָב שוין געטרונקען ביי פּנחסלען. וואָס טוסטו, אַלטע, און וואָס מאַכסטו, און וואָס הערט זיך ביי דיר?

אַלטע ווערט נישט דרייסט און פאַררוקטלט זיך, גלייך זי וואָלט נישט געווען קיין מאַמע פון אַכט קינדער.

— געלויבט השם־יתברך, זיידע. דאָס שטיקל ברויט איז דאָ. נישט מער, זיידע, די חובות לאָזן נישט שלאָפן ביינאַכט. און דאָס לויפן, און דאָס יאָגן. נישטאָ קיין צייט אויף אַ לעפּל געקעכץ.

ס׳וואָלט געווען כאָטש סחורה אין געוועלב, מ׳זאָל נישט דאַרפן צו

האנדלען מיטן „וויוווז" און הייבן די קוישן אויף די שטאַקן אין וואַרשע!
איציק לייב טוט אַ זיפץ.
— אַזוי, אַזוי, און דיין מאַן? כ'מיין דיין זון?
אַלטע קוקט מיט דאַנקבאַרקייט אויפן זיידן, וואָס אינטערעסירט זיך מיטן אוראייניקל. זי טוט אים אַ לאַך אין פּנים אַריין.
— מאַטיאַסן האָט מען גאָר גינציק אין וואַרשע. ער איז צווישן גרויסע לייט. ער לערנט נאָך אַלץ. פאַרדינט שוין צו ביסלעך און העלפט דער מאַמען אַרויס יעדן חודש.
ביי איציק לייבן קנייטשט זיך דער שטערן: ער וויל באַלד אַלץ פאַרשטיין.
— וועט ער מאַכן ווערן אַ לייט, דיין מאַטיאַס? ס'איז דאָך היינט אַן אַנדערע וועלט, האַ? אָבער וואָס איז זיין טועך, כ'מיין, וואָס לערנט ער?
— כ'ווייס, זיידע: ער לערנט אַלץ אין פּוילישן. כ'פאַרשטיי מיך נישט אויף די זאַכן. מסתמא וועט ער עפּעס ווערן.
איציק לייב גיט זיך אַ קראַץ אין דער פּאה, זוכט עפּעס אין קעשענע און געפינט נישט. לייגט ער צו צוויי פינגער צו די ברייטע נאָזלעכער, וויל עפּעס זאָגן, קאָן זיך אָבער נישט דערמאַנען, נעמט ער דאָס שטעקעלע און מאַכט דערמיט אַ שפּרייז פאַראויס.
— נו, האָב מיר אַ גוטן טאָג, אַלטע, און לאָז גריסן דיין זון פון זיידן.
און איציק לייב הייבט אָן די סדרה וויזיטן ביי די טעכטער, אייניקלעך און אוראייניקלעך.

# שלום ושלווה

יעקב געוואַזער האָט געעפנט אַ פּריש קעסטעלע און מיט אַ זיפץ פאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס. דער רויך האָט אים אַ שלאָג געטון אין האַלדז אַריין און אָנגעהויבן צו שטיקן. נאָך דעם ערשטן הוסט האָט זיך דער־הערט אַ קול פון קיך.

— רע יאַנטשע, רייכערסט שוין ווידער, דו מאַכסט דאָך דיך חרוב בידים!

די מאַמע אסתר האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאַרפלאָמטע פון דער מולטער, אין וועלכער ס׳איז געוואַקסן די ראָשטשינע. זי איז אַריין אין געוועלב מיט שטיקער קלעביק טייג אויף די הענט, אויסגעשטרעקט פאַר־אויס. אויפן פּנים האָבן זיך באַוויזן רויטע רעדער, ווי ביי איציק לייבן, ווען ער פלעגט אַריינפאַלן אין רציחה. אויפן זונס אָנבליק האָט זיך דער כעס אויסגעמישט מיט רחמנות און פאַרוואַנדלט איר געזיכט אין איין גרימאַסע.

יעקב איז געווען פאַרטון מיט צונויפמישן פאַרשידענע סאָרטן פאַרב און צוקלויבן די באַשטעלטע מוסטערן. ער האָט שווער געסאַפּעט מיטן גאַנצן קערפּער און לכתחילה געוואָרן אויפגערעגט פון דער מוטערס שטראָף־רייד. יענע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— געדענק אָן גאָט, אַן אַסטמאָווע מענטש זאָל רייכערן. דער דאָק־טאָר האָט דאָך דיר אָנגעזאָגט!

— דער דאָקטאָר ווייסט פון זיין הענט און פיס.

יעקב בייזערט זיך אָפּ און מאַכט אויף אַ פרישן קאַסטן פאַרב. אסתר שאָקלט סכנהדיק מיטן קאָפּ און פאַרברעכט די הענט.

— דער טאַטע אויסן אויג. ער האָט זיך אויך אַזוי געפירט. דו

ביסט דעמאָלט אַלט געווען אַ האַלב יאָר, און אַזוי האָט ער מיך איבער־געלאָזט אַ וויסטע אַלמנה. אַ מענטש זאָל זיך נישט קאָנען איינהאַלטן!

יעקב וואַרפט מיט רוגזה די צוואַנג אונטערן בופעט און קוקט מיט אויגן פון אַש־קאָליר אויף דער מוטער. אסתר שטייט וואַקלדיק, ווי אַ פראַגע־צייכן.

— מאַמע, רעג מיך נישט אויף. דו הייבסט שוין אָן דיינע טענות.

ער סאַפּעט אָפּ. אסתר קערט זיך אום אין קיך אַריין און מאַמלעט פאַר זיך:

— ס'איז אַ הימל־זאַך. מיין מזל אַזוי. די טרייסט אויף דער עלטער. דער קדוש־מאַכער און קדיש־זאָגער איבער הונדערט און... זאָל מיך גאָט בעסער נישט שטראָפן פאַר די רייד. וואָס פריער, איז בעסער. פּטור, אַראָפּ פון מאַרק.

יעקבן ווערט ענג אין דעם פאַרמאַכטן געוועלב. ער שרייט אַריין אין קיך מיט אַ ווייך קול:

— מאַמע, כ'גיי מיך איבער. כ'וועל אָפּטרעטן ביי לוין. ס'וועט קומען דער מאַלאַזש, וועסטו אים געבן יענע פאַרב פון ווינקל.

די מוטער דערלאַנגט אים דעם שאַל. יעקב פאַרשפּיליעט דעם געלן פּאַלטן מיטן סאַמעט־גרינעם קאָלנער, פאַרגלעט דאָס שיפּע, העלע בערדל, פאַרוויקלט דעם שאַל אַרום דעם האַלדז און גייט אַרויס.

דער פראָסט האָט אים אַ שמייס געטון, און אין איין מינוט האָבן זיך די פולבנע גלאַנציקע באַקן אָנגעצויגן מיט בלוט. די ברעמען זענען געוואָרן שנייאיק שטייף און די בלויע אויגן האָבן באַקומען אַ פיבער־האַפטן גלאַנץ.

ער האָט אַ טיפן צי געטון דעם פּאַפּיראָס. דער הוסט איז געוואָרן טרוקענער, האַרט ווי האָלץ.

יעקב האָט געטראַכט, אַז ס'איז אַ גרויסע מידה דער „הכובש את יצרו". מ'דאַרף טאַקע זיין אַ גבור דערצו. די דאָקטוירים פאַרזאָגן אים דאָס רייכערן. זיי איז עס לייכט צו באַפעלן: רייכער נישט! וואָס דען זאָל ער טון, אַז עס ציט אים ביים האַרץ? זאָל ער פאָלגן די דאָקטוירים, דאַרף ער אָוועקוואַרפן די פאַרבן, מיטן קאַלך, מיטן צעמענט און גאָר

אוועקפאָרן אינמיטן ווינטער קיין אָטוואָצק אָדער אין די וואַרעמע מקומות.

ער דערמאָנט זיך אָן שוואָגער, און ס'שווימט ביי אים אויף אַ נייער געדאַנק: אפשר? ס'איז פאָרט אַ וואַרעם לאַנד.

יעקב מאַכט אין זכרון אַ רעמאַנענט פון זיין גאַנץ פאַרמעגן: דאָס געוועלב מיטן קעלער, דער שפּייכלער מיט די פרישע צווייגן אויף קוישן און דאָס, וואָס ס'קומט אים ביי מענטשן, צורעכנענדיק דעם ווייבס צירונג מיט דעם האַלבן הויז — וואָלט ער דערפאַר געקאָנט קויפן אַ שטיקל נחלה דאָרטן און — אוים דאָקטוירים!

ביים עק מאַרק האָט ער פאַרקירעוועט און אריין אין אַ גרויס פּעדערהויז. מיט לאַנגע פּאָזעס, שווער סאָפּענדיק, גייט יעקב איבער די טרעפּ. בשעת יעדער הפסקה כאַפּט ער אָפּ דעם אָטעם. פון דער הייך דערגרייכט צו אים דעם שוואָגערס האַלב-וויינענדיק קול.

צו דיר, ציון, טו איך פליען,<br>
פאָרן, גיין באָדיי צופים,<br>
דאָרט, ווו די אתרוגים בליען,<br>
די טייטלען שמעקן זים.

ער איז אַריין צו דער שוועסטער. די געלאַטעטע טיר, פול מיט שפּאַרעס, האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַ שווערן סקריפּ. יעקב האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן די וואַסער-כלים אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. פון דער קיך האָט געשלאָגן אַ רויך דורך די פאַרקלעפּטע לעכער. באַלד האָט זיך דערהערט אַ ווייכער הוסט. דורך די געשטיקעוועטע און מיט זאַמד פאַרקלעפּטע שויבן שלייכט אַריין אַ געלבלעך ליכט פון אַ ווינטערדיקן זונען-אונטערגאַנג און פאַלט אויף דער ברייטער ספרים־שאַנק, אויף אַ פּאָר בילדער, וואָס הענגען אויף די ווענט און אויף דעם האַלב-רונדן גרינעם אויוון. אויפן נאַקעטן טיש ליגן אָנגעוואָרפן פאַרשידענע ספרים, ביכער, העברעאישע און יידישע זשורנאַלן. אָנגעשפּאַרט אָן די שטוים ביכער, שטייען אָפן דריי ווערטערביכער: אָן ענגלישם, אָן אַראַבישם און אַ „מלון"; דערנעבן אַ לעצטער נומער „מזרחי".

לוי זיצט איבערגעבויגן איבער עפּעס אַ געשריפטס, מיטן פּנים צום פענצטער. ער האַלט די פען ביי דער שליף און קוקט מיט גרויס צער

אויף הערצלס בילד, וואָס הענגט כמעט אונטערן סופיט. דאָס בילד איז געל פון אַלטקייט, די ברייטע, לאַנגע באָרד איז כמעט גרוי פון שטויב, און הערצל זעט אויס ווי אַן אַלטער מאַן, וואָס איז דאָ, ביי לוין אין שטוב, גרוי געוואָרן פון צרות. לוי חזרט איבער מיט אַ טיפער מאַנאָטאָניע אַ טרויעריק־סענטימענטאַלע מעלאָדיע און פאַרריכט אַלע ווײַלע די יאַרמולקע, וואָס באַוועגט זיך צוליב דעם אומאויפהערלעכן זיך קנייטשן פון זיין שטערן.

דער טיש, די ספרים־שאַנק, די צוויי אַלטע דעמבענע בעטן, די קאַנאַפּע און דער גרויער אויוון זענען אָפּגעצוימט פון דער אַנדערער העלפט שטוב מיט אַ רבנישער פאַרהאַנג, געוועבט אין פאַרשידענע קאָלירטע בלומען. דאָ, אין דער טייל דירה, אָדער „ביי מיר אין חדר", ווי לוי פלעגט זאָגן, איז אויסגעלייגט די רואיקייט פון אַ בית־דין־שטוב, אין וועלכער עס איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף אייביק אַ שטיק הייליקייט, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרשוועכן בשום אופן. לוי פלעגט דאָ, נישט געשטערט פון דער אַנדערער טייל שטוב, וועלכע איז געווען בלויז גשמיות, שווימען איבער ווייטע ימען קיין בבל, קיין ספרד, קיין אשכנז, קיין פוילן און צוריק קיין ארץ ישראל. און פאַרמאַטערט פון אַזעלכע ווייטע, הונדערטיעריקע נסיעות, פלעגט ער פאַלן אַ מידער אויף דעם ראַדזימינער מורה הוראהס אַלטער קאַנאַפּע, וואָס זיין ווייב האָט באַקומען אַמאָל דרשה־געשאַנק, און אַזוי אַפּליגן ביזן בין־השמשות. שפּעטער, אויפוואַכנדיק, ווי פון אַ טיפן שלאָף, פלעגט ער ווידער, ביי דער שיין פון דעם אַכטער לעמפּל, האַלטן לאַנגע וויכוחים מיט אחד־העמן און מיט ריינעסן. דער שאָטן פון לויס קאָפּ פלעגט דעמאָלט שטיין מוראדיק גרויס אויף דער וואַנט און אַנוואַרפן אַ שרעק אויף די קינדער, וואָס פלעגן זיך אויפכאַפּן אין מיטן דער לאַנגער טבת־נאַכט. דערזעענדיק אויף דער וואַנט דעם פאַטערס גרויסן אָפּגעשאָטנטן קאָפּ, פלעגן זיי זיך שרעקן פאַר טויטע. זוען ער האָט איינגעדרימלט, אָנגעלענט איבער אַ ספר, איז שוין אַלטע געשטאַנען אויף די פיס און געגרייט זיך אין געוועלב אַריין. דער קאָפּ האָט איר געשווערט ווי אַ געוואַלטיקע משא, צוליב דעם טשאַד פון דעם נאַפּט־לאָמפּ. דעמאָלט האָט לוין דורכגענומען דער ערשטער פאַרטאָג־

שוידער. ס'איז שוין נישט געווען כדאי אראפּצוציען די בגדים, איז ער אזוי געבליבן דרימלען, ביז די קינדער זענען אויפגעשטאנען. שפּעטער, בייטאָג, צווישן איין געשריפטס און דעם צווייטן, האָט לוי, ווי יוצא צו זיין, געכאפּט עטלעכע מאָל א דרימל.

יעקב האָט זיך דערנענטערט צום פאַרהענגל. אלטע האָט דערלאנגט דעם ברודער א בענקל.

— זעץ זיך, יאנטשע, ס'איז א רויך, האָ? אז איך בעט אים שוין פון צוויי וואָכן אהער: לוי, נעם און פאַרריכט די קיך, פאַרקלעפּ ס'פענצ־טער און מאַך אין אָרדענונג די קליאמקע, און ער: ר'האָט דען עפּעס צייט? אז גאנצע טעג האַלט מען אין איין בויען ציון. אָדער מ'שרייבט, אָדער מ'לייענט. און וואָס וועל איך רעדן, — זי האָט א טיפן זיפץ גע־טון — אז קיינער ווייסט נישט מיין פּיין.

פון הינטערן פאַרהענגל אפּער האָט זיך באוויזן לויס העלער קאָפּ. ער האָט זיך באגריסט מיטן שוואָגער אויף לשון־קודש.

— מה נשמע, אדוני?

דאָס בלאסע פּנים האָט געשמייכלט און די גרויסע גרויע אויגן האָבן באטראכט יעקבן, ווי זיי וואָלטן געטראָפן וואָס ער מיינט מיט זיין קומען. לוי האָט פאַררוקט די הענט אין די אָרבל און געוואַרט, דער שוואָגער זאָל אנהייבן די מחלוקת.

יעקב פירט זיך אָבער מעשה־סוחר. נישט געאיילט. זאָל לוי נישט מיינען, אז ער האָט אים שוין מנצח געווען אָדער, אז ער דאַרף צו אים אנקומען. פאַרפירט ער א שמועס מיט דער שוועסטער וועגן מסחר.

— האָסט אפשר, אלטע, א פּעקל בלויע פאַרב, שמואל בעטקע פאָרט ערשט דינסטיק קיין וואַרשע.

לוי לאָזט אראָפּ מיט יאוש די הענט און פאַרשווינדט הינטערן פאַר־הענגל. פלוינע שטעלט זיך אים פאָר ווי א מדבר, ער, לוי, שטייט אויפן שפּיץ ראַטהויז, און ביים עק שטאָט, הינטערן שעכטהויז, זענען אויפ־געשטעלט אויף די זאַמדן גאנצע שורות ביידלעך — מחנה ישראל. און ער וואָרנט זיי: געדענקט! איר וועט אויסשטאַרבן אין מדבר. אייערע

קינדער, דער יונגער דור, וועט זוכה זיין צו זען דאָס לאַנד. און לוין באַ-הערשט אַ רחמנות אויפן שוואָגער: נאָך גאָר אַ יונגער מענטש און אַזוי פרי זאָל ער אַוועקגיין פון דער וועלט. אַ שאָד, אַ שאָד, אָבער פּאַרט: דור המדבר.

יעקב האָט דערווייל איבערגעריסן דאָס געשפּרעך וועגן בלויער פאַרב און קלייען, און ווייסנדיק, אַז ער דאַרף איצט צום שוואָגער און נישט דער שוואָגער צו אים, האָט ער אויפגעהויבן דאָס פאָרהענגל און אַ פרעג געטון:

— ווי מיינסטו, לוי, וועלן די ענגלענדער אַרויס פון מצרים?

לוי האָט זיך דערשראָקן, ווי שטענדיק, ווען מען רייסט אים איבער זיינע געדאַנקען. די וויזיע איז פאַרשוואונדן. דערפאַר אָבער איז געשטאַנען פאַר אים דער שוואָגער, דער לעבעדיקער שוואָגער, און מצרים איז דאָך אַזוי נאָענט, גאָר נאָענט צו ארץ ישראל. לוי האָט זיך דערפילט צוריק אין זיין הויט.

ער האָט אָנגעהויבן מיט ישוב־הדעת:

— צי די ענגלענדער וועלן אַרויס פון מצרים אָדער נישט, דאָס אַרט אונדז יידן ווייניק. דער עיקר, מיר זאָלן אַריין דאָרט...

יעקב פילט, אַז עס גייט כשורה און ער איז אויף אַ דרך. מסתמא וועט דורכגיין דאָס מאָל אָן מחלוקת. ער האַלט אָבער אַ ווײַלע אָפּ מיט דעם עצם ענין.

— נו יאָ, ס'פאַרשטייט זיך אַליין, אָבער כ'מיין, כ'וויים, ענגלאַנד איז פאָרט אַ גרויסע מלוכה — דאָס טוט ער לוין צוליב — און זיי, די מצריים — ס'איז דאָך גלאַט אַ קרעציק פאָלק.

לוי פאַרטראַכט זיך, די אויגן באַקומען אַן אַנדערן גלאַנץ, און ער זעט פאַר זיך אַ נייע וויזיע.

— הער, יאַנטשע, דו געדענקסט דאָך אוודאי פון חומש: ועד על עריש. ס'איז אַ שטיק לאַנד, אַ פּאָר מיליאָן דונאַם. ווען די ענגלענדער זאָלן מסכים זיין, ווערן מיר אַ גרויסע מלוכה אַזש ביז מצרים. און זיי וועלן זיך האָבן זייער וועג קיין אינדיע. דו ווייסט דאָך, וואָס אינדיע איז טייטש: הודו, דו געדענקסט — הודו און כוש.

יעקב האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט עפּעס געווויר צו ווערן ביי לוין. איז ער מעשה-סוחר צוגעטרעטן צום ענין.

— קיין גרויסער בקי אין די מאַפּעס מיט די געאָגראַפיעס בין איך נישט. דו ווייסט דאָך. נאָר איין זאַך וואָלט איך געוואָלט וויסן: וויפל א שיעור און אַן ערד איז דאָס אַ דונאַם? לאָמיר זאָגן — אַ מאָרגע, צוויי, צי כ׳וויים, אַ האַלבער וואָליק?

לוי האָט אָבער נישט קיין השגה אין די מאָסן, און ער פּלייסט זיך דעם שוואָגער און זיך אַליין מסביר צו זיין.

— אַ דונאַם איז אַן ערך, פאַרשטייסטו, אַזוי גרויס, ווי פון דאַנען ביז... נו, אַ לענג פון גאַנצן הויף און טאָפּלט אַזוי ברייט.

יאַנטשע האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר שרעקעוודיקע אויגן און אָנגערופן זיך מיט פאַרדראָס:

— אויב אַזוי, דאַרף מען דאָך האָבן אַ קימאַ-לן פון אַ הונדערט דונאַם ערד, בכדי צו פאַרלייגן זיך אַ שטיקל „גאָספּאָדאַרסטווע”?

לוי האָט מורא, טאָמער פאַרלירט יעקב דעם חשק, וויל ער לייכטער מאַכן דעם ענין.

— פאַרוואָס הונדערט, גענוג פופציק, און ליתר דחק קען קלעקן פינף און צוואַנציק דונאַם אויך, אוורא דארץ ישראל מחכים, כ׳מיין עפּעס אַנדערש: די ארץ ישראלדיקע ערד קאָן מען נישט פאַרגלייכן מיט דער גלות-ערד, ס׳איז דאָך עפּעס אַן ארץ זבת חלב ודבש.

אַלטע הייבט אויף די פאַרהאַנג און שטעלט אַוועק אויפן טיש, נעבן לוים כתבים, אייניקע שעכטעלעך פּאַרב. יעקב פאַרהוסט זיך. לויט דעם מאַנס בלאַסקייט פאַרשטייט זי, אַז דער ברודער רעגט זיך אויף, מישט זי זיך אריין.

— לוי, דו פאַרדרייי אים נישט דעם קאָפּ, ער איז אַ שוואַכער מענטש. וואָס טויג די זאַכן — ארץ ישראל, שמאָל, גענוג, אַז דו בויסט ציון און איך טראָג לוים און ציגל.

לוי האָט גענומען יעקבן אַן אַ זייט, צוגעפירט צו דער טיר און אַ פרעג געטון בלחש: מיינסט עס טאַקע אויף אַן אמת?

— וואָס שייך, צי אויף אַן אמת? ס'איז פּאַרט אונדזער לאַנד. אַ וועלט איז דאָך נישט משוגע!

זייערע אויגן האָבן געקוקט אויף דעם שוואָגער מיט אַ געוואַלטיקער בקשה. ער האָט געוואַרט אויף דאָס וויכטיקסטע און געפילט, אַז איצט מוז ער, בלי נדר, נעמען זיך צו דער זאַך. לוי האָט זיך אַ ווײַלע גע־קווענקלט און צום סוף אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי אײַנער, וועל־כער האָט זיך דעצידירט אויף עפּעס נאָך אַ לאַנגן קאַמף.

— הער, יאַנטשע, כ'וועל דיר מגלה זײַן אַ סוד, נאָר ס'זאָל דער־ווײַלע בלײַבן בײַ אונדז. איך פאָר דעם לעצטן טאָג חנוכה אויף אַן אסיפה קיין וואַרשע. מ'מאַכט אַ חברה צו קויפן ערד אין ארץ ישראל, און מ'גייט פאַרלייגן אַ קאָלאָניע מיט אַ שול, מיט אַ חדר — פאַר יידי־שע מענטשן, פאַרשטייסט? ס'איז שוין דאָ אפילו אַ נאָמען: „שלום ושלווה" הייסט די חברה, און אַזוי וועט הייסן די קאָלאָניע.

— שלום ושלווה?

— שלום ושלווה.

בײַ יעקבן האָבן זיך די באַקן פאַררויטלט. ס'איז אים מיטאַמאָל באַ־פאַלן אַ שטאַרקער הוסט פון גרויס איבערראַשונג. די פאַרבן, מיטן קאַלך, מיטן צעמענט, מיטן שפּייכלער זענען ערגעץ פאַרשוווּנדן און אויף זייער אָרט האָט יעקב געזען פינף און צוואַנציק שטיקער פעלד. יעדעס שטיק אַזוי גרויס ווי דער לאַנגער הויף און טאָפּלט אַזוי ברייט. די גאַנצע נחלה איז אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן פון רויטע שטאַכעטן, ווי בײַ קאַשינסקין דעם דאָקטאָר. ער, יעקב, שטייט בײַ די טייטלביימער און ציט אַריין די פרישע, ריינע לופט. ער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו רייכערן און בייגאַכט שטיקט אים נישט מער די אַסטמע. אין עק פעלד, לעבן זײַן נחלה, שטייט דאָס בית־המדרש אָפּגעווייסט מיט קאַלך. און אין מיטן טאָג, בשעת דער גרעסטער היץ, כחם היום, לייגט ער אוועק דאָס דרעשן די תבואה און כאַפּט זיך אַריין אויף אַ האַלבער שעה, עפנט אויף די גמרא ברכות און פאַרטיפט זיך אין די דינים וועגן מעשר, לקט, שכחה און פאה. פאַרנאַכט־צו זעצט ער זיך אוועק מיט זײַן גאַנץ הויז־

געזינט אונטער א פייגנבוים און טרינקט מילך מיט האניק, ווי דער דאָק-טאָר קאַשינסקי האָט אים געהייסן.

פון גרויס מתיקות האָט אים פארפעלט אָטעם. ס'איז פאַר אים גע-ווען א געוואלדיקע בשורה, ער איז נישט בכוח געווען ארומצוטראָגן דעם ענין. די פינף און צוואנציק דונאַם ערד האָבן אים אַלץ פארשטעלט. און יעקב האָט געוואָלט ווי אַמשנעלסטן ארויס פון דער שוועסטערס ענגער דירה. ער איז צו צום שוואָגער.

— הער, לוי, צוויי ווערטער. דו שרייב מיך איין אין דער חברה און אויב מ'דאַרף האַנט־געלט...

ס'האָט אים פארפעלט אָטעם. ער האָט געעפנט די טיר און אַראָפּ-אויף די שטיגן האָט אים דעריאָגט לויס קול.

— אַלזאָ געדענק: שלום ושלווה!

— שלום ושלווה — האָט יעקב זיך אליין געענטפערט.

אין פאָדערהויז האָט ער זיך געטראָפן אויג אויף אויג מיט פנחסל שניט-סוחר. ביידע האָבן זיך פארשטאַנען אָן ווערטער. פנחסל האָט זיך געציפּט דאָס שמאָלע בערדל, צוגעלייגט דעם שפּיץ צו די אייגעלעך און, קוקנדיק אָן א זייט, זיך אָנגערופן צו יעקבן:

— כ'האַלט ביים פארקויפן די האַלבע מיל.

יעקב האָט אויפגעלויכטן. די בלאַסקייט פון פנים איז פארשוווּנדן און זיינע באַקן האָבן זיך אויפסניי אָנגעהויבן רויטלען. ער האָט אין פנחסלס ווערטער געזען א גוטן סימן פאַר זיך.

— טראַכסטו טאַקע וועגן ארץ-ישראל, פעטער?

— ווער טראַכט דאָס נישט אין היינטיקע צייטן?

פנחסל האָט געוואָרט אויף יעקבס הסכמה און אויף א שטיקל עצה, און געמיינט האָט ער דער עיקר, צו הערן נייעס. יעקב האָט אים אָנגעוויזן אויף די שטיגן.

— אויב אַזוי, טאָ גיי ארויף צו לוין.

און אין די עטלעכע ווערטער האָט ער געמיינט צו געבן אַן ענטפער אויף אַלע פנחסלס און איציק לייבס פראַגן.

# נ י י - י אָ ר

א רחבותדיקע שטילקייט.

די הייזער, טיף געבויגן אונטער דער מאַסע שניי, דרימלען במנוחה. זייערע באַלעבאַטים רוען, האָבן שבת אין דער וואָכן. אומגעשטערט לויפן איבער די געסלעך הינט, נישטערן, זוכן און באַוועגן מיט די עקן.

ס'דערנענטערן זיך סקריפּענדיקע, שווערע טריט. פון דער אָפענער גאַס, וועלכע ציט זיך העט ווייט ביז די פעלדער און גערטנער, קומען אָן דריי געשטאַלטן מיט לאַנגע בייטשן, אין הויכע יוכטענע שטיוול. פון די באַשליקן קוקן אַרויס שנייאיקע וואָנסעס מיט פּנימער, רויט ווי טשוויק. די טריט, געלאַסענע, מיט קאַלטער רואיקייט, פאַרקירעווען זיך פון הויף צו הויף. די געשטאַלטן פאַרמעסטן זיך מיט די בייטשן קעגן די פענצטער.

א סוויסטשעריי שניידט דורך די לופט. איינמאָל און נאָך אַמאָל:

— נאָווי ראָק!

— נאָווי ראָק!

ס'איז נייַ־יאָר.

זאָרגלאָזע, האַרטע קלאַנגען טראָגן זיך איבער דער קירך־גאַס. רו־איק, קאַלט באַוועגט זיך דער יום־טובדיקער עולם, ביז ער בלייבט שטיין פאַר דער פול־געפּאַקטער קירכע צו הערן די דרשה. פון די הייף טראָגט זיך אין מאַרק אַריין א פעטער ריח, געמישט מיט דער שטאַרקייט פון גע־טראַנק. יידישע נעז פאַרקרימען זיך — ס'איז זייער יום־טוב.

אין פּלוינע זענען די געוועלבער געשלאָסן. אָבער סוחרים רוען נישט. מ'זאָרגט אין מיטן מאַרק. די שטערנס קנייטשן זיך, די הענט שניידן, ווי די פליגלען פון ווינט־מילן, דעם קאַלטן חלל.

אויף די שוועלן פון פּייווישעס הראָם ביים עק מאַרק, ווו ס'הייבן

זיך אָן צוויי גאַסן אונטער אַ גלייך ווינקל, שטייט אַן עדה יידן און מ'שמועסט. די קעלנער אויפגעשטעלט, הענט פאַררוקט אין די אַרבל, די פוטערנע היטלען אַראָפּגעצויגן איבער די אויערן.

רופט זיך אָן דער קאַלאַניאַל-סוחר מעשה באַלעבאַס, ס'זענען זיינע שוועלן:

— אַ—ז—ו—י... הייסט עס, דער מסחר שטעלט זיך אָפּ.

און ער וואַרפט אַ בליק אויף פּנחסל איציק לייבס, יענער זאָל באַ־שטעטיקן.

— איילט זיך נישט, ר' פּייוויש. עולם כמנהגו נוהג. אַ וועלט גייט נישט אונטער. ס'איז אַן איבערגאַנג אַזאַ, רחמנא לצלן. כ'האָב אייך שוין אַנומלט געזאָגט: מ'קאָן נאָך נישט וויסן גענוי, וואָס ס'וועט זיין. ס'איז נישט מער ווי אַן עת צרה ליעקב.

פּנחסל האָט געלאָסן אַ גלעט געטון דאָס שמאָלע שוואַרצע בערדל און פאַררוקט זיך נאָך שטאַרקער אין אויפגעשטעלטן קאָלנער. ס'האָט אים שטאַרק געוווּנדערט, פון וואַנען ס'קומען צו אים די דאָזיקע ווער־טער. איצט האָט ער זיך אַליין באַרואיקט. נאָך דעם ווי ער האָט אין זיך גובר געווען די שוואַכע מינוט, האָט ער שוין געטראַכט: טאָמער פאַר־קערט. ער וועט וואַרטן עד יעבור זעם. פון איילעניש קומט דאָך קיין גוטס נישט אַרויס.

פּייוויש האָט געענטפערט מיט אַ בייזער, נישט קוקנדיק אויף פּנחסלען.

— אוודאי, וואָס איז דאָ מורא צו האָבן: איר האָט דאָך שניט!

פון סאַמע עק שלייכט זיך אַריין אין מיטן ראָד מיט נישט דרייסט־קייט פּנחסלס איידעם. ער האָט זיך אָנגעטון אַ כוח.

— מ'שמועסט, אַז אויף שפּייז-האַנדל וועט מען דאַרפן האָבן די צווייטע קאַטעגאָריע.

ער פאַררויטלט זיך שטאַרק און אויס מורא, טאָמער ווערט זיין השערה באַשטעטיקט, קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— אויב אפילו מ'זאָל הייסן נעמען די דריטע קאַטעגאָריע, וועט אייך אַ העלפט קראָמען זיך פאַרמאַכן.

געזאָגט האָט עס וואַלדמאַן דאָזער מיט אַ צופרידענער מינע און מיט אַ מיין.

פּנחסלס אײדעם האָט ליבטער אָפּגעאָטעמט. ער האָט געמאַכט אַ חשבון: איין בופעט, צוויי שענק, אַן ענגלישע וואָג, אַ קוואַרטאַל דירה־געלט און אַ פּאַטענט דריטע קאַטעגאָריע, און דער נדן איז פאַרזאָרגט. בלייבט נאָר איבער סחורה. איז סחורה — באַקומט מען דאָך אויף באָרג. דער שווער וועט ערב זיין.

פון אַ זייט שמייכלט אַ צופרידענער וואַלדמאַן. די צופרידנקייט קומט פון באַטראַכטן זיין לאַגע. אליין שטאַמט ער פון די בענדעטעס און דאָ געפינט ער זיך ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער צווישן די שיקאָרעס און די איציק לייבס — דאָס פלוינער חשיבות. און ער ווייסט נישט, צי דאָס קומט צוליב זיין פול־געפּאַקטער שניט־קראָם, אָדער צוליב דעם שווער, וואָס האָט געקויפט אַ קאַמעניצע, אָדער גאָר צוליב דעם ציוניזם, וואָס שטייט גוט. און אַזוי ווי ער פילט, אַז פלוינע הייבט אָן צו האָבן דרך־ארץ פאַרן אַמאָליקן „בעדל קעלבאַס", ווייל ער טאַקע שמידן דאָס אייזן, ווי לאַנג ס'איז הייס, און אויפטון פאַר דער זאַך, פון וועלכער ער איז דער פאַרשטייער. רופט ער זיך אָן מעשה־תקיף, אלס בעל־דעה אין דער גמינע.

— כ'זאָג ענק, יידן, אַז מ'דאַרף זיך גרייטן אין וועג אריין.

חיים שיקאָרעס, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, מעשה־אריס־טאָקראַט, ער איז אַ מקורב אין הויף, קאָן נישט פאַרליידן אַזאַ חוצפּה, און אַזוי ווי ער האָט פאַרשטאַנען יענעמס מיין, גיט ער אים איבער דער נאָז:

— רעד בעסער נישט פון וועג. יידן שפּירן אומעטום דאָס יידיש־קייט.

ער באַקומט אָבער באַלד אַ שטאָך פון וואַלדמאַנען:

— דער רבי, זאָל לעבן, איז דאָך פאַרט געווען אין ארץ־ישראל, מ'שמועסט אפילו, אַז ער האָט געקויפט אַ נחלה — אַ גאַנצן באַזאַר מיט קראָמען אין יפו.

חיים האָט זיך פאַרקרומט, ווי אַ בייסנדע פליג וואָלט זיך אים

אוועקגעזעצט אין טרערן-גריבל פון אויג. ער האט דערפילט, אז וואלדמאן צווינגט אים אויף צו רעכענען זיך מיט זיין התנגדות. שגצט ער אים דערוויל אפ און גיט א שטרענגן שאקל מיטן קאפ.

— ניי שוין גיי! וואס קאן אזא איינער ווי דו פארשטיין פון רבינס דרכים, און וואס, ער זאל לעבן, מיינט דערמיט. ס'איז נאך נישט געקומען די צייט.

און דערמיט האט ער געמיינט דעם גאנצן ענין מבטל צו מאכן.

יעקב געוואזער פארהוסט זיך און מאכט א פשרה.

— פונדעסטוועגן דארף מען געוואויר ווערן אין דער זאך. די וועלט לייגט זיך אריין דערין. מסתמא איז עס עפעס. אזוי ווי איצט, איז דאך: באו מים עד נפש.

פנחסלען קוועלט א געפיל פון חרטה. די שיקלדיקע אייגעלעך. ווי צוויי פרישע יאגדעס, קוקן פארשעמט אויף יעקבן. נאכדעם, וואס ס'איז פארגעקומען אין פעדערהויז ביי לוין, האבן זיינע ווערטער עפעס נישט געפאסט. און צוריק געשמועסט: ווער ווייסט? אפשר איז טאקע נישטא קיין אנדערער אויסוועג. ער מוז פארריכטן דאס, וואס ער האט קאליע געמאכט. ער ציט ארויף אויפן שוואלבן-פנימל א גלייכגילטיקע מינע אוים מורא, טאמער וועט מען אים צופיל חושד זיין.

— מ'דארף א שמועס טון מיט לוין. ס'איז געקומען זיין צייט. גייט אריבער: אם לא יועיל, לא יזיק.

דער עולם האט זיך פארטראכט. פנחסלס ווערטער האבן ארויסגע- רופן א חידוש און א שטילן פארלאנג. בלויז חיים שיקארעס האט אים אפגעמאסטן מיט א שטעכיקן בליק און אנגערופן זיך סתם אין רעדל אריין:

— ס'איז א וועלט! אז מ'ווייסט שוין נישט ווער, וואס און ווען.

פון דער הויכער עלעקטרישער לאמטער אין מיטן מארק דערנענ- טערן זיך א פאר טיפע קאלאשן. איבערן סקריפענדיקן שניי מארשירט דעם קאנצעלאריע-יידלס דין שטעקעלע מיטן לאקירטן הענטל. העגעך האט נישט לאנג אנגעטון א הארט קאפעלושל, — וואס טוט מען דען

נישט צוליב פרנסה? — און ווייל: עבירה גוררת עבירה, האָט ער שוין אין איין וועגס פאַרשווירן — ביי הענעכן הייסט עס פאַרגלייכט דאָס בערדל. דאָס קאַפּעלושל איז אָבער נישט צוגעווינט צו הענעכס האַרבאַטן שטערן, שפּרינגט עס כסדר אַרויף און אַראָפּ און די גרויע קלעביקע אייגעלעך האָבן אַ טירחה: צו קוקן כסדר אַרויף צום ראַנד פון קאַפּעלוש, טאָמער פאַלט ער אַראָפּ אויפן פּנים און קלאַפּט אָן אָן דער פּלאַטשיקער נאָז, ווי עס האָט שוין נישט איין מאָל געטראָפן.

דערזעען יידן סוחרים שטייען און רעדן, האָט זיך דער ברייטער מויל־שניט ביי הענעכן צעשמייכלט פונדערווייטנס.

דער עולם אָבער האָט פּלוצלינג דערשפּירט דעם פּראָסט און גע־כאַפּט אַ ציטער. דער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן. יעדער איינער דערמאָנט זיך אָן עפּעס, און דער עפּעס טוט אַ ביס, אַז מען קאָרטשעט זיך אין צווייען.

דער ערשטער רופט זיך אָן וואַלדמאַן, ער איז נאָך כמעט ווי אַ בחור, קומט אים אַלץ אָן לייכטער, און ער האָט פאַר קיינעם נישט קיין מורא.

— נאַטיץ ענק גאָר הענעכן. אַלדע רוחות האָבן אים אָנגעטראָגן. ביז איצט געלערנט שרייבן דינסטמיידלעך פון בריוונשטעלער און איצט אַ גאַנצער קרוב ביי מלכות.

די לעצטע ווערטער האָט דערהערט הענעך, שפּרינגט ער אונטער שוין האַלב ברוגז, האַלב צופרידן, פון שמייכל איז קיין זכר נישטאָ, ער ציט צוזאַמען דאָס פּנים אין אַ שטרענגער מינע.

— יידן, כ'פאָר מאָרגן אין דער „ייזבע סקאַרבאָווע", גרייט אָן די פּאַטענטן. ווער ס'וויל נעמען אַ קלענערע קאַטעגאָריע, זאָל קומען היינט. פון פינף ביז ניין שרייב איך „פּאָדאַניעס".

דער טאָן איז געווען זיכער, שטרענג, כמעט באַפעלעריש.

— און וויפיל אַ שטייגער נעמט דאָס אַ דאָקטאָר פאַר אַ וויזיט?

וואַלדמאַן האָט, נישט וויסנדיק פאַרוואָס, זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן שווער און אָן דער ירושה, וועלכע ער קאָן זיך נישט דערוואַרטן און מוז אַלע טאָג אַרויפגיין צום ווייב. ער איז גרייט געווען דעם גאַנצן כעס אויסצולאָזן צו הענעכן, יענער דרייט זיך צופיל ביים שווער. איז אָבער

הענעך לעצטנס ביי זיך א תקיף און לאזט נישט זיך וויצלען אויף זיין השבון:

— די חכמות אן א זייט. כ'האב גערעדט מיטן נאטשאלניק פון דער „ייזבע". ביזן אכטן מוזן אלע פאטענטן זיין אויסגעקויפט.

די קעלט איז געווארן בייסיקער און אויסגעלייגט זיך אין דער גאנצער לענג פון די חוט-השדרות. דער חשק צו שמועסן איז אוועק און יעדער האט זיך פארטראכט באזונדער. פון כלל זאכן זענען זיי אריבער צו אייגענע חשבונות.

פון הינטערן באן-געסל האט זיך דערטראגן א געקלינגעריי. אין מארק האט אריינמארשירט א יום־טובדיקער עולם. מיט פאמעלעכע טריט גייט דער בירגערמייסטער מיטן דאקטאר. ביידע פירן א וויכטיקן געשפרעך. מ'דערקענט עס אן די פארזארגטע פנימער. די גאנצע שטאט איז אויף זייערע קעפ, און זיי ווייסן נישט ווי אזוי צו פארנוצן די שטייערן, קוקן זיי זיך ארום איבערן מארק, ווי א באלעבאס איבער זיין הויף. לעבן זיי שטעלן הכנעהדיקע טריט די סעקרעטארן און שרייבערס פון מאגיסטראט. פון הינטן גייען די קיילערס, די ראטמענער פון פלוינער שטאטראט, די באן-באאמטע און די אנגעשטעלטע פון די קאאפעראטיוון. גייען זיי סטאטעטשנע און געלאסן, ווייסן ווי צו שעצן זייער ווערט פאר פלוינע. די שילער און שילערינס אמיזירן זיך שטילערהייט אויף ביידע זייטן טראטואר, צוליב דרך־ארץ פאר די עלטער. גלייכגילטיק,כלאחר יד, גייען אלע ניין פלוינער סטודענטן. די שפאטישע מינעס און די אי־ראנישע שמייכלען זאגן אן גאנץ פלוינע, אז זייער גרויסקייט איז אין לשער. ס'גייען די בעדנארעס אין סטעלמאכעס און גלאט גויעס. די טריט זענען שווערע, געלאסענע און די בליקן רואיקע. גייען זיי מיט יראה נאך די „אביוואטעלעס" פון שטאט. די לעצטע זענען די דינסטן, „באבעס" און פארשידענע קאליקעס, וועלכע זענען די גאנצע צייט פון דער תפילה געזעסן פון ביידע זייטן קירך.

די סוחרים האבן זיך אפגערוקט אין א זייט, נישט צו ווארפן זיך

„יענע" אין די אויגן אריין. אָבער חיים שיקאַרעס איז געוואָרן אומרו־איק און געזוכט עפּעס אַ תחבולה.

— יידן, גייט אייך פונאַנדער. —

דאָס קול איז געווען האַלב באַפעלעריש, האַלב בעטנדיק. דער עולם סוחרים האָט שווייגנדיק אָפּגערוימט די שוועלן.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען דאָרט געשטאַנען לוסטיקע שקצים און באַוואָרפן מיט קוילן שניי די דורכגייענדיקע שיקסעס.

# ירושה-זילבער

מיט שרעק און אומגעדולד האָט פּלוינע געוואַרט אויפן אַכטן. די פּנימער זענען געוואָרן אויסגעקרומט אין פראגע-צייכנס. יידן האָבן אויס-געקוקט איינער אויפן צווייטן. יעדער האָט געוואַרט, אַז יענער זאָל זיין דער ערשטער. דערווייל, אין מיטן איבערלייגן זיך און באַטראַכטן, איז אַנגעלאָפן ווי אַ וויכער דער אַכטער און מיטאַמאָל אַלע געשטעלט אויף די פיס. אין שטאָט איז געוואָרן אַ שטאַרקע באַוועגונג. פון באַלד אינ-דערפרי אָן האָבן סוחרים מיט בייגעלעך פּאַפּיר און פאַרשידענע חתימות געלאָזט זיך אין ראַקיטנע-געסל צו הענעכן.

ביים קאַנצעלאַריע-יידל אין שטוב שלאָגט אַ פּאַרע, ווי אין אַ שוויץ-באָד. יידן שטייען קאָפּ אויף קאָפּ, און צווישן די באַבערדלטע חסי-דים מאַכן זיך אַ וועג מיט די עלנבויגנס ווייבער, געוועלבניצעס, וואָס קויפן אויס אויף זייערע נעמען פּאַטענטן. הענעך שטעקט די געגנדזענע פעדער אין גרויסן טינטער און שרייבט איבער פון איין בויגן פּאַפּיר אַלע „פּאַדאַניעס". ער רוקט אונטער מיט אַ בייזער דעם עולם אונטער-צושרייבן די פּאַפּירן.

— ס'וועט סיי-ווי נישט העלפן. שוין נאָכן טערמין. כ'האָב גע-וואָרנט. איצט האָט איר זיך פאַרשפּעטיקט. אַז מ'האָט צו טון מיט יידן! — שאָקלט צו דאָס קאַפּעלושל.

דער עולם שווייגט הכנעהדיק. זיי פילן זיך אַלע שולדיק. אָבער מ'פאַרלירט נישט די האָפענונג. אַלץ איז אָפּהענגיק פון הענעכן. ער אַליין קאָן נאָך פאַרריכטן. אוי, זאָל ער נאָר וועלן, ווי ער קאָן.

אַזוי טראַכטן די פּלוינער באַלעבאַטים. הענעך ענדיקט די לעצטע „פּאַדאַניע" און מיט אַ טאָן פון איינעם, וואָס פאַרשטייט זיין ווערט, און

מיט וועלכן אַלע דאַרפן זיך רעכענען, וועגדט ער זיך צום ווייב בקול רם, ווי ער וואָלט מיינען די סוחרים:

— פייגע, גיב מיר די קאַלאָשן מיטן שירעם. זאָל פאַרפאָרן שמואל בעטקע. כ׳וועל שוין אָנבייסן אין כשאַנעוו.

פּשעניצאַ דער תבואה-סוחר, וואָס איז שולדיק פאַר צוויי יאָר אומ-זאַץ-שטייער, נעמט זוכן העגעכס קאַלאָשן און דערלאַנגט אים דערוויילן דעם שירעם מיט גרויס אונטערטעניקייט. ווי נאָר העגעך איז אויפגע-זעסן און שמואל בעטקע האָט אַ קנאַל געטון מיט דער בייטש, האָט דער עולם זיך אַ לאָז געטון נאָך דער בריטשקע, ווי נאָך דעם ארון פון אַ בר-מינן. און ווי אַ שטייגער צו בעטן מחילה, האָט זיך יעדער איינגע-בויגן און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. ביי העגעכן האָט זיך דאָס קאַפּעלושל געוואָרפן אין אַלע זייטן, אַמאָל אויף יאָ און אַמאָל אויף ניין.

אין דער קירך-גאַס האָט זיך די בריטשקע פאַרקירעוועט אויפן כשאַ-נעווער וועג און די יידן זענען צוריקגעגאַנגען, ווי אבלים.

•

פּייוויש, דער קאָלאָניאַל-סוחר האָט זיך אומגעקערט אַהיים און אַריין אין שטוב דורך אַ הינטער-טיר. ער האָט געשפּרייזט איבער זיין חדר מיט פאַרלייגטע הענט פון הינטן און זיך פאַרטראַכט. און צו טראַכ-טן האָט ער געהאַט זייער פיל.

ווי אַלעמאָל אין אַזעלכע מינוטן, האָבן זיך ביי אים די דיקע ברע-מען באַוועגט איבער די אויגן און דער שטערן האָט זיך געקנייטשט אין טיפע פאַלדן ביז איבערן לטוטפות אַרויף. ער האָט געוואָרפן בליקן מיט זיינע גרויסע קינדערישע גלאַנציקע אויגן דאָ אויפן פאָטערס, דעם אַלטן רבס, בילד, דאָ אויפן קרעדענס, אין וועלכן ס׳איז געווען אויסגעשטעלט שורותוויז דאָס ביסל משפחה־זילבער.

מינוטנווייז האָט ער פאַרקירעוועט צום פענסטער און געוואָרפן בליקן אַקעגנאיבער, צו דער „ספּולקע". דאָרטן זענען געזעסן הינטערן בופעט יונגע קריסטינס. איינע האָט געוויגן, די אַנדערע האָט געמאָסטן אויפן אַרשין שניט-סחורה, די דריטע האָט פאַרפּאַקט פאַר די קונים בלויע געפעס. אין אַ זייט איז געשטאַנען די שאַנק־קאַסע. פוּוערטעס האָבן מיט

הכנעה דערלאַנגט די קוויטלעך און באַצאָלט. קונים איז געווען פיל. אַלע האָבן זיך איבער פאַרהאַלטן רואיק, און די פויערים, אַזוי ווי זיי זענען געלאָסן אריין, אַזוי זענען זיי געהאַרכזאַם אַרויס, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אַפּטייק אָדער אַ קירך.

לעבן דער „ספּולקע" זענען געשטאַנען צוויי שקצים אין ווייסע הי־טעלעך און געשמועסט מיט זיין יינגערער טאָכטער. זיי האָבן זיך אי־בערגעוווּנקען און שעלמיש געשמייכלט. מילע איז געשטאַנען אינדערמיט אַ צופרידענע. פון ביידע זייטן האָבן געגלאַנצט די גלאַט־פאַרקעמטע האָר און אירע טיפע אויגן, וואָס פלעגן אים שטענדיק דערמאָנען זיין טאַטנס, דעם רבס, אויגן, האָבן געקוקט אויף די שקצים. פּייוויש האָט אַ שטאָך געטון אין האַרץ. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך אָפּגעקערט פון פענסטער. בנות ישראל –– האָט ער געטראַכט, זיין אייגענע טאָכטער, און אויך זי ציט עס צו דער „ספּולקע". די שקצים מיט דער ספּולקע –– ס'איז שוין היינו הך... ס'האָט זיך ביי אים צונויפגעגאָסן אין איין זאַך, אין –– המקום המוכן לפורעניות. און פּייוויש דערמאָנט זיך, ווי ער האָט דאָס אַמאָל געלאַכט און חוזק געמאַכט פון דער „ספּולקע", דעמאָלט ווען מילע איז געווען קליין און אַלע אויפדערנאַכט צוגעלאָפן צום טאַ־טעשי פאַרן שלאָפן גיין אָפּזאָגן דעם „בורא נפשות". אויך מיר קאָנקו־רענטן געווען! און איצט –– מילע איז שוין גרויס, אַ דערוואַקסענע טאָכ־טער, אָנשטאָט דעם „בורא נפשות", לייענט זי, אַ פאַרפלאַמטע, ביז אין טאָג אַריין גוואַישע ביכער, איצט איז די „ספּולקע" גאָר עפּעס אַנדערש. עפּעס אַ גרויסער סוד שטעקט דערביי, וואָס פּייוויש איז שווער צו באַ־גרייפן. ווי לאַנג איז, ווי זיי האָבן דאָס ביי אים געקויפט סחורות אויף הורט און אין די שפּעטע אָוונטן אַרויסגעטראָגן דורך דער הינטער־טיר, נישט צו ווייזן דאָס ס'גייעס. נו, יאָ, אָבער די טאָכטער זיינע, זיין טאָכ־טער! ווי קומט זי צו דעם? איצט ווייטער די „ספּולקע". יאָ, עפּעס גאָר שנעל האָט זיך די „ספּולקע" פונאַנדערגעבליט. איינגעפירט מאָנופּאָל־טור, און לעדער, און כלים, און קאָלאָניאַל־סחורות. קויפן, קויפן זיי ביליקער, האָבן אַנדערע מקומות, צו וועלכע ער האָט נישט קיין צוטריט... און ער, פּייוויש, אַמאָל דער ערשטער קאָלאָניאַל־סוחר אין שטאָט, מוז אָנ־

קומען צו זיי. אזוי זיצט מען אין געוועלב און מ׳וואַרט אויף אַ קונה. ס׳פעלט דאָס און ס׳פעלט יענץ. די פּאָליצעס ווערן אַלץ ליידיקער. און איצט איז ניי־יאָר, שוין נאָך דעם אַכטן. פּייוויש האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם ירושה-זילבער און עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ. צו-ערשט דעם ווייבס צירונג און איצט...

נישטאָ קיין אויסוועג, נישטאָ קיין אויסוועג. און איצט די טאָכטער...

פונדעסטוועגן פאַרשטייט ער נישט זיי דאַרטן אין וואַרשע... ווי קאָן אַ ייד אַזעלכעס טון? המאבד את עצמו לדעת. אַליין בידים זיך נעמען דאָס לעבן!

— אָבער ווי אַזוי בלייבט מען פאַרט ערלעכער מאָן? — רופט אויס פּייוויש, ווי ער וואָלט האָבן לעבן זיך דעם בעל טענה.

די בעטקעס האָבן ביי אים שטיין געלט. אַרום שבט הייבן זיי אָן צו דינגען סעדער. און ער האָט נאָך נישט דערוויל אַפילו דעם פּראָצענט. זיי האָבן נישט קיין וועקסלען און קיין קוויטעס. ס׳וועלן קיין פּראָטעסטן נישט זיין, אָבער ווי אַזוי לאָזט מען צו אַ סקאַנדאַל. זאָל ער אָנהייבן מיט די בעטקעס? זיי וועלן דאָך אים בפרהסיא מבזה זיין. אַ, מיט זיי טאָר מען נישט אָנהייבן. אַ ליאַדע וואָס, שעלטן זיי מיט טויטע קללות. בלייבט נישט מער איבער, ווי צו נעמען דאָס ירושה־זילבער און...

פּייוויש איז שטיין געבליבן פאַרן פּאָטערס בילד. ער האָט זיך דער-מאַנט. ס׳איז שבת, אין חודש תמוז. דער אַלטער רב זיצט ביים לאַנגן טיש אין בית־המדרש. אַרום אים זיצן מיט הכנעה און דרך־ארץ יידן בעלי מלא-כות, תהילים-זאָגערס, פון „פּאַרנט-דאַוונערס", חברה-קדישא-לייט און בעלי עגלות, אַלע בענדעטעס און בעטקעס, ס׳פעלן אויך נישט פון די איציק לייבס. דער רב מיט די רויטע קראַנקע אויגן לערנט מיטן עולם פּרק: „פשוט נבלה בשוק", שינד אָפּ אַ נבלה אין גאַס, דו זאָלסט נישט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן. און פּייוויש גיט אַ קלער, אַז ס׳וואָלט גאָרנישט גע-ווען קיין קרומע זאַך, ווען אין גאַס זאָלן ליגן נבלות און יעדער ייד, וואָס דאַרף אָפּגעבן אַ חוב אָדער אויסקויפן אַ פּאַטענט, זאָל נעמען און שינדן די פעל פון די נבלות...

אָדער למשל מ׳דאַרף חתונה מאַכן אַ טאָכטער.

פייוויש דערמאנט זיך אָן עלטערן מיידל און גיט אַ זיפץ. אַ וווילער ייד דער פנחסל, אָבער פאַרט איציק לייבס „פּאָקאָלעניע”. שיינע צייטן אָנגעקומען פאַר די שיקאָרעס. מ'מוז נאָך פאַר ליב נעמען. ווער ווייסט? אפשר שטייט זיי גאָרנישט אָן! און פייוויש טראַכט, אַז אייגנטלעך האַלט ער מיט זיין ראָכטשען בעסער, ווי מיט דער יינגערער.

און איצט דער זון. קומט אויס, אַז ער איז ארומגערינגלט פון אַלע זייטן. ער? פאַרוואָס בלויז ער? און דאָס גאַנצע שטעטל? אזוינס איז נאָך נישט געווען. פון דרויסן און פון אינעווייניק (פייוויש האָט זיך דערמאַנט, אַז עס לויערט נאָך אַ גרויסע סכנה אויף יידן פון אינעווייניק). אויב אזוי, איז אפשר שוין טאַקע אָנגעקומען די צייט. משיחס צייטן. טאָ דאַרף מען דאָך נישט זיין כנגד. און פייוויש כאַפּט זיך, אַז אַמאָל, אַמאָל, שוין גאַנץ לאַנג, מ'איז נאָך געווען איידעמס אויף קעסט, פלעגט מען אין די שבת־צו־נאַכטסן טרינקען מיט לוין ביריש ביר, צובייסן מיט הערינג, לייענען דעם „המגיד” מיטן „המליץ” און זינגען:

אין דער סאָכע
ליגט די מזל ברכה.

דעמאָלט איז גאָרנישט געוואָרן דערפון. אָבער איצט? ווער ווייסט?...

און פייוויש באַשליסט ביי זיך אריבערצוגיין בלי נדר שבת־צו־נאַכטס צו לוין און איבעררעדן מיט אים וועגן דער זאַך אזוי, גלאַט, אָן אַ כוונה.

# י ו ג נ ט

שנעל איז צוגעפאַלן די פּראַסטיקע ווינטער־נאַכט, און איבער די שנייאיקע געסלעך האָט אַ שפּראַץ געטון מיט יונגן לעבן.

קערגער, פאַררויטלטע פון פרישקייט, אויגן צעפינקלטע, הענט צע־פלאַטערטע, און דאָס געלעכטער הילכט אין דער טרוקענער לופט:

— הו, האַ!...

— הו, האַ!...

און באַלד זענען שוין קערפּערס צוזאַמענגעפלאָכטן, און בייטשן סווישטשען, און קולות צעקלינגען זיך איבער די געסלעך. אַרויף און אַראָפּ. און — הו! און — האַ! מיט פאַרשטיקטע געלעכטערס. לעבן זאָל דער „קוליק!" באַרג אַראָפּ, באַרג אַרויף! לעבן זאָל די יוגנט! געפאַלן און אויפגעשטאַנען! געפאַלן און אויפגעשטאַנען! ווייס דער שניי, ווייס די סוועטערס, ווייס די בערעטן. לעבן זאָלן די ווינטער-פעריען! העי, קאַ-שיענקאַ! העי, מאַרישיענקאַ! נידער מיט דער מאַטורע! נידער מיט די קאַלאָקוויעס! לעבן זאָל דער „קוליק!" העי, סאַנעטשקי! העי, דזוואָנעטש-קי! גלעקלעך קלינגען, שליטנס טראָגן זיך פייל פון בויגן. לעבן זאָל דער קאַרנאַוואַל! לעבן זאָל דער גליטש!

*

אַ שטיבל אין אַלטן בעטקעס הייזל.

ביים צעגליטן אייוועלע זיצן יונגעלייט און מ'פירט אַ דיסקוסיע. קאַפּיטאַל און אַרבעט.

פון געדיכטן רויך זעען זיך קוים אַרוים די פאַרפלאַמטע פּנימער און צעשויבערטע האָר.

רופט זיך אָן דער באַווייבטער פאָרזיצער, ליפּע דער סטאָליער:

— אונדזער פאַראיין, דער נאָדל-פאַראיין, דאַרף קודם־כל איינפירן

אין פלוינע דעם אכט-שעהדיקן ארבעטס־טאג. אונדזערע שונאים זענען די מייסטערס. פאר אונדז זענען זיי די פארטרעטער פון קאפיטאל אין פלוינע. אויסער, פארשטייט זיך, — האט ער זיך פארקרומט — דער בור־זשואזיע, וואס זייערע זינדלעך מיט די טעכטער שפילן זיך צוליב לײדיק־גיין אין פאראיין „התקוה".

ליפע האט צוגעהאלטן מיט די ברייטע הענט דעם וואקלדיקן טיש, ווי אמאל ייגנלווייז דעם בלאט פון דער שטעל אין מארק, וועלכע פלעגט זיך שטענדיק שאקלען און א סך מאל איבערקערן די קיישלעך אויבס. די עפל און בארנעס פלעגן זיך קייקלען ביזן רינשטאק, און ליפע האט געהאט א טועבץ מיטן צונויפקלויבן די פרוכטן אין איין קויש אריין, פונקט אזוי ווי איצט, מיטן ארגאניזירן די חברים פון אלע הייף און קעלער-שטיבן און צונויפברענגען זיי אין איין פאראיין.

דערווייל האט בנימין מלמדס זון, קלמן דער איינבינדער, גענומען דאס ווארט:

— איך מיין, אז מ'דארף אויך באקעמפן דעם קלעריקאליזם אין פלוינע. די קלעריקאלן זענען די מיטהעלפער פון דער בורזשואזיע. מיר דארפן זיך א נעם טון צום רב און צו די מלמדים און דער עיקר צוגרייטן די חמץ-אקציע אויף פסח, בלי נדר.

קלמן האט געפילט, אז ער האקט אונטער א בוים. זיין אייגענעם בוים. ער איז נאר איין צווייג און דער שטאם איז דער פאטער. נו, יא, אדרבא! פרנסה? וואס קאן דא אבער זיין פאר אן אויסנאם. ער האט שוין דאס נישט איינמאל געזאגט דעם טאטן: איך האב זיך ביי דיר נישט גע־בעטן. ביסט מיין פאטער, איז עס נאר א ריינער צופאל. מיר גייען זיך „זא-ווי-זא" פונאנדער. און וואס שייך דעם פאטערס מלמדות, איז פאר־פאלן: אז מ'האקט האלץ, פאלן שפענער. אנדערש אבער וואלט געווען, ווען דאס מלמדות זאל זיין א פראלעטארישע באשעפטיקונג, ווי א שטיי־נער דאס איינבינדן ספרים, דעמאלט, אפשר...

סענדערלען, דעם שטעפער, ארט שטארק דער „בלי נדר". עפעס דער־מאנט עס אים אין דער גמרא נדרים. ווי לאנג איז עס? דאכט זיך, מיט צוויי יאר צוריק האט ער געענדיקט די גמרא נדרים. אינגאנצן א חודש

פאר דער געשיכטע מיטן הארץ-פעלער, האט זיך אים די גמרא נדרים גוט איינגעקריצט אין הארץ. איצט האט אים קלמן מיט זיין „בלי נדר" דער־מאנט, ווי יענע זעקס שטיוול פון די דריי שטיבל-בחורים טרעטן אים אויס, ווי די הארטע סטעזשקעס אין ענגעלמאנס גארטן זענען אויסגע־טרעטן. ער ליגט א צעקוועטשטער אין דער בלאטע, ווי א לאטקע אין אייל, און יענע שלעפן אים פון די קעשענעס — „משה אדער דארווין", „פונוואנען האבן זיך דערנומען רעליגיאנען", פיליפ קראנצס קולטור־געשיכטע, און מאכן דערפון א תל. דערנאך איז געקומען דער הארץ-פע־לער.

ער שפרינגט אויף.

— וואס עפעס בלי נדר? בלי נדר איז א האלבע שבועה, און שבו־עות געהערן צו דער בורזשואזער ארדענונג.

קלמן, דער איינבינדער, וויל אויפקלערן זיין שטאנדפונקט וועגן וועלטלעכע שבועות, אבער ליפע, דער פארזיצנדער, רייסט אים איבער.

— דער צווייטער פונקט פון דער טאג-ארדענונג, חברים, איז די פראגע וועגן די ארבעטסלאזע. אין דער שוועבעלעך-פאבריק ארבעטן זיבן הונדערט מאן, אין די דראט-ווערקשטאטן דריי הונדערט. איצט בויט מען א שמאלע באן-ליניע צו דער צוקער-פאבריק „מיכאלווו", א יידישער קא־פיטאליסט, און צווישן די אלע ארבעטער געפינט זיך נישט קיין איין יידישער פראלעטאריער. ס'פעלן אוים הענט. די דירעקטארן שרייבן אויס ארבעטער פון דער פרעמד. דער נאדל-פאראיין דארף דערקלערן אונדזער שטאנדפונקט: מיר זענען נישט מסכים מיט די נאציאנאל-בורזשואזע פאראורטיילן. מיר פארלאנגען צו באשעפטיקן יידישע ארבעטסלאזע פון דער נאדל-בראנזשע אויך (ס'איז וויכטיק פאר אונדזער זאך) צוגלייך מיט אונדזערע חברים פון קריסטלעכן גלויבן.

— פון פוילישן פראלעטאריאט — פארריכט אים סענדערל.

— אלזא, חברים, מ'דארף שיקן א דעלעגאציע צום „זוויאנזעק".

אלעמענס אויגן זענען געווענדט אויפן פארזיצער. ביי סענדערלען רופט זיך אן דער פעלער און דאס הארץ הייבט אים אן צו טיאכקען. זיין

מיינונג איז, אַז אויסקלויבן זאָל מען די שטאַרקסטע יונגען. ווי ס'זאָל נישט זיין, ביי זיי זענען די פּ. פּ. ס. אַ מערהייט.

הייבט זיך אויף שמולקע פּיווישעס.

— פאַרשרייבט מיך אין דער דעלעגאַציע.

די חברים האָבן זיך איבערגעקוקט האַלב פאַרוואונדערט און האַלב נישט זיכער. דער פאַרזיצנדער מיינט, אַז עס דאַרפן גיין צום „זוויאָנזעק" חברים, אמתע פּראָלעטאַריער, נישט קיין סימפּאַטיקער בלויז. אויסער דעם... שמולקעס טאַטע, פּיוויש, געהערט דאָך צו דעם בורזשואַזן קלאַס... שמולקעס אָנגעהעריקייט צום פּראָלעטאַריאַט איז דאָך נישט קיין נאַטירלעכע. ער קאָן דעריבער נאָך נישט זיין אַקטיוו אָקעגן אויסן. זיין מיינונג איז דעריבער, אַז עס זאָלן גיין אין דער דעלעגאַציע יוכבד מיט צוויי אַנדערע חברים.

שמולקע האָט די גאַנצע צייט זיך געביסן די נעגל. ער האָט זיך געפילט איצט צווישן די חברים, ווי אַ פרעמדער. זיי ווייסן, אַז ער לערנט זיך אַ פאַך, און פונדעסטוועגן מוז ער ליידן צוליבן פאָטער, דעם „בורזשוי". ער וויל זיי דערציילן, אַז נעכטן האָט מען פאַרחתמעט ביים פאָטער די שופלאָדן מיט דעם זילבערוואַרג, און אַ סוף. זיי מעגן איצט צו אים, צו שמולקע פּיווישעס, האָבן אַביסל מער צוטרוי. אָבער ווער ווייסט, צי ער וועט עס ווען-עס-איז אָפּוואַשן פון זיך דעם דאָזיקן פלעק פון דער משפחה. און עס איז אַ פראַגע, צי מ'וועט אים אַלס זייגערמאַכער יאָ אָנערקענען פאַר אַ פּראָלעטאַריער. און באמת, ווי קומט אַ זייגערמאַכער אין נאָדל-פאַראיין?

צום סוף באַשליסט מען, אַז עס זאָל גיין יוכבד מיט ליפּען.

— און אויב עס וועט זיך נישט איינגעבן, מוז אונדז געלינגען די חמץ-אַקציע, דער קאַמף פון אינעווייניק... — רופט זיך אָן קלמן.

קלמנס קול איז געווען זיכער און שטרענג, ווי ער וואָלט געהאַט אַקעגן זיך דעם פאָטער. זאָל יענער נישט מיינען, אַז ער וועט פאַר אים מאַכן אַן אויסנאַם: מלחמה איז מלחמה!

קלמנס אַנטשלאָסנקייט האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף סענדערלען. ער איז גלייך אויפגעשפּרונגען.

— איך מעלד זיך צום קאמף! מיר מוזן ווייזן די שווארצע, אז מיר זענען א כוח.

דערביי האט ער זיך א כאפ געטון ביי דער ברוסט.

— איצט, חברים, — מעלדעט דער פארזיצנדער — גייען מיר צו די ציוניסטן. אין „התקוה" קומט פאר א פארזאמלונג. מיר מוזן די פאשיס־טן שטענדיק דערמאנען אן זיך. זיי האבן נאך נישט ארויסגעגעבן אונ־דזער חלק ביכער פון דער ביבליאטעק, נאכדעם ווי מיר זענען ארויס פון „התקוה" און געשאפן דעם נאדל־פאראיין. די יידישע ביכער געהערן צו אונדז. איצט איז די ריכטיקע צייט. א, מיר וועלן זיי שוין דערמאנען!

סענדערל האט אויסגעלאשן דאס פייער אין אייוועלע און אפגערוקט זיך פון דער טיר. קלמן האט ארויסגעשטעקט זיין לאנגע דארע נאז, דאס ביייניקע פנים האט זיך נאכגעמאל באוויזן, און די אויסגעקרומטע ליפן האבן עפעס געמורמלט. חברה איז אריבערגעשפרונגען דעם פלויט, און יעדער האט גענומען א באזונדערן וועג.

— אין פופצן מינוט ארום טרעפן מיר זיך ביים פאראיין „התקוה",

— האט ליפע סטאליער נאכגעשריגן זיין פארוואלטונג און פארקירעוועט צו יוכבדס שטיבל.

שמולקע איז ארוים דער לעצטער.

אין דעם לאנגן הילצערנעם זאל מיט די גראבע בעלקעס רוישט ווי אין א בינשטאק. עס מישט זיך אוים דער ריח פון די אויסגעצוואקענע מיידלשע קעפ מיט דעם שטארקן גערוך פון געפוצטע שטיוול. פון אלע זייטן הילכן די „שאלאמס" און אין די ווינקלען גייט אוועק א קורצע און הויכע קאנווערסאציע. די חברות הנדלען זיך מיט „אני מדברת עברית" און נעמען אוים גאר שטארק ביי די פארוואלטונגס-מיטגלידער פון „התקוה". מ'צינדט אן דעם גרעסטן עלעקטרישן לאמפ און מ'נעמט אוים־זעצן די געסט אויף די לאנגע הויכע בענק. דאס פובליקום ווערט אומגע־דולדיק. שוין צייט אנצוהייבן דעם רעפעראט. אבער די, וואס „פונדע־ווען" די „פרויליינס" טשעקאלאדע, האבן נאך צייט. פאר זיי הייבט זיך ערשט אן דער אוונט, אויפשטיין צו דער ארבעט דארף מען נישט. בינעם,

דער יושב ראש,ווארט אויף וועמען, און די יוגנט פון די דערפער ארום פלוינע ווערט אומגעדולדיק. פלוצלינג ווערט אויף די לעצטע בענק א שטילע באוועגונג. דאס פובליקום פון די ערשטע רייען קוקט צוריק אין זאל אריין און די בליקן דריקן אוים באוואונדערונג. אין זאל ווערט א געמורמל:

— ליובע איז דא.

ליובע איז געשטאנען אויף דער שוועל און געזעען, ווי פון אלע זייטן באטראכטן די חברים איר שלאנקע פיגור, איז זי געבליבן אזוי אן באוועגונג, ווי א מארמארנע סטאטוע. דאס פנים ווייס, אדעליק, און די שווארצע ברעמען אראפגעלאזט ווי פארשעמט.

בינעם נעמט ליובען אויף העפלעך און ווייזט איר אן אויף א נישט באזעצטן פלאץ אין דער ערשטער רייע. ליובע באוועגט זיך איבערן זאל, ווי א פאווע צווישן געוויינלעך געפליגל, ווי זי וואלט געווען די קעניגין פון דער פלוינער מיידלשער געזעלשאפט.

איצט האבן אלע פארשטאנען, אז מאטיאס וועט נישט קומען. בינעם שטעלט זיך אוועק ביי דער וואנט אקעגנאיבער ליובען און גיט א ווינק צום פרעלעגענט.

אין זאל ווערט שטיל.

דאס פובליקום הערט אוים מיט יראת הכבוד די פארלעזונג און שלינגט די ווערטער, ווי א דורשטיקער וואנדערער שלינגט דאס וואסער פון א קאלטן קוואל אין דער מדבר. אין זאל איז די לופט דורכגעזאפט מיט א ריח פון שוויים. ליובע קאן נישט איינזיצן. עס ציט זי ערגעץ. אפשר אין יענער גרויסער וועלט אריין, וואס שפרייט זיך אוים פיר שעה רייזע פון פלוינע. פון דארטן וועט קומען איר העלד. רעדן וועט ער פויליש, און ווערן וועט ער מיט דער צייט א דאקטאר און זי אהיננעמען אין דער גרויסער שטאט אריין. א ווינדע מיט א גלאק ביי דער טיר, „פאקסא־יוווקעס" און אויטאמאבילן. אך, דאס וועט זיין אן אינטעליגענט ארים־טאקראטיש לעבן... אבער דערווייל... דערווייל איז אין פאראיין „התקוה" היים. אויף דער בינע שטייט דאס קליינע הערשעלע און רעדט וועגן אויפ־לעבן דאס יידישע פאלק, וועגן שטארקן די קערפערס און לעבן מיט דער

נאַטור. ביים פּרעלעגענט קאָרטשעט זיך דאָס הויקערל. דער עולם האַלט איין דעם אָטעם און הערט, הערט, איבערגעבנדיק זיך אינגאַנצן אונטער דער ממשלה פון קליינעם הערשעלע. אָבער ליובע האָט מער קיין געדולד נישט. זי פאַרלאָזט דעם זאַל. אין א ווינקל הויף שטייען יונגעלייט און האַלטן עפּעס אונטער די פּאָלעס. אָבער דאָס אינטערעסירט זי נישט. זי לאָזט זיך גיין מיטן ברייטן שאָסיי, וואָס פירט הינטער דער שטאָט אַרויס.

דאָרט, אויפן אויסגעטרעטענעם שניי־וועג און אויפן גלאַטן אייז פון טייך, גייט אָן א גרויסע לעבעדיקע דיסקוסיע אויף שליטנס און גליטש.

אַקסל ביי אַקסל, אָרעמס צוזאַמענגעפלאָכטן, פיס אין ריטמישער באַוועגונג, בריסטן אָטעמען פריי, און קולות, קלינגענדיקע, לאַכנדיקע, הילכן אָפּ —

Radujmy się, bracia!
Radujmy się!
Niech żyje karnawał!
Niech żyje!

— הו, הא!
— הו, הא!

# אחדות

פון יאַוואָראָס הויף איז אַרויסגעפאָרן אַ וואָגן באַלאָדן מיט שענק, שפּיגלען און קאַנאַפּעס. אין איין אויגנבליק האָבן זיך אין די פענסטער באַוויזן פּנימער. באַלעבאָסטעס זענען אַרויס פון די קיכן, ווישנדיק די הענט אָן די נאַסע פאַרטיכער. קרעמער האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף די שוועלן און געפּרוווט פאַרשטיין דעם שכל פון דער זאַך. באַלד דערויף איז פון ראַקיטנע-געסל אָנגעפאָרן אַ צווייט וועגעלע — באַגלייט פון מאַגיס-טראַטנע שקצים.

פּלוינע, איינגעדעקט אין שניי, האָט מיטאַמאָל זיך אויפגעכאַפּט.

סוחרים האָבן אוועקגעשטעלט די מיידלעך הינטער די בופעטן און אַליין אוועק צום ראָטהויז. פּנחסל איציק הערשס האָט ליב צו הערן מה עמא דובר — וואָס דאָס פאָלק רעדט — גייט ער צו דער עלעקטרישער לאַמטער אין מיטן מאַרק. דאָס בעל מלאכה-פאָלק האָט אַוועקגעלייגט שער און אייזן, געלאָזט זיך צו דער „לעקטריע" און געגלאָצט צום מאַגיסטראַט צו. דאָרטן האָבן זיך מיט אַ שווערן סקריפּ געעפנט די דעמבענע טויערן און איינגעשלונגען אויף עולמותביידע וועגענעס מעבל.

און כאָטש פּלוינע האָט שוין געהערט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, איז עס פאָרט געווען זייער ערשטלינג און דער חידוש איז געווען געוואַלדיק גרויס.

ס'איז אָנגעקומען צו לויפן שלום קצב, דעם אַלטן בענדעטעס יינגס-טער איידעם, און אין מאַרק איז אוועק אַ שמועס.

— ווען איז דאָס געשען?

— ווי אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען?

— היתכן, ווי אַזוי פאַלן זיי אויס דאָס צו טון? נעמען און אויס-ליידיקן שטיבער?

— און איך האָב אייך באַלד געזאָגט אין אָנהייב, אַז אויף אַ נייעם מלך טאָר מען נישט בעטן. אָט האָט איר דעם נייעם מיניסטער מיט זיינע „ספּאָסאָבן".

פּנחסל האָט געוואָרפן אַ שיקלדיקן קוק אין דער זייט. שלום קצב האָט זיך געריבן די הענט. די אויגן האָבן געשפּריצט מיט פייער.

אין עק בעטקע-געסל, אַראָפּ־אַראָפּ צום שעכטהויז-צו, וווינט דער טויבער עזריאל. דער לעצטער אין געסל, איז ער דאָך באַהאַוונט אין אַלע נייעסן. ס'איז נישט געווען צו באַגרייפן, ווי אַזוי די ידיעות פלעגן צו אים אָנקומען.

מיט זיין שאַרפן חוש-הריח האָט דער טויבער דערשפּירט, וואָס עס קומט פאָר אין מאַגיסטראַט-הויפל. איז ער אַוועק נאָכקאָנטראָלירן די זאַך און דערנאָך זי מכריז ומודיע זיין איבער דער שטאָט.

ער האָט פאַרשפּיליעט די אַלט-פּריצישע אָפּגענוצטע בעקעשע, פאַרריכט דעם הויכן טשאַפּניק און מיט אַ האַלב געעפנט מויל, אַראָפּגעלאָזטע אויערן און צעשראָקענע אויגן איז ער געלאָפן איבערן מאַרק: אַ צוויי-טער זאָל אים נאָר נישט דאָס נייעס אויסכאַפּן.

ער איז צו צום רעדל און אויסגעשפּיגן.

— יידן, ס'איז פּשעניצאַס מעבל.

הענעך, דאָס קאַנצעלאַריע-יידל, איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אָן אַ זייט. דערהערט פּשעניצאַס נאָמען, איז ער געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט, און דאָס קאַפּעלושל האָט זיך אים פאַררוקט אויפן שפּיץ קאָפּ. איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז פּשעניצאַ איז אַ יורד און חרטה געהאַט אויף דער „פּאָדאַניע", וועגן וועלכער יענער האָט אים אין ניי-יאָר שטאַרק גע-בעטן. אָבער בכדי דער עולם זאָל אים, הענעכן, נישט גרינגשעצן, האָט ער אויסגענוצט דעם שעת-הכושר און דערמאַנט.

— כ'האָב אים געוואָרנט, פּשעניצאַן: דו וועסט פאַרשפּעטיקן. נעם אַ קלענערן פּאַטענט, אַבי אין דער צייט.

ביים טויבן האָבן געפינקלט די אויגן. ער האָט געהאַט נאָך עפּעס צו דערציילן.

— דער באַזשעוואָליער פריץ האָט פּשעניצאַן באַנקראָטירט. געגו-

מען זעקס טויזנט זלאָטעס האַנט־געלט און נישט צוגעשטעלט די תבואה. איז ער געבליבן פאַרשולדיקט אין שטייערן.

— אהא, אזוי נאָר, דאָס איז די מעשה.

שלום קצב האָט געקריצט מיט די ציין זייער אייליק. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט געשאַרפט די מעסערס אין יאַטקע.

— האָט מען דאָך אים גאַנץ נישקשה צעטרייבערט. און מ'וועט שווייגן? — האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געזוכט ביי עמעצן מיטהילף.

ער האָט דערזעען חיה יויזעף. זי איז דורכגעגאַנגען אַן אַ זייט מיט איידעלע טריט פון אַן אַלטער נגידיתטע, און נישט אָפּשטעלנדיק זיך, אַריינגעוואָרפן אין רעדל איר מיינונג.

— כ'זאָג אייך, מאַנסלייט, אַז ס'ווייב זיינס איז שולדיק. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אין דער וועלט, אַז אַ מאַמע פון קינדער זאָל גיין אין די טריאַטערן, אין די „התקוהס", אָפּשערן זיך אַ פּאָלקע און זיך אָנטון ווי אַ זעכצן־יעריק מיידל. צ'וועט געדענקען מיינע רייד: דער מאַן וועט נאָך מוזן פאַר איר האַקן שלעסער.

זי האָט צניעותדיק אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, פאַרוויקלט זיך אין דער פאַטשיילע און זיך געלאָזט ווייטער גיין. שלומען איז עס אָבער שוין געוווען צו פיל. דער קצבישער כעס האָט אים שיער נישט צעטראָגן. ער האָט געפילט, אַז ער מוז עפּעס זאָגן, אויב נישט, וועט עס אים קאָסטן טייערער.

ער האָט מיט רוצחישע אויגן אַ ווינק געטון צו חיהן.

— שטיי נאָר, חיה. זעטס נאָר, יידן, די צדיקיתטע. מיידלווייז איז זי געגאַנגען מיט יונגען. געדענקסט, חיה, דאָרטן הינטער אסתר איציק לייבס בויד?... און איצט איז זי אַ גאַנצע כל ולכטע.

חיה איז אוועק אַ פאַרפּלאָמטע. פּנחסלען האָט די גאַנצע זאַך פאַרדראָסן: חיהס זין זענען וווילעלערנער אין שטיבל, און ער האָט שלומען גענעבן איבער דער נאָז.

— זיי נישט קיין חצוף.

פון ראָטהויז זענען אָנגעקומען צוויי שטאַפּעטן: יוקל שניידער און

אלטער אַלוואס, ביידע בענדעטעס, די הנאהבים והנעימים, קיינמאָל נישט צעשיידטע.

— חברה שעווצי, קראַווצי, עמך ישראל, — זאָגט יוקל, אָנשטאָט א גוט מאָרגן — זיי האָבן אָנגעהויבן ביי די גבירים און שפּעטער וועט עס האַלטן ביי די מאַשינען. געדענקסט, צ׳וועט מיך רופן ליגנער.

אַלטער אַלוואַס איז מוסיף:

— פּשעניצא איז שולדיק שטייערן נאָך פאַרן 23-סטן יאָר. און דער אַנדערער וואָגן איז... יידן, טוט אייך אָן א כוח — מ׳האָט פּיווויִשן דעם רבס אויסגעליידיקט די שטוב.

— פּייווישן דעם רבס?!

פּנחסל שניט־סוחר האָט זיך אומגעקוקט מיט שיקלדיקע אייגעלעך אין אַלע זייטן.

— אויב אַזוי, איז עס דאָך גלאַט... אין מיטן העלן טאָג!

— נאָך ערגער, נאָך ערגער, ר׳ פּנחסל, — טרייסט אים אַלטער אַלוואַס.

דער טויבער, וועלכער איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, קומט אָן פון זיין דעטעקטיוו-שפּאַציר מיט פרישע נייעס. ער קורטשעט איין דאָס קעפּל אין די אַקסלען, לאָזט אראָפּ די אויערן און עפנט א האַלב מויל.

— ס׳וועט זיין א ליציטאַציע דעם אַנדערן מיטוואָך, פּייווישן האָט מען דאָס גאַנצע ירושה-זילבער „האַרעשטירט“.

דעם עולם האָט עס געטראָפן ווי א דונער אין מיטן העלן טאָג. שלום קצב האָט זיך א ריס געטון ווי אָן אָקס פאַר דער שחיטה.

— וואָס, א ליציטאַציע? מיר וועלן זיך לאָזן שעכטן?

אַלטער אַלוואַס און יוקל שניידער, ווי זיי וואָלטן געווען די פאָר-שטייער פון פּלוינער כלל ישראל, האָבן די ערשטע געוואָרפן דעם לאָזונג: אחדות!

— אחדות, אחדות! — האָבן אַלע געענטפערט.

— קיינער קויפט נישט. אפילו בחצי חנם!

— אפילו בחצי חנם!

— און טאָמער וועלן די בעטקעס ברעכן דאָס אחדות, וועט מען זיי אונטערהאַקן די זייטן.

— צעטרייבערן וועט מען זיי, — האָט שלום קצב געוואָרפן אַ פיינטלעכן בליק אין דער זייט פון בעטקע־געסל.

אין דער מינוט איז פון מאַגיסטראַט ארויס דער סערזשאַנט, ארומגערינגלט פוןביידע זייטן מיט ווינצענטין און וואַלענטין, ביידע מיליציאַנטן. דערזען אין מיטן מאַרק רעדלעך יידן סודען זיך אויפן פראָסט אזוי, אַז ס׳אַרט זיי גאָרנישט די קעלט, האָט ער באַפוילן פאַרמאַכן קודם כל דאָס טויער פון ראַטהויז, פאַרלייגן די פרענטן אויף די טירן פון דער קאַזע און אוועק צו דער עלעקטרישער לאַמטער. ער האָט זיך אויסגעשטעלט אין דער ברייט צווישן ווינצענטין און וואַלענטין, גלייך געמאַכט זיך דעם פאַסעק, אָנגעטאַפּט די קעשענע, ארויפגעדרייט די בלאָנדע, שטעכיקע וואָנסעס און אויסגערופן מאַיעסטעטיש:

— ראָזעישץ שיען!

דער עולם איז זיך פונאנדערגעגאַנגען, געשטאַרקט פון דעם אחדות־געפיל, וואָס האָט זיי פּלוצלינג באַהערשט. מורא געהאַט האָט מען נאָר פאַר די בעטקעס.

## ציגיינער אָדער טאַטערן

איין פענצטער פון פּיוּווישעס געוועלב גייט אַרויס אין אַ שמאָל געסל. הענגט דאָרטן אויף דער מויער אַן אָפּגעבליט שילדל מיט דער אויפשריפט: די גדאַנסקאַ גאַס. רופן עס יידן נאָך עד היום: דאָס בעטקע־געסל. אַמאָל, איידער די פּלוינער משפחות האָבן זיך אויסגעמישט און די גרעניצן פון אָרים און רייך זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן, האָבן דאָ געוווינט די בענדעטעס לייט באַזונדער, און די אָלוואַסעס באַזונדער, און די בעבע יידעס באַזונדער, און... ווער קאָן זיי אַלץ אויסרעכענען. היינט אָבער, ווען ס׳גייט אונטער די פּלוינער „אַריסטאָקראַציע", די שיקאָרעס זענען יורדים און די איציק לייבס צעפאָרן זיך, פאַרנעמען דעם אויבנאָן די „אויפגעקומענע". אַפילו די בעלי־עגלות גייען אויך אונטער. נאָך אַ פּאָר יאָר און ס׳וועט פאַרשווינדן דער לעצטער פּלוינער בעל־עגלה, און אָנשטאָט שמייסערס, וועלן זיין בלויז געענדיקטע שאָפערס.

דאָס בעטקע־געסל, מיט די לאַנגע הילצערנע הייזלעך און געמויערטע פּאַציאַטעס, געדענקט אָבער אַנדערע צייטן. אַמאָל איז דאָ איינגעשטאַנען די פּלוינער היימישקייט. אַלע וויכטיקע נייעסן און געשעענישן פון פּלוינע האָבן דאָ דערגרייכט און זיך געענדיקט. איז אין שטאָט פאָרגעקומען אַ מחלוקת, האָט עס אָפּגעהילכט אין בעטקע־געסל מיט אַ געשלעג. האָט דער אַלטער ענגעלמאַן, שיקאָרעס איידעם, באַשלאָסן צו האַקן דעם וואַלד אין אָשיס, האָט ער געמוזט אָנקומען צום בעטקע־געסל צו די אָלוואַסעס. דאָ זענען געשטאַנען די תבואה־שפּייכלערס, און דאָ — אין עק געסל — האָט מען אויפגעבויט דאָס שעכטהויז.

אַ קילער שבת־אָוונט.

אויף הילצערנע שוועלן זענען אויסגעזעצט די סעדרעבעס און די בעלי־

עגלבטעס מיט זייערע נעזינדלעך. די ווייבער אָנגעטון אין „כלאַפּסעלעך" אויף די קעפּ און אין לאַנגע קרעטענע ספּודניצעס. אין די ברייטע שערצן האַלט מען אויבס פּאַר דעם קליינוואַרג אָדער חלה מיט האָניק. זיצן זיי, האַלטן זיך ביי די באַקעס און מוטלען בנעימותדיק, מאַכן צורעכט דאָס רכי־לות פון אַ גאַנצער וואָך, ווען מ'איז פאַרהאָרעוועט און מ'קאָן ניט אויסרעדן קיין וואָרט מיט אַ מענטש. אויף דער צווייטער זייט זענען אויסגעשטעלט שלאַף־בענק, פּיס־בענקלעך און קעסטעלעך. אויף אַ שעניק ליגט אויסגע־צויגן מיט אַ תהילימל בענדעט, דער דעה־זאָגער און באַפּעלער איבער די פלוינער שוסטערס, און אַרום אים די מייסטערס — זיינע אַמאָליקע לערן־יינגלעך, וועלכע ער האָט געשמיסן. בענדעט האָט דאָס ליב זיי צו דערמאָ־נען. כאָטש מ'איז שוין טאַטעס פון קינדער, האָט מען פאַר אים טאַקע שטאַרק דרך־ארץ. שטייען רעדלעך שבתדיקע מענטשן, אויסגערוטע פון דער גאַנצער וואָך האָרעוואַניע, און מ'שמועסט מעשה עקספּערטן וועגן „אָגערס" און „קאַשטאַנעס", סעדערס און אויפקויפערס; וועגן ירידים און וועגן יובטענע שטיוול, וועגן נייעם שעכטהויז און וועגן דער שוויג. אַרום די קאַמערן און שפּייכלערס שטיפן יונגען מיט מיידן און דאָס קליינוואַרג הייבט אויף צוזאַמען מיט זיילן שטויב אַ קוויטשעריי און שרייט איבער די קללות און מוסר־רייד פון די מאַמעס.

די קולות פון בעטקע־געסל האָבן זיך איבערגעטראָגן אין מאַרק אַריין און פאַרהילכט דאָרט די לופט ביז... ביז ס'האָבן זיך אויף די פלוינער הימלען באַוויזן דריי שטערן. האָט די בעטצינע דורך אַן אָפן פענצטער אַרויסגעשריגן אין געסל אַריין „גאָט פון אברהם, יצחק, יעקב, ס'קומט די פּולע וואָך" — האָבן אירע ווערטער דערמאָנט דעם עולם, אַז ס'קומט אָן די וואָכעדיקייט מיט אירע זאָרגן. איז מען זיך צעגאַנגען, ווי געסט נאָך אַ חתונה, ווער צום געשפּאַן און ווער צום העמערל אָדער צו דער מעלק. האָט אַ שניידערל געמאַכט זיך דאָס פּעקל און אוועק איבערן דאָרף. ליי־דיק איז געוואָרן דאָס בעטקע־געסל און די באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך געמינגלט מיטן פּעבל, האָבן געקאָנט פריי דורכגיין. ס'האָט שוין קיינער נישט פאַרטשעפּעט און נישט אָפּגעלאַכט פון חסידל. פאַרשפּאָרט האָט מען צו זען דאָס הפקרות פון יונגען און מיידן. שטיל האָבן די ווייבער

אוועקגערוימט דעם שבת און ארויסגעטראגן אין די הויף אריין פאר די מאנסלייט דיווארעמע בגדים מיט די איבערגעבליבענע מאכלים פון שבת, מיטצוגעבן זיי אין וועג אריין. און ס'איז אוועק א שמירערייַ פון רעדער, א שפאנען פון פערד און א שעלטן פון די שמייסער־יונגען. שוין האבן געקלאפט צו דער הצלחהדיקער פולער וואך די העמערלעך ביי די שוס־טערס און די מאשינען ביי די טאנדייטערס. די סעדערס האבן פון די בוידעמער און פון די קאמערן געטראגן די קוישן אויבס אויף די וועגענעס און געפאקט דאס עסנווארג מיט קליינע פלעשעלעך אין די טיפע קעשע־נעס אריין פון די באנדעס אדער אונטער די געזעסן אויף די פורן. אנ־געהויבן האט זיך די גרויע פרנסה־וואך אין בעטקע־געסל. אין דער זעל־בער צייט האט מען ביי חיים שיקארעס אנגעהויבן צו פראווען די מלווה־מלכה.

אין בעטקע־געסל האט זיך יעדער געהאט זיין רשות־היחיד. דאס ערשטע הייזל האבן פארנומען די אלוואסעס לייט. וועלוול אלוואסעס מש־פחה, א צווייג פון די בענדעטעס, האט געהאט א חזקה אויף בעל־עגלהריי און אויף טעבטער. און אזוי ווי דאס געשפאן איז געווען א משפחה־זאך, האט מען טאקע געטון שידוכים מיט שמייסערס און בעלי־עגלות. לאנג זוכן האט מען נישט געדארפט, באגאנגען זיך אן שדכנים. נישט געפארן אין די קרעטשמעס אויף א „קוק", ווייל בשכנות האט געוווינט בעבע יידעס חברה. בעבע יידע איז געווען באשאנקען מיט בנים, ווילע יאטן, און א חוץ שמייסעריי האבן זיי געהאט זייטיק טועכץ: א זעקל מעל אפ־הייבן פון א פרעמדן וואגן אויפן פינצטערן שאסיי, עפענען א שטאל אדער ארייננקריגן זיך אין שיקארעס תבואה־שפייכלער — אויף די זאכן זענען זיי געווען פלינקע בריות. האט מען זיי דערפאר געהאלטן פאר פרנסה־לייט. מאכט זיך, מ'פאקט אמאל א מויד פון די אלוואסעס מיט בעבע יידעס א חברהמאן ארומדרייען זיך ביי א בוידעם אדער א קאמער, האט מען גענומען פיר דרענגער, אוועק אויפן שול־הויף און צוגעדעקט דער מויד דעם קאפ.

ווייטער אראפ איז געווען בענדעטס פאלאץ — דאס ווייסע הייזל

מיט דעם צוגעמויערטן שטיבל, ווו ס'האט געוווינט די אלטע הערש-לייביכע, וואס קהל האט אויסגעהאלטן. דאס הייזל איז געווען א מייסטערווערק פון קונסט. שווער געווען צו באשטימען פון וויפל שטאקן עס באשטייט: צוויי, צי דריי, צי אנדערטהאלבן. פענצטער אין דער קווער, פענצטער אין דער לענג, פענצטער אין דער ברייט. פון איין זייט איז דער דאך געווען שפיציק, פון דער אנדערער זייט רונדיק. דא איז צוגעבויט אן אלקערל (אויסער דעם שטיבל פון דער אלטער הערש-לייביכע, וואס געהערט צו קהל), דא א קעכל, דא א טרעפלעך פון דער זייט און דא פון פארנט. אזוי איז געשטאנען דאס הייזל, און האט מען מיט איין בליק ארומגענומען דאס גאנצע בעטקע-געסל, האט בענדעטס פאלאץ אויסגעזען, ווי אן אלטער פירשט צווישן יונגע פרינצן. דא האבן געוווינט בענדעטס אויסגעגעבענע טעכטער און אייניקלעך, די זין זענען אוועק אין די דערפער פארשפרייטן דעם טאטנס מלאכה אדער געהאלטן אין ארענדע די שווייגן. די איידעמס זענען געווען שוסטערס. פלעגט זיך מאכן — בענדעטס א טאכטער האט חתונה געהאט מיט א קלעזמער, אן אויפקויפער, א דארפגייער אדער טרעגער, ווערט ער אויך מיט דער צייט א שוסטער. אזא כוח האבן געהאט בענדעטס לייט.

אט אזוי האט מען געלעבט אין בעטקע-געסל: עדר, עדר לבדו. יעדע סטאדע מיט איר פאסטוך.

די גרעסטע משפחה אין געסל זענען געווען בעטקעס. ווי א שוואם האבן זיי איינגעזאפט אין זיך די קליינע געזינדלעך. האט מען דעריבער אלע אין געסל גערופן אויף זייער נאמען: בעטקעס לייט.

די רעזידענץ זייערע איז געשטאנען אין סאמע מיטן. דא האבן זיך פארלאפן אלע וויכטיקע נייעסן. פון דאנען האבן געפירט דורכגענג אין אלע הייף אריין. סיכסוכים, שותפות-געשעפטן און אויסגלייכענישן זענען דא געווארן דערליידיקט אן אפעלאציע.

געווען זענען זיי אלע שווארצע לייט. שווארצע בערד, שווארצע ברעמען און שווארצע ווינקלען ביי די לאנגע, שארפקאנטיקע פארשניצטע נעז. די קארשן-אויגן זענען געווען שטענדיק פריש, מיט א פייכטן גלאנץ

פארצויגן. געהאט האבן זיי נישט קיין שטענדיקע פרנסות. ס'איז געווען אפהענגיק פון סעזאן און פון דער געלעגנהייט, וואס איז געקומען אונטער דער האנט. על פי רוב איז מען געווען ווינטער — פערד-הענדלערס, זומער — סעדערס און אויפקויפערס פון מציאות. זענען דא פארגעקומען כסדר דין-תורות מיט בוררות און מיט אויסגלייכענישן.

אין שטאט האט מען געשמועסט, אז די בעטקעס שטאמען פון ציגיינערס, צי גאר פון טאטערן. איז אין דעם שולדיק געווען זייער שווארצקייט, אדער זייער וווינען אין אפענע שטיבער און ביידלעך, צי גאר דער משונהדיקער נאמען בעטקעס — בלייבט נישט קלאר.

אט שטייט ישראל בעטקע, שמואל בעטקעס טאטע, און דערציילט:

— מיין טאטע, עליו השלום, איז געקומען קיין פלווינע צוזאמען מיט איציק לייבן און שיקארען. איך בין דעמאלט געווען נאך א ייִנגל, און דער טאטע, אונדז צו לענגערע יאר, איז געווען דער ערשטער גלעזער אין פלווינע. האט ער אנגעהויבן צו גיין אויפן דארף, איז עס באלד די פויערן נעפעלן געווארן, האבן זיי גענומען נוצן גלעזערנע שויבן אנשטאט פענבעזשעס. דערנאך האט מיין טאטע, כ'בין נישט ווערט אים צו דערמאנען, מנדב געווען גלאז פאר דער שול. איציק לייב מיט שיקארען זענען שוין דעמאלט געווען צעקריגט. דעם אלטן פריץ כשאנאווסקי איז עס געפעלן. האט ער באשטעלט גלאז פאר די פענצטערלעך פון די כאטעס, אין וועלכע עס האבן געוווינט זיינע פאראבקעס, און געשאנקען דעם טאטן, זכרונו לברכה, א פלאץ. האט זיך דער טאטע, די נשמה זיינע אין גן-עדן, אנגעהויבן בויען, און דאס איז מיין ירושה עד היום.

— אבער, ר' ישראל, פארוואס רופט מען אייך בעטקעס?

— מ'רופט אונדז אזוי.

און דער אלטער בעטקע דערציילט ווייטער:

— מיין מאמע, פרארלען צו לענגערע יאר, האט איינמאל געקאכט שוואמען. פארצייטנס איז פלווינע געווען פון אלע זייטן ארומגעצוימט מיט וועלדער. און ווו א וואלד — איז שוין פאראן א האלבע פרנסה: האלץ צו הייצן, דזשעגעכץ, סמאלע, האניק און טאקע שוואמען, צי גאר יאגדעס. א גילדן אין קעשענע איז אויך געווען. פון א וואלד האט מען

לעדער: א פעלעכל פון א טכויעזש, א פוקס, א העזל און אמאל א ווידער. האבן טאקע יידן געהאט פרנסה איבערן מויל.

איז איינמאל, דאס איז געווען ארום סוכות־צייט, ווען די פויערן מאכן אריין די שויבן אויף ווינטער, כ'געדענק עס אזוי ווי היינט, דער טאטע, א ליכטיק גן-עדן אים, איז פונקט געווען אויפן דארף, איז די מאמע אוועק אין וואלד אריין קלויבן שוואמען. שוואמען, דארפט איר וויסן, איז פאראן פארשידענע מינים. און יעדעס מין האט זיך זיין קאליר. טרעפט זיך אמאל — איין מין האט עטלעכע קאלירן און עטלעכע מינים האבן איין קאליר, דארף מען זיין ביי שוואמען א גרויסער איבערקלויבער. קום איך אהיים פון חדר, ס'איז שוין געווען פארנאכט-צו, טרעף איך די מאמע ליגן אין בעט און יידענעס לייגן איר צו שטארצן צום בויך. די מאמע קרעכצט, עס דרייען זיך איר די געדערים. קיין דאקטאר איז נאך יענע צייטן אין פלוינע נישט געווען, האט מען געלייגט א גאנצע נאכט הייסע פייערקעס און געגעבן צו טרינקען רומיאנעק, און כעלות השחר האט די מאמע, „עליו השלום", אויסגעהויכט די נשמה. ביי דער טהרה האבן די ווייבער, די גאבעטעס, וואס האבן זיך מתעסק געווען מיטן מת, געפונען אויפן שיבער א שיסעלע שוואמען — בעטקעס. איז פון דעמאלט אן רופט מען אונדז די בעטקעס.

*
**

ישראל בעטקע איז שוין לאנג אויפן עולם האמת. די בעטיקלעך האבן זיך צעשאטן איבער פלוינע, איינגעזאפט געווארן אין אנדערע משפחות, ווי פייכטקייט אין שוועמעלעך. איינזאם שטייט די אמאליקע בעטקע-רעזידענץ, אונטערגעשפארט מיט קלעצער און דרענגער. נישט די מלחמות, נאר אלטקייט האט אויסגעקרומט דאס הויז. די טירן און פענצטער זעען אויס, ווי לעבער, פון וועלכע מייז זענען זיך צעלאפן נאך א שרפה. די בעטקעס ווינען איצט אין קאמעניצעס, האבן „סאליעס" מיט „עלעקטריע" און גארדינען. געבליבן איז נאר, ווי א שומר אין א ביידל אויף אן איינזאם פעלד, די יינגסטע בעטניצע, זעלדע די קוזשע — אזוי רופט מען זי פון שווארצקייט וועגן. זעלדע שטייט, רייניקט און שמירט

דאָס הויז. דער דאַך איז געלאַטעט שינדל אויף שינדל און זעלדעס אומ-רואיקע בעטקע-אויגן בלאַנדזשען איבערן געסל.

גייט אַדורך מאַטיאַס, שטעלט ער זיך אָפּ צו כאַפּן אַ שמועס מיט זעלדען און אַביסל זיך צו אַמוזירן.

— וועמען זוכן זי, זעלדע?

ענטפערט זעלדע מיט איר זיס לשון, און עס בלישטשען ביי איר די פייכטע, שוואַרצע אויגן און קוקן מיט זאָרג.

— דו זעסט דאָך, ליכטיק קינד, אַז ס'גייט אַ קאָמיסיע — זאָל כאָטש זיין ריין. דער מאַגיסטראַט הייסט מיך אויסלייגן די גאַנצע לענג פון הויז מיט טראָטואַר און אַוועקשטעלן אַ „לעקטרישע" לאַמטער. נו, פרעג איך דיך, דו האָסט דאָך שכל, איז עס פאַר מיינע כוחות? אַז אַלע האָבן זיך אַוועקגעצויגן אין דער ראַקיטנער גאַס אריין און מיך געלאָזט אַליין.

זעלדע זיפצט אָפּ און נעמט זיך ווייטער צו דער אַרבעט. די נייע צייט איז אַ שווערע, און שווער איז צו היטן די ירושה. אָבער ווי קאָן זי, די יינגסטע טאָכטער, לאָזן איינפאַלן דעם טאַטנס הויז? אין שטאָט שמועסט מען כסדר — ארץ ישראל און ארץ ישראל. זעלדען גיט אַ קלעם ביים האַרץ, ווען זי שטעלט זיך פאָר, ווי אַלע פאָרן אַוועק, די שטאָט בלייבט ליידיק, נאָר זי איינע בלייבט. ווי דען? איבערלאָזן וועט זי דעם טאַטנס ירושה אויף הפקר?...

ווען עס ווערט זעלדען גאָר ענג אויפן האַרץ, באַשליסט זי אַרויפ-צוגיין צו אַלטע אסתרס געוויר ווערן, ווי אַזוי ס'האַלט מיט דער זאַך: צי וועט טאַקע גאַנץ פּלוינע אַוועק קיין ארץ ישראל, ווי ס'האָט איר דער-ציילט דער טויבער עזריאל — ער האָט עס אַליין געהערט פון וואַלדמאַן דאָזער אין דער גמינע — און זי איבערלאָזן. זי וויל עס הערן אַליין פון אַלטעס מאַנס מויל.

לויס שטוב איז געוואָרן דער צוזאַמענגאַנג-פּונקט פון אַלע פּלוינער קלאַסן. ס'האָבן אָנגעהויבן קומען בענדעטעס פון די דערפער, און שי־קאָרעס — לוי וואָלט אין דעם קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז פּייוויש דעם

דבם זאָל קומען זיך מיט אים אָן עצה האַלטן — און בעטקעס. גאָר גרוי-
סע מחותנים זענען געוואָרן מיט לוין די איציק לייבס. דערמאַנט זיך, אַז
לוי איז אסתר איציק לייבס איידעם און שלום געמאַכט מיט דעם מום
אין דער משפחה. ער איז איצט דער עצה-געבער — לו החכמה ולו
הגבורה — אויפגעגאַנגען זיין שטערן...

# זיידעס און איניקלעך

אין דער קירך־גאַס, ווו די וועגן צעשיידן זיך און טיילן פונאַנדער פּלוינעס אויף צוויי העלפטן, איז געשטאַנען מאַטיאַס און געוואַרט. איבער דער גאַנצער לענג, ביז צו ענגעלמאַנס גאָרטן, האָט זיך נישט געוויזן קיין לעבעדיק נפש. זיין אויער האָט נישט אויפגעכאַפּט קיין שום קלאַנג אָדער שאָרך. די נידעריקע הייזלעך זענען געשטאַנען מיט די ווייסע קופּקעלעך אויף די קעפּ, פאַרטיפט אין שווייגן. דאָ און דאָרט האָבן אין די פענצטער געשימערט פייערלעך און באַלויכטן די פראָסט־בלומען אויף די שויבן. מאַטיאַס האָט גענומען מאַרשירן איבער דער לענג פון טראָטואַר צווישן די שורות סקעלעטן פון די ביימער. ער האָט זיך פון צייט צו צייט אָפּגעשטעלט ביי די ווינקלען, ווו ס'עפענען זיך שמאָלע, טונקעלע געסלעך און ווערן פאַרשלונגען פון דער קירך־גאַס.

די שנייאיקע שטעגן זענען געווען לעער, און מאַטיאַס האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרלירן די האָפענונג זיך צו זען דעם אָוונט מיט ליובען.

אין זיין זכרון האָט אָנגעהויבן אויפשווימען ליובעס געשטאַלט. צו־ערשט האָט ער געזען דעם אָליוו־קאָליר פון איר פּנים, דערנאָך דעם פייכטן גלאַנץ פון די לענגלעכע אויגן מיט די גרויסע שוואַרצאַפּלען און לאַנגע וויעס און צום לעצט די פאַרב פון אירע האָר, וואָס האָט שטענדיק אַזאַ געהיימנישפולע ווירקונג אויף אים. ניין, ער קאָן זיך דאָס בשום אופן נישט דערקלערן. ווי אַזוי האָט ער זיך געלאָזט באַהערשן פון דעם דאָזיקן כמעט אומבאַוווסטזיניקן מיידל? ליובע איז אַזאַ אויבערפלעכלע־כע, ער האָט נאָך אין איר קיין שום אינערלעכע שיינקייט נישט געזען. איז ער, אַלזאָ, פאַרבלענדט געוואָרן פון דעם פיזישן אין איר? אָבער זי פאַרמאָגט עפּעס אַזאַ נאַטירלעכן שטאָלץ, אַ באַזונדערן פרויען־שטאָלץ, וואָס רייצט און באַצויבערט.

מאַטיאַסן בליצט אויף אין מוח אַ געדאַנק:

אפשר האָט דאָס צו טון מיטן אַלטן משפּחה־אַנטאַגאָניזם, וואָס ציט זיך שוין דורות־לאַנג. אויב אַזוי, איז ליובעס פאַרהאַלטן זיך צו אים — די אייביקע גאווה פון די שיקאָרעס. האָט דאָך דער אַלטער זיידע איציק לייב שטענדיק געטענהט, אַז צווישן זיין משפחה און די שיקאָרעס לייט וועט קיינמאָל קיין שלום נישט זיין. ס'זעט אויס זייער אינטערע־סאַנט. ער, מאַטיאַס, ווערט אַריינגעצויגן אין אַ סיכסוך, וואָס ציט זיך שוין גאַנצע דורות. זאָל דאָס זיין אַ באַווייז, ווי שטאַרק ס'איז די קראַפט פון משפחה־בלוט? מאַטיאַס געדענקט, אַז נאָך אין די קינדער־יאָרן האָט אים געלאָקט צו וויסן די סיבה פון דעם סיכסוך צווישן ביידע משפחות, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט פלוינע אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן.

אין זיין זכרון שטייט אויף אַ בילד פון זיינע קינדער־יאָרן:

אַ קאַלטער ווינטער־אָוונט, חנוכה־צייט.

דער זיידע איציק לייב זיצט ביים לאַנגן דעמבענעם טיש און לערנט משניות. אין איין האַנט האַלט ער דאָס געלע טאַבאַק־שקעטעלע און מיט דער אַנדערער לענט ער זיך אָן אויף זיין שטעקעלע. הינטער דער טיר הערט זיך אַ כאָרכלען און אַ גיסן. באַלד קומט אַריין נתל שמש, גלייכט זיך אויס און זאָגט מיט אַ שטרענגן טאָן, פּונקט ווי ביים אויסרופן צו קריאת־התורה:

— ר' איציק לייב, דער מרא דאתרא, איז נפטר געוואָרן!

דער זיידע איז אויפגעשטאַנען און, אָנגעלענט אָן שטעקעלע, איז ער צוגעגאַנגען צום שמש, אַריינגעקוקט אים טיף אין די אויגן און מיט אַ בייזער אַ ברום געטאָן:

— וואָס מיינסטו, דו ביסט מיך משמח מיט דער ידיעה? גיי, זאָג דעם הלך לעולמו, אַז איציק לייב בעט ביי אים מחילה פאַרן בייזן האַרץ, וואָס ער האָט אויף אים געהאַט. די שנאה איז געווען נישט צוליבן איי־דעם, נאָר איבערן שווער. איך וועל נאָך האָבן מיט שיקאָרען אַ דין־תורה פאַרן בית־דין של מעלה.

דער שמש איז אַוועק, און מאַטיאַס איז צוגעפאַלן צום זיידן, אַרומ־גענומען זיינע דאַרע קני און געבעטן: דערצייל, זיידע, נאָכאַמאָל די מעשה

מיט שיקאַרען און מיטן אַלטן מורה הוראה. שכנים זענען אַריינגעקומען הערן, וואָס איציק לייב וועט איצט זאָגן. דער זיידע האָט זיך אוועקגע־זעצט ביים אויוון, אָנגעלענט מיט דער פּלייצע און אָנגעהויבן די מעשה אויפסניי:

— צ׳הערט מענטשן: ווי אַזוי איינער פאַרנעמט זיך, אַזוי פירט מען אים פון הימל. וויל ער עשירות, גיט מען אים עשירות און מען פאַר־שטאָפּט אים ס׳האַרץ; וויל ער כבוד, קריגט ער כבוד ביז צום ווערגן זיך. קענגן ווען מען מיין איך דאָס? איר פאַרשטייט דאָך מן הסתם, אַז קענגן שיקאַרען. אמאָל איז ביי יידן נישט געווען קיין מיוחסים. אין אונדזערע מקומות זענען מיר אַלע געווען בנערינו ובזקנינו שווייגערס, אַרענדאַרן און שענקערס, האָבן געהאַנדלט מיט תבואה און אַקעוויט און געדינט דעם רבונו־של־עולם בשלימות, אָן קונצן. אַז פּלוינע איז געוואָרן אַ שטאָט, מ׳רעדט נישט וועמען מ׳האָט עס צו פאַרדאַנקען, זענען געקומען פון די דערפער יידן און אויפגעשטעלט זיך הייזער אַרום מאַרק. דעמאָלט איז געוואָרן אַ גרויסער שנוי אין לעבן. יעדער האָט געוואָלט זיין גרעסער און העכער פון אַנדערן. און דאָ מיין איך טאַקע שיקאַרען. שיקאַרע, כ׳ווייס נישט, צי זיין נשמה איז אין גן־עדן — דער זיידע האָט צוגעמרווזשעט דאָס לינקע אויג און פאַרביסן די ליפּן — איז געוואָרן דער שתדלן פאַר יידנסוועגן ביים פּריץ.

דערנאָך, אַז מ׳האָט געדאַרפט אויסמעסטן אַ שטיק פעלד אויף אַ בית החיים, איז עס פּונקט אויסגעפאַלן אויף זיין נחלה, כאָטש ס׳איז געווען אַן אַנדערער, וועלכער האָט געוואָלט האָבן די מצווה. איז מען גע־גאַנגען מאַכן אַ גדר אַרום בית-הקברות, איז ווייטער דאָס אייגענע: גע־הילץ האָט געגעבן שיקאַרע פון אַשיקער וואַלד און קיינעם צו דער מצווה נישט צוגעלאָזט. האָט מען געדאַרפט פאַרריכטן די שול — אַ שינדל-דאַך — איז ווידער אַמאָל שיקאַרע. אַזאַ נישט-פאַרגינער איז דאָס געווען! און איצט — די מעשה מיטן ראַדזימינער מורה הוראה! דאָ האָט שיקאַרע זיין בלוט פאַרגאָסן. כ׳זאָג עס נישט אַלס אַ נוגע בדבר — דער אַלטער ראַדזימינער מורה הוראה איז געווען מיין מחותן. שיקאַרע האָט כסדר געהאַלטן אין איינקויפן זיך אין יחוס. האָט ער אויסגעגעבן די טעכטער

פאַר רביישע זין און געבר̇ענגט זיך פון לובלין רבנישע שנורן, און דאָס אַלץ, כדי צו מאַכן פאַרגעסן דעם שורש זיינעם. שיקאָרעס מאַמע, דאַרפט איר וויסן, האָט מען גערופן „די פערסיאַנערין", צוליב אַ מעשה, וואָס ס'איז געווען... כ'וויל נישט זיין קיין הולך רכיל. נו, פאַרשטייט איר דאָך שוין: ס'איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, בשעת די מלחמות מיט די טערקן, אין די צייטן פון מלך סאָביעסקי.

און שיקאָרע איז געוואָרן דער מיוחס, און דער בעל-צדקה, און דער עצה-געבער, און דער ממונה אויף דער שול. איז דאָך, דאַכט זיך, גוט? אַ ייד האָט עושר און גדולה און כבוד, דאַרף ער זיצן שטיל און דאַנקען גאָט ברוך הוא פאַר דעם חסד, וואָס ער טוט מיט אים. איז הערט-זשע, וואָס אַ פאַרכאַפּער און נישט-פאַרגינער קאָן. און דאָ קום איך שוין צו דער עצם-זאַך. ווען מיין אסתר איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר, איז זי גע- שטאַנען אין שידוכים. וועגן עושר און רייכקייט איז דאָך אָפּגערעדט. איך אָבער האָב געטענהט איינס:

— כ'דאַרף נישט קיין גאָלד-גרוב.

פאַר מיין עלטסטער טאָכטער גיטס מיר אַ בן-תורה. און אַזוי איז טאַקע געווען. איך בין געוואָרן מחותן מיטן ראַדזימינער מורה הוראה. איין איינציקן זון האָט דער אַלטער געהאַט, אַ בן-יחיד. פון תורה און חכמה איז דאָך נישטאָ וואָס צו שמועסן, נאָר דאָס איידלקייט זיינס איז געווען גאָרנישט אָפּצושאַצן! הכלל, כ'האָב אַריינגענומען מיין איידעם אויף אַלעם גרייטן און צוגעזאָגט קעסט לעולמות. זאָל ער זיצן יומם ולילה און לערנען. נאָר איין תנאי האָט זיך דער אַלטער מיט מיר אויסגערעדט אונטער פיר אויגן: טאָמער מאַכט זיך, או פלוינע דאַרף אַ נייעם רב, זאָל עס זיין דער איידעם מיינער. אַז איין-און-איינציק איז ער ביי אים געוועזן און דאָס רבנות איז זייערס אַ משפּחה-זאַך, דאַרף עס נישט איבערגע- ריסן ווערן.

איציק לייב האָט דריי מאָל אָנגעקלאַפּט אין שקעטעלע, גענומען אַ שמעק טאַבאַק, אָפּגעניסט און ווייטער געצויגן דעם המשך פון דער מעשה.

— צ'געדענקט, שכנים, וואָס אין פּסוק ווערט דערציילט וועגן דוד המלך און בת שבע, ווי אַזוי דער גביר האָט צוגענומען ביים אָרימאַן זיין

איינציק ציגעלע? אזוי איז עס טאקע געווען אין אונדזער משפחה. מיין איידעם, דעם ראדזימינער מורה הוראהס זון, האט זיך אוועקגעזעצט אין אלטן בית-המדרש, אויסגעטון פון גשמיות, און גענומען זיך צו תכלית-זאכן. יומם ולילה האט דער גאנצער פלאץ ביז צום דאקטאר קאשינסקיס גארטן געקלונגען פון זיין קול תורה און צוליב אים בין איך דערהויבן געווארן. דאס האט אבער שיקארע נישט געקאנט פארטראגן. ער האט דווקא געוואלט זיין דער איין און איינציקער אין דער מדינה. מאכט זיך טאקע, ווי ס'איז שוין פריער גערעדט געווען צווישן מיר און מיין מחותן, דעם ראדזימינער מורה הוראה, און דאס פלוינער כסא-רבנות ווערט פריי.

זאג איך צו מיין איידעם:

— הערצקע, ס'ווערט מקוים דעם מחותנס רצון. דו ווערסט פלוי-נער רב. מזל טוב דיר.

נעם איך ס'גאנצע ביסל ספרים זיינע מיטןווירטשאפט און פיר אהין צו דער דירה ביי דער שול. אז די גאנצע שטאט האט אים גינציק געהאלטן, איז וואס האב איך געהאט צו ווארטן? ערשט, כ'קום אהין — פארמאכט די טירן, פארמאכט די לעדן! פרעג איך נתל שמש: הא, וואס איז דאס? ענטפערט ער מיר: שיקארע, דער גבאי, האט אזוי געטון באפעלן! ס'ווערט מיר פינסטער פאר די אויגן און דער איידעם מיינער, דעם מורה הוראהס זון, ווערט בלאס ווי קרייד: א קלייניקייט — אזא חרפה! ס'איז דאך שפיכת דמים!

בינו לבינו קומען אן די שיקארעס לייט מיט זייערע גוואישע משר-תים, עפענען אויף די דירה און שטעלן אריין זייער באלעבאס' וויר-טשאפט. ס'איז געווארן אן אנלויף פון דער גאנצער שטאט מענטשן. מ'האט אויסגעשלאגן די פענסטער פון דער שול און ס'האט געהאלטן ביי אן אמתער מלחמה, ביי א מלחמת-מצווה. אינמיטן דערינען קומט אונ-טער שיקארע אליין מיט זיינע בנעימותדיקע טריטעלעך, ווי נישט אים מיינט מען, האלט זיך עפעס א פאפירל אין הענטל, און דערלעבן גייט דער עקאנאם מיטן גרויסן סענקאטן שטעקן, זיבן פאראבקעס שטייען אין דער זייט, און דער עקאנאם איז מכריז ומודיע, אז דער נייער פריץ, דער האר און געוועלטיקער פון פלוינע, האט באפוילן, אז שיקארעס מיטעלער

איידעם זאָל זיין דער פּלוינער ראַבין, און אַלס צולאָג, אויב קהל וועט נישט צאָלן קיין שכירות, באַקומט ער אַ שטיק וואַלד.

דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, און מיין איידעם האָט מען געמוזט אַהיימפירן.

דעם מורה הוראהס זון האָט פון דעמאָלט אָן געשפּיגן מיט בלוט, אַ רייכערער איז ער געווען, און אַזוי איז ער איינציקווייז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. אַזוי אַרום האָט שיקאָרע פּשוט בגזלה און מיטן כוח פון פּריצס זון, דער אַלטער כשאַנאָווסקי וואָלט אַזא עוולה נישט געווען דערלאָזט, פאַרכאַפּט פאַר זיך די וועלט און יענע וועלט. און דאָס גרויסן זיך, די גאווה מיטן שטאָלץ, זענען אַריבער בירושה צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער, אָבער דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט פון דעם אַלטן מורה הוראהס איין־און־איינציקן זון וויל זיך נישט באַרואיקן אין קבר, און דער צער פון מיין אסתרן, וועלכע איז אין די יונגע יאָרן געוואָרן אַ וויסטע אַלמנה, אָפּגעהאַקט ווי אַ יונגער בוים, איז גרויס געווען, ווי דער ים. און אַזוי האַלט אָן די קנאה־שנאה צווישן אונדזערע משפּחות עד היום הזה. די איציק לייבס מיט די שיקאָרעס וועלן קיינמאָל נישט לעבן בשלום.

אין אַ זייטיק געסל איז אויסגעוואַקסן אַ געשטאַלט און איבערגע־ריסן מאַטיאַסעס מחשבות. ליובע האָט זיך באַוויזן פון גאָר אַן אַנדערער זייט, פון וועלכער ער וואָלט זי געוואָלט זען קומען. איצט האָט ער דער־פילט, אַז ס'איז אים טאָפּלט קאַלט. שטאַרקער פון ווינט איז געווען די קעלט, וואָס האָט אויף אים אַ ווייע געטון פון זיידנס מעשה, וועלכע איז אַזוי בולט אויפגעשווומען אין זיין זכרון.

זי האָט זיך צו אים דערנענטערט מיט פּאַמעלעכע, אָבער זיכערע טריט. מאַטיאַסן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס גייט דער אַלטער שיקאָרע צו דער שול, בכדי דעם זיידן זיינעם, הערצקען, דעם מורה הוראהס זון, צונעמען דאָס כסא רבנות. ער האָט איינגעפּונען, אַז דער פאַרגלייך איז אַ ריכטיקער: ליובע באַרויבט אים פון זיין פרייען גערדאַנק, פּונקט ווי שי־

קאָרע זיין זיידן פון רבנות. ס'איז אַלזאָ דאָ אַ המשך, און די מלחמה צווישןביידע משפחות וועט נאָך דויערן.

ליובע, ווי זי וואָלט גערדאַפּט באַלד אַריינדרינגען אין זיינע געדאַנקען און זיי באַהערשן, האָט אים געגומען באַטראַכטן געמיטלעך אויפגעלייגט, נעמענדיק צו הילף פון צייט־צו־צייט אַ פּאַראַוויס צוגעטראַכטן שמייכל. זי האָט כסדר געוואָרט מיט עקשנות, ער זאָל אָנהייבן רעדן — ער האָט דערין דערשפּירט די גאווה פון די שיקאַרעס — און זיך איבערגעלאָזט די חשובע ראָלע פון אַ צוהערערין. די באַציאונג האָט מאַטיאַסן פאַרדראָסן. זיין ערע האָט זיך געפילט געטראָפן, און אין אים האָט אויפגעוואַכט די האַרטקייט און בייזקייט פון זיידן איציק לייבס, וועלכער איז אַזוי שטאַרק באַוואוסט געווען פון שיקאַרעס.

ער האָט גענומען זוכן זיין איבערגעוויכט איבער ליובען. איצט האָט אים הנאה געטון, וואָס זי שטייט גייסטיק אָן אַן ערך נידעריקער פאַר אים, ס'האָט אים דעריבער נאָך מער פאַרדראָסן זיין לאַנג וואַרטן. זי וועט דערפאַר באַצאָלן. ער זאָל נאָר נישט חרטה האָבן. ער האָט מיט גרינגשעצונג פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אָן אַ זייט און מיט אַ לייכטן טאָן אַ זאָג געטון:

— דו האָסט זייער פיל צייט, ליובע. כ'שטעל מיר פאָר, אַז דעם הייגטיקן אָוונט האָסטו געוויס אויסגעלעזן אַ גאַנץ בוך. לעזן אַנטוויקלט און באַלערנט.

דאָס ווייסע איידעלע פּנימל האָט אין שיין פון לאָמטער באַקומען אַ בלייכלעכע קאָליר. ליובע האָט זיך געפילט געטראָפן. באַלד אָבער איז זי צו זיך געקומען, און איז גרייט געווען אָנצונעמען די אַרויספאָדערונג צום קאַמף.

— אַנטשולדיק פאַר מיין פאַרשפּעטיקונג. איך האָב זיך היינט באַקענט מיט יאַוואָראַס זון. מיר האָבן אַ לאַנגע צייט גערעדט. די קריסטלעכע סטודענטן זענען זייער העפלעך. איך ווייס נישט, אויב זיי לעזן אַ סך.

ליובעס בליק איז געווען פול נצחון. אויף מאַטיאַסעס פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ רויטקייט, פּונקט ווי ביי דעם זיידן איציק לייבס פּריוויטיק

נאָך ליכט-צינדן. מאַטיאַס האָט זייער פיינט געהאַט די רויטקייט, וועלכע איז געקומען פון דער מוטערס צד. נאָך גוט, וואָס זיין געזיכט האָט דעם געבוי פון פאָטער, כּמעט נישט זיין בלאַסקייט. ער דערמאַנט זיך ווי די מוטער פלעגט שטענדיק זאָגן:

— מאַטיאַס האָט דיין גאַנץ אָנבליק, לוי, נאָר דו ביסט בלאַס, ווי אַ מת — האָט זי געענדיקט מיט אַ פאַרבאָרגענער צופרידנקייט, וואָס דער מאַן איז נישט ענלעך צו די איציק לייבס.

מאַטיאַס האָט געענטפערט מיט אַ זיסער זויערקייט:

— יאָ, די קריסטלעכע סטודענטן, זיי זענען זייער העפלעך און ריטערלעך, אָבער נישט פאַר חיים שיקאָרען, ענגעלמאַנס איידעם, ליובע, און נישט פאַר דיין מאַמען, נאָר פאַר זייער שיין טעכטערל מיטן ווייסן איידעלן פּנימל און דעם קליינעם מיילעכל.

ער האָט אויפגעגעבן דעם קאַמף. ליובע האָט זיך צעשמייכלט און די לייכטע בלווילעכקייט, וואָס איז ביי איר פאַרבליבן אין די ווינקלען מיילעכל, איז פאַרשוווּנדן פון דעם ווייסן איידעלן פּנימל.

— אָט אַזוי, מאַטיאַס, האָב איך ליב!

די אָנגעצויגנקייט איז פאַרשוווּנדן. זיי זענען אַריין אין ענגעלמאַנס גאָרטן און גענומען דעם וועג אין דער הויפּט-אַלעע. דאָ זענען נאָך פאַרבליבן שפּורן פון דער אַמאָליקער פּראַכט. צווישןביידע שורות ביימער, אונטער דער משא פון שניי, זענען געשטאַנען די שטיינערנע בענק, וואָס האָבן אים דערמאַנט אָן דעם יידישן מאַגנאַט פון דעם פאַרמלחמהדיקן פלוינע. אַרום דער חורבה פון דעם אַמאָליקן פּאַלאַץ זענען די ביימער געשטאַנען מיט אַראָפּגעהאַקטע קרוינען, ווי אָן קעפּ, ווי יתומים פאַר דעם אָפענעם קבר פון זייער פאָטער. מאַטיאַסן האָט אַרומגענומען אַ באַנגער, אַז די צייט זאָל זיך אומקערן אויף אַ צוואַנציק יאָר. איינמאָל אין לעבן, אין די קינדער־יאָרן, האָט ער געהאַט דאָס גליק דאָ צו געפינען זיך אין דעם הויז פון די ענגעלמאַנס. פאַר זיינע אויגן שימערן נאָך איצט די קריסטאָלענע וואַזעס, די שטילע דיוואַנען און לאַנגע פאַרטראַכטע גאַרדינען אין די רחבותדיקע סאַלאָנען. אויף דער ברייטער פּאָטער-שטול זיצט דער אַלטער ענגעלמאַן, האַלט אין דער האַנט די לאַנגע

ווייסע באָרד, ווי ביי דעם זיידן איציק לייב, און דאָס פּנים שטראַלט פון פּיקחות און ווױלקייט. אַרום דעם רונדן טיש זיצן די דאַזערעס, האַלטן דיקע ציגאַרן, קוקן מיט יראה און דרך-ארץ אויף דעם אַלטן, און ער לערנט זיי, וואָס צו טון פאַר דער שטאָט. עפּעס אַ קלייניקייט אברהם ענגעלמאַן, דער פּלוינער ראש הגולה, איינגעטונקען אין יחוס און אין עושר, שטאַמט פון לובלינער רביים און צדיקים אַזש ביזן תולדות יוסף!

און מאַטיאַס שטעלט זיך פאָר, אַז אַזוי מן הסתם האָט אויסגעזען שיקאָרע אַליין, ענגעלמאַנס שווער, און איצט — פאַרלאָשן אויף אייביק איז דאָס ליכט אין ענגעלמאַנס פּאַלאַץ, פאַרהאַקט זענען די פענצטער מיט ברעטער, און די צווייגן פון ווילדן וויינשטאָק — דער איינציקער וויינשטאָק אין פּלוינע, וועלכער האָט מאַטיאַסן אַזוי געלאָקט, הענגען אַראָפּ האַלב צעבראָכן און פאַרוואָרלאָזט. אָן אַ פּאַרקאַן איז איצט ענגעל-מאַנס גאָרטן, און אָפן שטייט ער פאַר אַלעמען. די אַמאָל פיין-געשווירענע ברעגעס פון סטאַוו זענען פאַרוויסט, דעסגלייכן די אַמאָל געפּוצטע אַלעען און שטעגעלעך. שיקאָרעס איידעם האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אָן פּלוינע, ווו זיין עשירות און כבוד האָבן אַמאָל געוואַקסן און געדייעט. זיצט דער אַלטיטשקער אין וואַרשע, און איינמאָל אין יאָר, ס'פאַלט אויס דעם עלפטן נאָוועמבער, טוט ער אָן דאָס היטל פון די אויפשטענדער אין 63-סטן יאָר, מיט די דריי געלע גרויסע שטערנס, און גייט אַוועק אויפן פּאַראַד אין אַ לאַנגער גרויער געביידע אין די אויאַזדאָווער אַלעען. מאַ-טיאַס וויל זיך דערמאַנען דעם נוסח פון דער געשיכטע, ווי אַזוי ענגעל-מאַן האָט אַמאָל אין זיינע וועלדער געראַטעוועט אַ גאַנץ פולק אויפשטענ-דער, אָבער ליובע טוט פּלוצים אַ ציטער.

— אַך, זע נאָר, זע נאָר. עפּעס איז דאָ פאַרגעקומען. לאָמיר שנעל אַהיימגיין.

זי האָט זיך אָנגעלענט אויף זיין אַקסל און צום ערשטן מאָל זיך צו-געטוליעט צו אים. ליובעס שרעק האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו באַ-וויזן זיין שטאַרקייט. ער איז געבליבן שטיין רואיק.

פון אָן אָפן פענסטער זענען אַרויסגעשפּרונגען פיר יונגעלייט אין שוואַרצע קאַפּעלושן אַראָפּגערוקט איבער די שטערנס. זיי האָבן זיך

איינגעבויגן איבערן פענסטער און ארויסגעטראָגן פון דער חורבה אַן איינגעקנוילט געשטאַלט. מאַטיאַס האָט געהערט אַ קענטלעכע שטימע.

— דאָ ליג, פּראָוואָקאַטאָר, אין געהאַקטע ווונדן. דאָס צווייטע מאָל וועלן מיר איבער דיר ארויסטראָגן אַ טויט־אורטייל.

אַלע פיר האָבן מיט קרומע וועגן זיך אָפּגעטראָגן און פאַרשוווּנדן. דאָס איינגעקנוילטע געשטאַלט האָט געקרעכצט און גענורעט זיך אין שנײ. ליובע איז מיט וואַקלדיקע טריט נאָכגעגאַנגען מאַטיאַסן. אויף זייער אַנבליק האָט זיך דער מענטשן־קנויל אויפגעוויקלט. פאַר זיי איז געשטאַנען אַ פאַרבלוטיקטער און צעביילטער דער יונגער סאַמנער. דאָס פּאַרל האָט אים נישט דערפרייט. ער האָט אַ מרוקע געטון:

— מישט זיך נישט אין מיינע געשעפטן און מאַכט אַ שווייג.

ער האָט מיט וואַקלדיקע טריט זיך אָנגעהויבן דערווייטערן.

מאַטיאַס האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— זעסט, ליובע, אָט דאָס איז דער פאַלשער וועג, אויף וועלכן אַ גרויסער טייל פון אונדזער יוגנט גייט היינט. זיי וועלן זיך אַמאָל ארומזעען, אָבער דעמאָלט וועט זיין צו שפּעט.

ס'האָט געדויערט אַ ווײַלע, ביז ליובע האָט פאַרשטאַנען זיין מיין. שוין אַ באַרואיקטע, האָט זי אים אַ פרעג געטון:

— און אויף וועלכן וועג גייסטו? דיין פאָטער איז דאָך אַ ציוניסט. די גאַנצע שטאָט רעדט פון אים.

זי האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין איר גורל. דער ענטפער איז נישט געקומען, און זי האָט זיך ווייטער געבעטן מיט די אויגן.

— מ'זאָגט, אַז דו ביסט צעקריגט מיט דיין פאָטער. און דער סוף איז, אַז כ'וויים נישט מיט וועמען דו האַלטסט.

מאַטיאַס האָט שווייגנדיק באַטראַכט ליובען מיט פאַרשנדיקע בליקן. איצט איז אים שוין שווער געווען צו אָנטפּלעקן זיינע געדאַנקען.

— מיין וועג, זאָגסטו. ס'איז נישט מיין וועג. פאַר אונדז יידן אין פוילן איז עס דער איין און איינציקער וועג, אָבער וועגן דעם וועלן מיר רעדן אַן אַנדערש מאָל. דו, ליובע, דאַרפסט צוערשט אַ סך לעזן און לער-

נען. סיי די, סיי יענע מיינען, אז פון דורכלעזן אַ פּאָר בראָשורן אָדער אַר־טיקלען אין צייטונגען קאָן מען שוין פאַרשטיין דאָס לעבן. ביידע זענען פאַרבלענדט.

זיי זענען אַרוים פון גאָרטן און געבליבן שטיין אין מיטן וועג.

אויף רעכטס און לינקס האָט זיך געצויגן אַ ווייסקייט אָן אַ סוף.

## פון ברייטבאַרדן — אַ חלוץ

לוי איז געזעסן איינגעבויגן איבער זיין ספר „שלומים לריב ציון". די בלעטלעך זענען געווען אָפּגעבליאַקעוועט. די טינט האָט פאַרלוירן איר אַמאָליקע שוואַרצקייט און אַנגענומען אַן אַש־קאָליר. לוי האָט זיך גע־פּרייט מיט זיינע געדאַנקען פון אַמאָל, ווי אַ טאַטע מיט אַ געפונען קינד. אין זיין זכרון זענען איצט אויפגעשווומען בילדער פון פאַרגאַנגענע צייטן. די צייטן פון רייזעסן און שמואל מאָהיליעווער, ער, לוי, איז נאָך געווען גאָר אַ יונגערמאַן, געגעסן קעסט ביי אסתר איציק לייבס און געגאַנגען אַלע אויפדערנאַכט צו די „חובבי ציון". אין די שבתדיקע אָוונטן זענען זיך די באַלעבאַטים צוזאַמענגעקומען ביים אַלטן רב און געזונגען שירי־ציון: „יונה הומיה", „שמש אביב" און „נומה פרח", אָדער

„וואָס זע איך דורך די שויבן?
ס'קומען אָן צו פליען, ווי טויבן, —
מיין יוסף און מיין בנימין קומען צו מיר!
אַך הימל, גאָט, די וווּנדער —
איך זע דאָך מיינע קינדער
קלאַפּן אָן אין מיין טיר".

לוי האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו שרייבן זיינע ספרים וועגן ציון און פאַרגעסן אָן ווייב און קינד. די שוויגער, אסתר איציק לייבס, האָט אָפּגע־זאָגט די קעסט. שפּעטער איז אָנגעקומען די מעשה־אוגאַנדע און הערצלס טויט. די חובבי־ציון זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. אַ טייל האָבן זיך גאָר געשעמט מיט דער גאַנצער זאַך. איז ער, לוי, געבליבן איינזאַם, איינער אין פלוינע, אַרומגערינגלט מיט שונאים. דעם ווייבס משפּחה, די איציק

ליבס, פון אייביק אָן ביטערע מענטשן, האָבן אים אָנגעהויבן צו פייניקן און מבזה צו זיין.

לוי האָט גענומען אַ טייל כתבים און אַוועק אין דער וועלט אַריין.

ווען ער איז מיט יאָרן שפּעטער געקומען צוריק פון דער „וועלט", אַ צעבראָכענער און פול מיט יאוש, גרייט אויף יעדע זאַך, כאָטש צו ווערן אַ מלמד — איז שוין אַלטע געווען שטאַרק פאַרעלטערט. די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, בלאַסע און מרה שחורהדיקע, ווי זיי וואָלטן, אַ חוץ מאַטיאַסן, אַריינגעראָטן אין אים. פון די איבערגעלאָזטע ספרים איז שוין קיין זכר נישט געבליבן. האָט דען אַלטע געקאָנט אין צייטן פון איבערקערענישן אָפּהיטן דאָס, וואָס זי האָט אַזוי פיינט געהאַט און געהאַלטן, אַז עס ברענגט איר אין שטוב אַריין אומגליק? לוי האָט עס איר שוין לאַנג מוחל געווען, און פון יאוש און צוליב מידקייט איבערגעגעבן זיך אינגאַנצן אין אַלטעס רשות. אָבער בלויז אין די שפּעטע שעהן, נאָכדעם ווי ער האָט שוין אַ גאַנצן טאָג אויסגעמאָסטן דעם נאַפּט און פונאַנדערגעוויגן דעם זייף, פלעגט ער מער פון געוויינהייט ווען, ווי פון געברויך, אַוועקזעצן זיך ביי דעם אָראָפּגעדרייטן בליצלאָמפּ און נעמען די פעדער אין דער האַנט אַריין.

אָט אַזוי האָט זיך ס'גאַנצע ציונות זיינס איינקוואַרטירט ביי אים אין דעם פּרייען שטח צווישן דעם טיש און דער ספרים-שאַנק און נישט געוועז אימשטאַנד פונדאַנען זיך אַרויסצורייסן אין דער פרייער וועלט אַריין...

נישט אַלטע האָט דערצו דערלאָזט, נישט ער איז געווען בכוח דערצו און נישט פלוינע איז געווען מסוגל אויפצונעמען זיין ציונות.

יאָרן זענען אַריבער.

לוי האָט זיך געפילט שטאַרק מיד, און אַ חוץ דעם האָבן זיך באַוויזן די ערשטע גראָע האָר אין לוים העל-געלער באָרד, און דאָס איז געווען אַ באַווייז פאַר אים, אַז ס'איז נישטאָ שוין אויף וואָס צו האָפן. איצט מאַטיאַס. דאָס, וואָס ער שטודירט דאָרט אין וואַרשע, איז אַ גאַנץ ריכטיקע זאַך. לוי האָט גאָר קיינמאָל אַנדערש נישט געטראַכט, נאָר אַז דער זון וועט שוין פאַרריכטן זיין פעלער אין לעבן, און ווען קנאה איז

אפגערעדט. בנוגע א זון און א תלמיד איז נישט שייך קיין קנאת סופ־רים. ווייסט מען דאך, אז פון די בני־עניים קומען ארויס גרויסע מענטשן. איז דאס טאקע גוט, וואס גרויסע מענטשן זענען זיין זונס אפוטרופסים. אבער אליה וקוץ בה. ער דערקאנט עס שוין היינט אין זיינע וויכוחים מיט מאטיאסן. האט ער דאך געלייענט אין די צייטונגען, אז די דיק־שטיינס מיט די נוסבוימס זענען גרויסע אסימילאטארן, און זיין זון זאל נאר... און לוי האט דערפילט, אז זיין ציונות וועט נישט האבן קיין המשך, אויב מאטיאס וועט אוועק פון דער יידישער אומה לתרבות רעה. און ער האט געזוכט עצות, ווי אזוי איבערצופלאנצן דאס ציונות אין מאטיאסן, דעם געבילדעטן. פאר אים, לוין, איז עס געווען שוין גאר א צו גרויסע משא. אבער בינו לבינו גאר אומגעריכט איז אנגעקומען די הילף פון דרייסן, לוי איז מיטאמאל אויפגעפרישט געווארן, און פון די טליענדע פייערלעך אין די טיפע טיפענישן האט אין אים אויפסניי און מיט א גרויסער גבורה אויפגעפלאקערט דאס ציונות.

לוי האט מיטאמאל דערפילט, אז ער איז נישט איינזאם אין פלוינע.

ענגלאנד און די פעלקער־ליגע זענען אויף זיין זייט!

די וועלט קאכט זיך, און אויך די מתי־מדבר אין פלוינע וואכן אויף, און די עצמות היבשות הייבן אן ארויפצוציען אויף זיך הויט און פלייש. עפעס שמועסט מען שוין אין שול און אפילו אין מארק וועגן ערד, וועגן ארץ ישראל־ערד! יש תקוה לאחריתך ושובו בנים לגבולך — האט לוי געטראכט. אבי ער האט געמיינט, אז אין מדבר וועלן זיינע ביי־נער צו קבורה קומען.

לוי פילט אין זיך א שטיק טרייסט.

איצט וועט ער זיך שוין אפנעמען פאר אלע יארן. ער איז שוין בכוח מלחמה צו האלטן מיט דער שטאט. וויל דווקא פלוינע מיט אים שלום, איז אדרבה, זאל זיין שלום, און זאל דאס לאנד אויפגעבויט ווערן!

אבער ווו איז דער יונגער דור? מי ומי ההולכים? און דא דערמאנט זיך לוי אן מאטיאסן און עס גיט אים א שטאך אין הארץ: פלוינע פעלט עפעס. ער פילט עס שוין א צייט, אז נישט אלץ איז אין ארדענונג מיט פלוינע.

אָ, דאָס קליינע אָרט!

היינט באַגרייפט ער עס שוין. ס'איז אַן אַלט-נייוואָרט: דאָס היינ-טיקע ציונות קאָן נישט אויסקומען אָן די חלוצים. און פּלוינע האָט נישט קיין חלוצים. און ער, לוי, איז שוין נישט יונג. אָבער די פּעדער האָט ער אין דער האַנט, רעדן קאָן ער אויך, און אין דער שבתדיקער רעדע וועט ער די זאַך אַרומרעדן אין „מזרחי". און לוי זוכט עפּעס אַ משל, אַ פאַרגלייך, ווי אַזוי פאַרצושטעלן דעם עולם דעם נייעם געדאַנק פון חלוציזם. עס דאַכט זיך אים, אַז ער האָט שוין דאָס אמתדיקע וואָרט געפונען, אָבער פּלוצים ווערט דער גייער געדאַנק איבערגעריסן. די טיר האָט זיך האַסטיק אויפגעפּראַלט און אויף דער שוועל איז געשטאַנען שימעלע, פּשעניצע דעם תבואה-סוחרס זון. מיט עטלעכע שפּרייז איז ער שוין געווען ביי דער ספרים-שאַנק, און קוקנדיק מיט רוגזה אויף לוין, האָט ער זיך אַ בייזער געטון:

— ד' לוי, כ'וויל פאָרן קיין ארץ ישראל!

*

צייט די שקצים פון מאַגיסטראַט האָבן אוועקגעפירט פּשעניצעס מעבל, איז שימעלע אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער. ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און דעם דאַשעק פון דער ציקלים-טוועקע מיט אַראָפּגערוקט. די אויגן זענען אָבער שוין נישט געווען חוצפּה-דיק געווענדט אין אַ זייט אָן דעם מינדסטן דרך-ארץ. שימעלע האָט מען אים גערופן נישט צוליבן קליינעם וווקס, ער איז געווען געַנוג הויך, נאָר צוליב זיין אומלייטישקייט. וואָלט ער נישט געשטאַמט פון שיקאָרעס משפּחה, וואָלט מען אים נישט גערופן שימעלע און נישט געשאָקלט מיטן קאָפּ. פּשעניצע האָט שוין מער נישט געמוסרט דעם זון פאַרן לײדיק-גיין. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט האַנדל איז היינט אויס און אַ מלאכה איז נישט קיין תכלית פאַר שיקאָרעס אייניקל, האָט ער די שטראָף מקבל באהבה געווען. האָט עס אָבער שימעלען שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס פּונקט איצט האָט זיך דער פאָטער אויפגעהערט מיט אים צו אינטערעסירן.

אָבער ערגער איז מיט די מאַגיסטראַט-שקצים. זיי זענען אים נישט

ארויס פון זינען, און ער האט אין קורצן באקומען אן אידעאל: ברייט־בארד. א, ווען ער זאל זיין אזוי שטארק ווי ברייטבארד, וואלט גאר אנדערש געווען מיט יידן. שימעלע האט אנגעהויבן האקן טשוועקעס אין דער מויער אריין מיט דער האנט, בייגן בלעך מיט די ציין און פירן באקס־קאמפן מיטן ווירט יאווראס שקצים. אבער ווען מ'האט דעם פאטער פארחתמעט דעם שפייכלער מיט דער תבואה און זיין גבורה האט דא גארנישט געהאלפן, איז אין שימעלען פארגעקומען א שינוי. אין מוח איז אנטשטאנען א גאר וויכטיקער פלאן, פון וועלכן ס'איז אים ליכטיק געווארן אין די חוצפהדיק פארריסענע אויגן. דער וואזשנער פלאן האט אים צוגעגעבן אויפסניי חוצפה. און איצט איז ער געשטאנען פאר לוין מיט די הענט אין די קעשענעס און דעם דאשעק פון דער ציקליסטוווקע טיף אראפגערוקט, די פארריסענע אויגן האבן געקוקט אין א זייט און געווארט אומגעדולדיק און מיט חוצפה אויף אן ענטפער.

לוי האט האלב דערשראקן, האלב צופרידן אוועקגערוקט די בייגעלעך פאפיר אין א זייט און גענומען באטראכטן דעם גאסט.

שימעלע איז דערווייל צוגעשפרונגען צום טיש און מיט איין האנט אים אויפגעהויבן ביזן סופיט. דערנאך האט ער מיט די ציין אנגעכאפט א שטול און זי אריבערגעווארפן איבערן קאפ. די שטול האט זיך שיער נישט צעשאטן, און שימעלע האט געקוקט אין א זייט מיט א נצחונדיקן בליק.

— זעט, ר' לוי. איך גיי אויף צען אראבער. דער כותל מערבי מוז זיין אונדזער. כ'מוז נאך פאר פסח פארן קיין ארץ ישראל.

לוי האט געשטוינט פאר שימעלעס גבורה און התלהבות. דא האט ער זיך דערמאנט אן מאטיאסן, און ס'האט אים א שטאך געטון אין הארץ. ער האט געטראכט, אז שימעלע וועט באמת דארט צונויץ קומען. מ'דארף דעריבער אים אויפקלערן, ווי אזוי מ'בויט דאס יידישע לאנד.

— די גבורה, שמעון, מוזסטו באהאלטן פאר אונדזער ערד. אקערן און זייען און פלאסטערן די וועגן מיט שטיינער. אזוי טוען די חלוצים. ווילסטו אויף אן אמת פארן קיין ארץ ישראל, מוזסטו צוערשט ווערן א חלוץ, דערנאך באקומען א סערטיפיקאט. אנדערש איז אוממעגלעך.

שימעלע האָט נישט איינגאַנצן פאַרשטאַנען לוין און זיך אויף אַ ווײַלע פאַרלוירן. באַלד אָבער האָט אים זיין גבורה ווידער באַהערשט. ער האָט פאַרריסן חוצפּהדיק די אויגן אין אַ זייט.

— אַ שווערע קונץ צו האַלטן אַ לאָפּעטע אין דער האַנט, אָדער אַן אָקעראײַזן. איך הייב אויף צוויי הונדערט קילאָ מיט איין האַנט. כ׳דאַרף נישט קיין סערטיפיקאַט, כ׳קאָן אַזוי אויך פאָרן.

לוי איז געווען אַנטציקט, דאָך האָט ער קענען זיין ווילן שימעלען אָפּגעקילט.

— פאַרגעס נישט, אַז מ׳יר האָבן צו טון מיט די ענגלענדער און מ׳מוז זיך פּשוט אַריינגנאַרן אין אונדזער אייגן לאַנד. טו, וואָס כ׳הייס דיך: פאָר קיין וואַרשע, פאַרשרייב זיך אין „החלוץ המזרחי”, וועלן זיי דיר געבן הכשרה און אין אַ יאָר אַרום וועסטו זיין אין ארץ ישראל.

שימעלע איז געוואָרן טרויעריק. די גאַנצע חוצפּה איז אויסגעוועפּט געוואָרן. ער האָט געקוקט מיט ברענענדיקע אויגן אויף לוין, גלייך ווי דער גאַנצער גורל זיינער וואָלט געלעגן אין לוים הענט.

— אָבער וואָס וועל איך טון אין פּלוינע אַ יאָר צייט? וואָס וועל איך טון? זאָגט, ר׳ לוי! וואָס האָב איך צו טון אין פּלוינע?

שימעלע האָט געוואָרט, אָבער לוי האָט נישט געפונען פאַר אים קיין ענטפער. איז אים שוין די חוצפּה אויפסניי באַפאַלן. ער האָט פאַרריסן די אויגן און נאָכאַמאָל אַ וואָרף געטון לוין אין פּנים אַריין:

— איך האָב דאָ גאָרנישט וואָס צו טון, פּלוינע מעג פאַרברענט ווערן — און ער איז אַרויס, פאַרהאַקנדיק הינטער זיך די טיר.

די חברים און חברות פון ערשטן קאָסאָווער קיבוץ האָבן זיך אין מיטן ווינטער געלאָזט צו דער נייער פערמע. אָפּגעשטעלט האָט מען זיך אין פּלוינע. אויף אַ פעלד נעבן דער גרינער קרעטשמע, אין אַן אָפּגעדונגענער פויערישער, האַלב חרובדיקער כאַטע האָט מען געדאַרפט האַלטן די הכשרה-לעקציעס ביזן פרילינג, ווען מ׳וועט זיך נעמען צו דער אַרבעט אין דעם יידישן גוט.

דערווייל איז פּלוינע געגאַנגען אויף רעדער. נאָך באַלד איבערפרי־

האט שמואל בעטקע דערציילט אין מארק, אז פארנדיק צו דער באן, האט ער אנגעטראפן אויף א מחנה ציגיינערס, וואס זעען אוים ווי יידן. ווער ווייסט, אויב זיי האבן נישט דארט קיין קליינע געגנבעטע קינדער. אין אנהייב האט מען געמיינט, אז ס׳איז אן אויסגעטראכטע זאך, אזוי ווי אלע שמואל בעטקעם מעשיות, אבער פארנאכט-צו האט זיך אין מארק באוויזן א מאדנע פארל. זיי זענען געקומען אין שטאט אריין מיט א קויש איינקויפן עסנווארג. פון אלע זייטן איז געווארן א געלויף אנקוקן דעם הילוך פון די ציגיינער: די קורצע גרינע הייזלעך און די טיכלעך, פארווארפן איבערן אקסל, ווי ביי קליינע קינדער.

עמעץ האט אויסגעשריגן אין טומל אריין:

—ס׳איז חלוצים!

האט זיך ביי אלע אויפגעכאפט דאס יהדות, און סוחרים האבן אנגעהויבן ווארפן אין קויש אריין, וואס נאר איינער האט געהאט אין געזועלב. אז דער חלוץ מיט דער חלוצה זענען אביסל רויט געווארן פון פארלעגנהייט, האט מען זיי באַרואיקט:

— נעמטס, נעמטס, עס שאדט נישט. איר גייט דאך בויען ארץ ישראל!

זעלדע די בעטצינע האט אנגעכאפט א גרוים רחמנות אויף די נאקעטע קינדער, און זי איז געלאפן ברענגען אביסל געקעכץ. מאמעס האבן אבער קרום געקוקט אויף דעם פארל. וואס עפעס אזוינס: צוזאמען יינגלעך מיט מיידלעך? ס׳איז נישט יידיש. אממיינסטן האט זיך געלאזט הערן יענטעלע איציק לייבס. זי האט שוין לאנג געזאגט, אז די חלוצות זענען פארשייטע מיידן, און אט זעט מען, ווער ס׳איז געווען גערעכט.

דערווייל האט זיך חברה יונגווארג א לאז געטון הינטער דער שטאט ארוים, זען מיט די אייגענע אויגן דאס וונדער.

פונדערווייטנס האט זיך געהערט דאס געזאנג פון די חלוצים.

אם אין אני לי, מי לי?
אם אין אני לי, מי לי?
ואם לא עכשו, אימתי?
אימתי?

אויף דעם פראָסט פאַר דער כאַטע זענען זיי געשטאַנען אויסגע־שטעלט אין אַ ראָד, אַקסל ביי אַקסל, הענט צוזאַמענגעפלאָכטן, די בחו־רים אין קורצע הייזלעך, די חלוצות אין ברייטע גרינע ספּודניצעס, און געטאַנצט ביי דעם אָפּשיין פון דער רויט־פאַרגייענדיקער זון. די חברים פון פאַראיין „התקוה" זענען געווען שטאַרק פאַרוווּנדערט און געקוקט מיט קנאה. נישט קיין רעפּעראַט, נישט קיין פאָרלעזונג און נישט קיין דיס־קוסיע, און זיי דאָס נייע שטאַרק געפעלן געוואָרן, און דער קליינער הער־שעלע האָט זיך איבערגעשמועסט מיט בינעמען, דעם פאָרזיצענדן, וועגן צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג.

שימעלע איז ווי אַ וויכער אריין אין שטוב און אַ פאַררייסט געטון די אויגן:

— מאַטע, כ'גיי מיט די חלוצים קיין באָזשע־וואָליע, ס'קומט דאָך דיר ביים פּריץ געלט.

און איידער פשעניצע האָט נאָך באַוויזן אַ טראַכט צו טון, אַז עס איז סיי־ווי־סיי אַלץ איינס, האָט שוין שימעלע געהאַט פאַרפּאַקט די וועש, אַ שאָקל געטון צו דער דערשראָקענער מוטער מיטן קאָפּ, אַראָפּ־גערוקט דעם דאַשעק און אַרויס פון שטוב.

# דאָרפסלייט

שלום בענדעטס איז נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט נאָך דעם אייזע-לע. פון איבער דער קאַרטאָפליע-נאַז האָבן זיינע קעלבערנע, שטומע אויגן געקוקט פאַרגלייזט אויף די בלעכן, אוים מורא, די מילך זאָל זיך נישט אויסגיסן. ס'איז שוין געווען אַ מהלך וועג נאָך דער גרינער קרעטשמע, און דער רויטער טורעם פון דער פייערלעשער-געביידע האָט זיך שוין גע-זען פון דער ווייטנס. שלום האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דעם שלעפּעריקן אייזעלע און שטעלנדיק שווערע טריט אין דעם צעגייענדיקן שניי, האָט ער כסדר געטראַכט וועגן די נייעסן, וואָס פאַרלויפן זיך אין פּלוינע.

שוין אַכט און צוואַנציק יאָר, ווי ער פירט יעדן טאָג די מילך פון דער גרינער קרעטשמע אין שטאָט אַריין. קיינמאָל איז ער דאָ נישט גע-בליבן נעכטיקן, סיידן ראש השנה און יום-כפור. געקומען, אָפּגעמאָסטן, פונאַנדערגעטיילט די מילך און צוריק אין דאָרף אַריין. אָוונט-צייט, ווען שלום פלעגט זיצן איבער דער שיסל קאַשע און עסן וועטשערע, פלעגט דאָס ווייב אים אויספרעגן וועגן די חתונות, גטן און לוויות, וואָס זענען פאָרגעקומען אין שטאָט. ער האָט אָבער קיינמאָל פון גאָרנישט געוווסט: נישט געהערט און נישט געזען.

אַז די שולימאָווע — אַזוי האָט מען זי גערופן אין דאָרף — האָט אָנגעהויבן מיט אַ געלעכטערל דערציילן דעם מאַן וועגן די שטאָטישע נייעסן, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט פון דורכפאָרנדיקע בעלי עגלהס, בעטקעם לייט, און אָנגערופן דערביי פאַרשידענע נעמען, האָט זיך שלום שטאַרק געוווּנדערט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, וואָס ער האָט גאָרנישט באַמערקט אין שטאָט. שוין אַכט און צוואַנציק יאָר, ווי ער פירט יעדן טאָג די מילך אין שטאָט אַריין, קיין קינדער האָט ער נישט, און גאָר-

נישט גייט אים אָן, און פּטור, און דאָ נאָדיר גאָר: פּלוינע האָט זיך פּלר־צים א רודער געטון: דער האַלט ביים פאָרן, און יענער נעמט זיך גרייטן אין וועג אַריין, און דאָ רעדט מען, און דאָ שמועסט מען — האָבן זיך ביי שלומען אויפגעריסן די קעלבערנע, פארגלייזטע אויגן איבער דער ברייטער קארטאָפליע־נאָז און שלום איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זיין שלעפעריקייט. ער האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ אריין א געדאנק: ארץ־ישראל.

גייט ער אזוי דאָס מאָל אין שטאָט אריין מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ צו דער ערד, שטעלט שווערע טריט אין צעשמאָלצענעם שניי: טיפּ־טאָפּ, טיפּ־טאָפּ. רעכנט און קאָן בשום אופן נישט אויסרעכענען, וויפיל דאָס ווירטשאפט מיט די צוויי קי, מיט דער שטייג הינער, מיט דעם קארטאָפל־פעלד — זענען ווערט. וויל ער אָבער נישט זיין דער לעצטער, באשליסט ער גיין צו מענטשן, און וואָס מענטשן וועלן זאָגן, אזוי וועט זיין, און פּטור, א סוף.

ביינאַכט איז ער מיטן ווייב אריין צו לייביש כלאָפּ. לייביש איז געזעסן ביי דער קיך אין שפּענצער און געטרוקנט זיך די שטיוול. פון די אראָפּגעהאָנגענע פארפרוירענע וואָנסעס זענען געראָנען טראָפּנס אין לייבישעס באָרד אריין. אין שטוב האָט זיך געשפּירט א דושנער ריח פון קאר־טאָפליע־מעל געפּרעגלט אין אייל. לייביש האָט איבערגעדרייט דעם שטיוול אויף דער אַנדערער זייט און אוועקגעלייגט אים אויף דער קיך. ער האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן דאָס צעאַקערטע פּנים פון ערד־קאָליר און באַטראַכט שלומען מיט מידע און גלייכגילטיקע אויגן.

— הא, שלום?

שלום האָט נישט געוווּסט ווי אזוי אָנצוהייבן. ער האָט זיך גע־קראַצט אונטערן שעפּסנהיטל און געקוקט מיט די פארגלייזטע קעלבערנע אויגן אויפן ווייב. יענע איז אָבער שוין געווען פארנומען מיט דער לייבישטע. ביידע האָבן זיך עפּעס דערציילט אין ווינקל ביים וועש־קופּערט און צונגעשאַקלט מיט די קעפּ. שלום האָט זיך אָנגעטון א כוח און גע־ענטפערט, קוקנדיק אָן א זייט:

— כ׳ווייס, מ׳רעדט אַלץ אינאיינעם אין שטאָט.

לייביש האָט געטון אַ שטאַרקן שלוקערץ. זיינע מידע, גלייכגילטיקע אויגן האָבן מיטאמאָל אויפגעלויכטן.

— דו האָסט אויך געהערט?

שלום האָט געקריגן מוט.

— יענע האַלטן שוין ביים פאָרן, און דאָ גאָרנישט. אַ מענטש זיצט אין דאָרף, קאָן ער וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט?

די ווייבער האָבן געענדיקט דאָס סודלען, דערנענטערט זיך געלאָזן צו דער קיך און גענומען זיך צוהערן צו די מענערס געשעפטן.

שלום האָט גלאָט אַזוי אַ זאָג געטון:

— מ׳זאָל קאָנען געפינען אַ קונה אויף אַלעם מיטאַנאַנד און פאַר־קויפן במקח.

לייביש האָט מסכים געווען:

— הם... דאָס איז דאָך די זאַך, וועגן דעם גייט עס דאָך.

— מ׳זאָל געפינען איין קונה און פאַרקויפן ביידע, פאַרט מען דע־מאָלט אין איינעם. צוזאַמען איז גאָר עפּעס אַנדערש. אַזוי דאָ, ווי דאָרט. נישט אַזוי, לייביש?

— אַוודאי, ס׳פאַרשטייט זיך. וועגן דעם גייט עס דאָך — און ער האָט איבערגעדרייט דעם אַנדערן שטיוול.

די ווייבער האָבן זיך אַריינגעמישט. צווערשט די לייבישטע.

— זעטס נאָר די מאַנסלייט: ביי זיי איז כאַפּ־לאַפּ, אומר ועושה, גענומען און געפאָרן. און ווי לאָזט מען דאָס איבער אַזאַ גוטס אין פרעמ־דע הענט! מ׳זאָל כאָטש דאָרט האָבן ס׳איינגענע, וואָס דאָ.

שלום הייבט אָן אויפסנייז צו באַרעכענען די קי. מיט די בלעכן, מיט דער שטייג עופות. ער קאָן אָבער נישט קומען צו קיין טאַלק, ווערט ער אין כעס, מיינענדיק די לייבישטע.

— אַז אַלע פאָרן, גיי זיי דו אַ חכם!

לייביש שאָקלט צו מיטן קאָפּ און ווערט מיטאמאָל רעדעוודיק.

— די קינדער אין דאָרף מיט די שקצים. ס׳איז דען אַ תכלית? כאָטש צוריקגעשמועסט, האָבן אונדזערע אבות אבותינו — אַלע בענדעטעם —

דאָ געלעבט. דאָס פעלד — אַ גאַנץ פיין שטיקל. דאָרטן, זאָגט מען, איז זאַמד. נאָר וואָס האָב איך צו זיין קליגער פאַר אַלע?

— מיט דעם אייזעלע וועט זיין שווערער — כאַפּט זיך שלום — ווער דאַרף עס דען דאָ האָבן?

ער איז ווייטער ביי זיך אַראָפּגעפאַלן: די שולימאָווע, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען אין פּלוינע, האָט זיי ביידע דערפרייט:

— ווייסט איר וואָס? פאָרט ביידע, בלי נדר, אופדערוואָך אין שטאָט אריין און גייטס אַרויף צו אסתר איציק לייבס איידעם. מ׳זאָגט. ער פאַרנעמט זיך מיט די זאַכן, און אַלע פאָלגן אים, וועט ער אייך מסתמא געבן אַן עצה ,וואָס צו טון.

די לייבישטע האָט דערלאַנגט אַ שיסל לאַטקעס געפּרעגלט אין אייל און באַפּוילן:

— די געסט וועלן עסן ראַצוכעס און אָוועקלייגן די פּאָליטיקע אויף שפּעטער.

די מאַנסלייט האָבן איינגעשטימט. פון די פּנימער איז פאַרשוווּנדן די זאָרג. זיי האָבן אַריינגעצויגן דורך די פייכטע נאָזלעכער דעם ריח פון בוימל, אַריבערגעבויגן זיך איבער דער שיסל און איינגעהילט געוואָרן אין אַ געדיכטער פּאַרע.

ווען ביידע דאָרפסלייט זענען אין עטלעכע טעג אַרום אַרויפגעקומען צו לוין, האָבן זיי געטראָפן אַ פולע שטוב מיט בעטקעס חברה. זעלדע, די יינגסטע בעטניצע, האָט געהאַט פאַרוויינטע אויגן, ווי עס וואָלט זי אַ גרויס אומגליק געטראָפן. די מורא, אַז זי וועט בלייבן אַליין אין פּלוינע, נאָכדעם ווי אַלע וועלן אָוועקפאָרן, אָט די דאָזיקע מורא האָט זי נישט געלאָזט איינרוען. אויך ווייסט זי נישט, וואָס צו טון מיטן טאַטנס ירושה, מיטן בעטקע-הייזל. וואָלט זי כאָטש געהאַט צו באַצאָלן די פאַרלעגענע שטייערן. ס׳איז איר טאָפּלט שלעכט.

די אַלוואַסעס לייט שטילן זי איין, יוקל שניידער שאָקלט צו מיט זיין לאַנגן דאַרן קאָפּ, אַזוי ווי די נאָדל פון זיין מאַשין, און אַלטער מאַכט צו איר:

— בהמה, וואס ריטשעסטו! ווילסט זיין אן אויסנאם? אז גאנץ קהל זאגט יא, וועסט דו זאגן ניין?

די בעטניצע צעכליפעט זיך נאך מער.

— אז איך בין דא געבוירן געווארן און אויפגעצויגן געווארן און ס'הויז בלייבט אליין, און וואס וועט ווערן דערמיט?

זעט לוי, אז די זאך האלט שוין צו ווייט, האט ער מורא, מענטשן זאלן נישט ווערן גלאט פארבלענדט, מישט ער זיך אריין:

— יידינע, האבן זי נישט קיין עגמת נפש! מ'פארט נישט אלע. ס'וועט נאך דויערן לאנגע יארן, ביז דאס גאנצע פאלק פון אלע עקן וועלט וועט זיך באזעצן אין ארץ-ישראל. דערווייל מוזן נאך א ביסל יידן איבערבלייבן אין גלות.

*

שלום בענדעטס האט געשטויסן לייביש כלאפן. ביידע האבן זיך דערנענטערט מיט גרויס דרך-ארץ.

לייביש האט געזאגט:

— כ'האב א פעלד פון קארן און א שטאל, צוויי פערד מיט א וואגן, א „מליצקארניע" מיט אן אקעראייזן.

איצט האט זיך שלום אנגערופן:

— און איך האלט א האלבע שווייג אין וואליצע. הונדערט אכציק קווארט מילך א טאג, אן אייזל...

זיין קול האט געקלונגען טעמפ, ווי פון א הוילער בלעך ארויס נאכן אויסגיסן די מילך.

לוים פנים האט אויפגעשטראלט: אט זוכט ער און זוכט און ענדלעך האט ער געפונען. ער האט זיך ראשיק אויפגעשטעלט און מיט גרויס דאנקבארקייט זיך דערנענטערט צו די דארפסלייט.

— א, אייך דארף מען האבן אין ארץ-ישראל: ערד-ארבעטער, דארף-ווירטשאפט. פארט אהיים און גרייט זיך צו אין וועג אריין. נאך שבת-חנוכה, בלי נדר, קומט צו גיין. כ'וועל אייך דערווייל פארשרייבן אין ווארשע.

פאר לייביש כלאפ איז דער ענטפער נישט געווען אינגאנצן קלאר.

גיט ער זיך אַ קראַץ און קוקט אויף לוין מיט מידע, גלייכגילטיקע אויגן.

— איז וואָס זאָל מען זאָגן די ווייבער?

שלום העלפּט אים אונטער:

— כ'מיין וועגן גרייטן זיך אין וועג אריין. איז ווי אַזוי: זאָל מען שוין פאַרקויפן אָדער נאָך אונטערוואַרטן?

— דאָס איז עס דאָך. וועגן דעם גייט עס — שאָקלט לייביש כּלאָפּ מיטן קאָפּ.

לוי איז געווען אין פאַרלעגנהייט. טאַקע, ווי אַזוי זאָלן זיי זיך גרייטן אין וועג אַריין? ער האָט נאָך אינגאַנצן נישט געטראַכט, אין וואָס דאָס גרייטן זיך באַשטייט. ענטפערט ער פּשרהדיק:

— זוכט אויס אַ קונה אויפן פעלד מיטןווירטשאַפט, אָבער מיטן פאַרקויפן וואַרט אונטער.

דערווייל האָט זיך די טיר האַסטיק געעפנט און וואַלדמאַן דאָזער איז אַריין מעשה-באַלעבאָס, — ס'קומט אים טאַקע ביי לוים ווייב געלט — און גלייך צו צו לוין.

— כ'קום פון דער גמינע. ס'איז געווען אַן עקסטרע זיצונג. מ'האָט באַשלאָסן...

די בעטקעס האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם שמועס, האָבן זיי געקוקט פאַרגאַפט אויף לוין און אויפגעשטעלט די אויערן. אויך די דאָרפסלייט איז געווען שווער תופס צו זיין, וואָס עס איז אַזוינס „אַקציע", „קרן קימת"; וואָס די גמינע האָט דאָ צו זאָגן, און אַזוי ווי וואַלדמאַן איז נאָך דערצו אַ דאָזער, האָט זיי אַרומגענומען אַ גרויס דרך־ארץ און זיי האָבן אויף די שפּיץ-פינגער זיך אַרויסגערוקט פון לוים שטוב.

שלום בענדעטעס איז אַרויפגעקראָכן אויף לייבישעס וואָגן און זיך אָנגערופן:

— שטאַטישע מענטשן, האָבן געוועלבער — פאַרקויפט מען די סחורה. אונדזערס גאָל, מ'וווינט אין דאָרף אַ גאַנץ לעבן, שוין איינגעוואַקסן, איז שווער צו נעמען אַלץ און אויספאַרקויפן, און מ'ווייסט נישט וועמען — איז טאַקע שווער...

— דאָס איז עס דאָך, וועגן דעם גייט עס דאָך.

לייביש כלאפ שאקלט צו מיט זיינע מידע, גלייכגילטיקע אויגן, וויקלט זיך איין אין פעלץ און גיט א שמיץ די פערד.

די רעדער האבן מיט א גרילצעריי זיך געשניטן אין דער צוגעפרוי־רענער „קאליע” און די נאכט האט שוין אנגעהויבן צופאלן.

# יענטעלע קעמפט מיט לוין

גערופן האָט מען זי יענטע איציק לייבס, אָדער יענטעלע. האָט עמעץ געזאָגט יענטע איציק לייבס, האָט ער געמיינט אָנצווייזן אויף דער משפחה אירער, אויף דעם שורש, אויף דער „פּאָקאָלעניע". יענטעלע — האָט באַדייט, אַז דאָס איז אַזוינס, וואָס ס'איז גאָרנישט דאָ אויף דער וועלט. און נאָך אַ נאָמען האָט זי געהאַט, אַ נאָמען, וועלכן מ'פלעגט זעלטן דערמאַנען, אַ שטיינער, ווען ס'פלעגט אַפּגיין צוליב איר אַ שידוך, אָדער ווען זי פלעגט מיט אַ פאַרשוימטע מויל גיסן פעך און שוועבל אויף די „ציניסטן". דער נאָמען איז געווען „אשמדי". און האָט מען אַרויסגעזאָגט דעם דאָזיקן נאָמען — אונטער די אויגן, פאַרשטייט זיך — האָבן זיך מענטשן אומגעקוקט, צי עס פליט נישט דורך אַ שד אָדער אַ מחבל.

יענטעלע איז ברוגז מיט אַ האַלבער שטאָט מענטשן. בלויז מיט אסתר איציק לייבס, אַ לייבלעבע שוועסטער, רעדט זי נישט גאַנצע צוויי און דרייסיק יאָר, און מ'קומט נישט צו זיך, נישט אויף שמחות און נישט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אויף לוויות.

דער מאַן אירער איז אַ קליין פּנחסל, מיט אַ שיטער שפּיציק בערדל, מיט איין שיקלדיק אייגעלע, און קוקט ער אַריין אין אַ ספר, מוז ער דאָס רעכטע אייגל צובייגן אָדער דאָס ספר אויפהייבן. דאָס קאַפּאָטקעלע און די שטיוועלעך זענען יינגלשע און דאָס פּנימל ווייס ווי קרייד — איידל. און גיט יענטעלע אויף אים אַ קוק און אַ פאַרלייג די הענט, אַזוי ווערט דאָס פּנימל בלוין-און-בלוי. פאַר דער וועלט איז פּנחסל אַ כיטרע יידל, כמעט אַ פּקח. אַמאָל האָט ער געהאַנדלט מיט שניט, רופט מען אים פּנחסל שניט-סוחר. היינט פאַרמאָגט ער אַ האַלבע מיל אין כשאַנעוו און אַ האַלב הויז אין באַן-געסל, אָפּגעקויפט ביי אַ דייטש צוויי וואָכן פאַר דער גרויסער מלחמה.

פנחסל ווינטשט זיך איצט נאָר איין זאַך: צו זיצן אויף דער עלטער און לערנען. קאָן אָבער יענטעלע נישט פאַרגינען דעם מאַן אַזא ווילטאָג, אַז ער זאָל זיך אויסטון אינגאַנצן פון גשמיות, ס'קומט אויס, ווי ער וואָלט וועלן פון איר אַנטלויפן אין אַן אַנדערער וועלט אריין. דערמאַנט זי אים טאָקע יעדע שעה, און יעדע מינוט, אַז זי לעבט און עקזיסטירט.

— פנחס, וואָס זיצסטו? פנחס, וואָס גייסטו נישט, וואָס טוסטו נישט? האָסט שוין אַלע מיידלעך אויסגעגעבן? פנחס, דו ביסט דאָך ער־גער, ווי אַ „ציניסט". כ'וועל אַוועק אין דער וועלט אריין, ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן, אָדער אָנשאַרפן אַ מעסער און זיך נעמען דאָס לעבן. פנחס, כ'וועל דיך אָננעמען ביי די קלאַפּעס און ממיתן! פנחס, פנחס...

פנחסל קאָן נישט אויסהאַלטן דעם אָנפאַל און הייבט זיך באַלד אָן צו פאַרטיידיקן. דאָס פּנימל איז נעבעכדיק:

— וואָס פנחסלסטו, וואָס ווילסטו פון מיר, וואָס מאַכסטו מיר דעם טויט? איציק לייבס „פּאָקאָלעניע!"

— וואָס כ'וויל פון דיר? די מיל האָסטו שוין פאַרריכט? די מייד־לעך האָסטו חתונה געמאַכט?

— טאָ מאַך זיי התונה.

— איך זאָל זיי חתונה מאַכן? זיי וועלן זיין יתומים, וועל איך זיי חתונה מאַכן. דערווייל האָבן זיי אַ לעבעדיקן טאַטן.

פנחסל זעט, אַז ס'איז אַ מחלוקת אויף אַ האַלבן טאָג, נעמט ער ארויס פון שאַנק אַ ספר און גייט זיך אַוועק אין שטיבל אריין אָן אַ גוטן טאָג.

אויפן וועג טראַכט ער וועגן די שווערע צייטן. אַ שידוך צו טון קומט היינט אָן, ווי קריעת ים־סוף. מיט אַ בעל־מלאכה קאָן ער נישט טון, און צו זיינס גאַל מוז מען האָבן אַ גרויסן נדן! פון דער מיל ארויס־נעמען קאָן ער נישט — ס'איז אַ שותפות־זאַך. בלייבט נישט מער איבער, ווי נעמען און פאַרקויפן דאָס האַלבע הויז. האָט ער אָבער מורא, דאָס געלט זאָל זיך נישט צעקריכן אויף די חובות. פנחסל וויל זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ די טרויעריקע מחשבות, גיט ער אַ טראַכט פון ארץ ישראל און ס'ווערט אים ליכטיק פאַר די אויגן. כ'לעבן, ס'וואָלט גאָרנישט געווען

קיין קרומע זאַך צו נעמען האַק און פּאַק, דאָס גאַנצע בני-בית, און אוועק־לאָזן זיך אין וועג אריין: פּטור מיטאמאָל פון די שטייערן מיט די ליצי־טאַציעס און קאָפּ-ברעכענישן! און אפשר... אפשר וועט דאָרטן זיין לייכ־טער צו געפינען פאַר א קינד א תכלית? ער וועט זיך קויפן א ווייגאָרטן, אָדער אזוי גלאַט א שטיקל נחלה, און זיצן, ווי אין פסוק שטייט: תחת גפנו ותחת תאנתו: אונטער דעם ווייַנשטאָק און דעם פייגנבוים. א שאָד, וואָס לוי איז נישט באַהאַוונט אין מסחר, אנישט וואָלט ער געקאָנט שטעלן אויף זיין וואָרט. אָבער אזוי — ווייסט ער נישט וואָס צו טון: יאָ פאָרן אָדער נישט פאָרן? ער מוז זיך נאָך גוט איבערלייגן מיט דער דעה.

*

יענטעלע האָט דערקלערט א קאַמף דעם ציוניזם. צומיינסטן האָט זי פיינט די חלוצים מיט די חלוצות. ס'פאַרדריסט זי אויך, וואָס לוי גע־הערט איר אָן א שטיקל משפחה. און קומט זי אַרויף צו אַלטע אסתרס, אזוי נעמט זי דעם מאַן אירן די לעבער.

— מ'זאָגט, אַז די חלוצים פירן דאָרט א טריפהנע קיך און מ'לעבט „נאָ וואָלנע וויארע", אָן חופה וקדושין.

בעט זיך ביי איר לוי מיט תחנונים:

— זאָל די מומע נישט זיין קיין מרגל. ס'איז א גרויסע עבירה אויסצורעדן רכילות אויף ארץ ישראל.

— און די קינדער — מאַכט זיך יענטעלע נישט וויסן — וואַרפן זיי אין ים אריין, אָדער אויף די פעלדער און וועלדער — אין גראָז וואַל־גערן זיך אַרום אונטערגעוואָרפענע קינדער!

לוין רעגט דאָס אויף. האָט יענטעלע הנאה פון צוויי זאַכן: ערשטנס דערפון, וואָס זי האָט געגעבן דעם גרעסטן „ציניסט" א גוטן שטאָך, און צווייטנס, וואָס לוי לייקנט אָפּ די גאַנצע זאַך. און דאָס האָט זי געוואָלט: אַרויסקריגן פון לוין א הכחשה — זי איז דאָך א מאַמע...

— און לאָמיר זאָגן, אַז די חלוצות זענען צנועות, פרום און כשר — איז דאָס א תכלית פאַר א באַלעבאַטישער טאָכטער צו ווערן א קעכין אין

אַ קבוצה און קאָכן און וואַשן פאַר די יונגעןַ? אַ שטייגער, ווי מרדכי יוספּס טאָכטער פון וואָליצע. וואָס איז זי דאָרט אין דער קבוצה, אויב נישט קיין קעכין?

ווייל איר לוי דערקלערן, וואָס עס איז אַזוינס דער חלוציזם און וואָס עס איז אַ פּאָלק. בלייבט אָבער יענטל ביי אירס: „אַ מאַמע טאָר קיין מיידל נישט לאָזן פאָרן אַליין קיין ארץ ישראל".

— אויב אַזוי פאַרקויפט מען די מיל מיטן הויז און מ'פאָרט צוזאַמען מיט די קינדער.

דערהערט לוים לעצטע ווערטער, האָט יענטעלע דערפילט, ווי ס'האָט זי פאַרקלעמט ביים האַרץ. און טאַקע אַזוי! ווי קאָן זי זיצן און איינרוען? פנחס האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גאַנצן עול, דאָס עלטערע מיידל איז שוין איבער די דרייסיק, די יינגערע זיצט שוין אויך, און אַלץ איז אויף איר קאָפּ, און דאָ זאָגט מען דאָך פאָרט, אַז דאָרט איז לייכטער צוצוקומען צו אַ תכלית מיט אַ מיידל! אפשר דערפאַר טאַקע האָט זי די לעצטע צייט אַזוי שטאַרק אין זינען די חלוצות... ווייל זי אָבער נישט נאָכגעבן לוין, און פאַרקרומט זיך:

— נו, יאָ „מיערצעשעם", כ'לויף שוין פאַרקויפן די מיל מיטן הויז.

אין האַרץ אָבער טראַכט זי עפּעס אַנדערש. און יענטעלע, די פאַרביסענע קעגנערין פון ציוניזם אין פּלוינע, האָט ביסלעכווייז אויך אָנגעהויבן קלערן פון ארץ ישראל.

# משיח איז געקומען

סוף כסלו.

פון צפון קומט אָן מיטאמאָל א ווינט און טראָגט זיך מיט א געבויי־זער איבער די אָפענע גאסן. ער הייבט אויף רעדלעך שטויביקן שניי, גייט מיט זיי א טאנץ און צעווייעט זיי שטיפעריש איבער די פארפרוירענע שויבן פון די פענצטער. די שורות ביימער, באלאָדן מיט שניי, קרעכצן אונטער דער שווערער משא און טייטלען מיט גרויע פינגער צום הימל ארויף.

די פיר קאמעניצעס, אויף וועלכע פלויגע לענט זיך אָן, האלטן ארומגענומען דאָס ביסל געהילץ: האלב־איינגעבויגענע, האלב־אויסגע־קרומטע הייזלעך, וואָס בוקן זיך צו זיי הכנעהדיק.

אין די עקן מארק שטייען די שטעלן, ווו עס זיצן די זיצערינס. פארשטעקט די הענט אין די ברייטע ארבל פון די שאָבעס, אויף די פיס לאנגע שטרויענע סאנדאלן אָדער זעק, זיצן זיי אויף קליינע פוסנבענ־קעלעך, די רונדיקע פיגורן, ווי די פענכערס אָנגעשוואָלן פאר קעלט, און קוקן מיט קנאה אויף די געוועלבלעך. דאָרטן, הינטער די גלעזערנע טירן, הויכן די סוחרים אויף די שויבן. א שמאָל טירל עפנט זיך מיט א קלונג, און עס רוקט זיך ארויס א שייגעצל מיט א הערינגל, א גויע מיט א שטיקל זייף, א פויערל פון דאָרף מיט א בלעכל נאפט. נאָך זיי שלאָגט א פארע. א קלונג — און דאָס טירל פארמאכט זיך. חלומען די גאסנווייבער פון אייגענע געוועלבלעך אָדער ביידלעך, ווענן צוזאמענגעמען די פאָר הונ־דערט זלאָטעס. טראכטן זיי ווענן דעם, אז אָפטרעט־געלט ווערט וואָס אמאָל טייערער און ווענן דעם, אז ס'איז שווער היינטיקע צייטן צוזוקו־מען צו א שטיקל תכלית. אפשר איצט... ווען דער עולם הייבט אָן פאָרן

מיט די „ציניסטן" קיין ארץ ישראל. און כדי נישט איינצופרירן, שרייט איינע אריבער צו דער אנדערער:

— הער נאַר, פראדל, ווי מיינסטו, ס'וועלן נאָך בלייבן אַ פּאָר קונים אין שטאָט?

די שכנטע ענטפערט מיט אַ געבייזער:

— זאָלן זיי פאַרן די בורזשוקעס. וועט נישט זיין פון יעקבן, וועט מע לעבן פון עשון! ס'איז זיי אַלץ ווייניק: די וועלט און יענע וועלט!

— און איך זאָג אייך — רופט זיך אָן עלקע, די נישט־פאַרגינערין

— זיי וועלן עס נישט אויספירן. די שיף וועט אַלע נישט אויפנעמען. און דאָרטן, מיינט איר, איז שוין פאַר זיי אָנגעגרייט געוועלבער מיט שפּייז און צעלניק?

ראצע, די תהילים־זאָגערין, זיפצט:

— ווייל איז זיי און וויי איז זייער געביין: אז משיח וועט קומען, וועלן זיך די מתים קאַליערן אונטער דער ערד קיין ארץ ישראל. צ'הערט, ווייבער? צ'זאָלט נישט זינדיקן מיט די רייד: וועמען ס'איז אויפגעלייגט, דעם איז באַשערט נאָך ביים לעבן...

דער אָוונט איז צוגעפאַלן. אָן פאַראַד און אָן שמחה האָבן יידן אָנגעצונדן חנוכה־ליכט. אוועק זענען די זיבן פעטע יאָרן, ווען אַ ייד האָט זיך משמח געווען מיט אַ מצווה. יתומדיק און איינזאַם, צעוואָרפן בלישטשען די ליכטלעך דורך די פאַרקאַוועטע פענצטער, מאַכן געל און רויט די פראָסט־בלומען אויף די שויבן, די איינציקע יידישע בלומען אין פלוינע. זיי בליען אַרום חנוכה און ווערן צערונען אדר־צייט.

אויף און אָפּ אין זיין קאַלטן צימער גייט לוי און זינגט מיט אַ שטיל באַגייסטערט קול:

אָ, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מעשהלעך אָן צאָל...

ער שטעלט זיך אָפּ, קוקט אויף די ליכטעלעך און זיין קול ווערט האָפערדיקער, זיכערער:

ייד, דו האָסט אַמאָל אַ לאַנד געהאַט,
דו האָסט אַמאָל אַ האַנט געהאַט!

זיין האַרץ קלאַפּט אַצינד שנעלער. ער דערמאַנט זיך, אַז נאָך היינט, אין אַ שעה צוויי אַרום, וועט קלאָר ווערן... אויב יידן ווילן זיך אומקערן אין זייער לאַנד, אָדער זיי זענען נאָך אַן עם קשה עורף, ווי אין משהס צייטן. ער נעמט דאָס לעמפּל, גייט אַוועק אַן אַ זייט פון די ליכטלעך און חזרט איבער פון פּאַפּיר אַרויס די רעדע, וואָס ער וועט היינט האַלטן פון בעלעמער אַראָפּ אין דער גרויסער שול.

דאָס נייעס האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט: לוי וועט רעדן פאַר אַן עולם. דער רב האָט באַצייטנס עוקר געווען פון שטאָט. געוווּסט האָט ער, אַז ס'רוב באַלעבאַטים זענען היינט ציוניסטיש געשטימט און די בעלי־מלאכות מיט די קצבים, די מתפּללים פון דער שול, גייען נאָך זייער דעה. איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ראָקינקע אויף אַ ברית־מילה, נישט איינ־צורייסן מיט די גערער חסידים. אומזיסט האָט זיך אָבער דאָס ציגן־בערדל, אַזוי האָבן אים די בעלי־מלאכות גערופן, מטריח געווען. אין גע־רער שטיבל האָט מען די גאַנצע זאַך אויפגענומען רואיק: ישוב ארץ ישראל איז מן התורה, האָט געדרונגען דאָס יונגוואַרג און דער רבי זאָל לעבן אַליין... בלויז חיים שיקאַרעס האָט מיט אַ רוגזה אויסגעשפּיגן ביי עלינו און אַ קלאַפּ געטון אין עמוד, מ'זאָל נישט דערלאָזן אַזאַ חילול ה' אין דער שול, ווען אַפילו ס'זאָל דערגיין ביז פּאָליציי. דער רוב מתפּללים איז אָבער נישט נאָכגעגאַנגען זיין דעה. פּנחסל איציק לייבס האָט געדרונגען, אַז ערשטנס, טאָר מען היינט נישט אָנהייבן מיט די ציוניסטן... ער פלעגט עס אויך זאָגן יענטעלען, זיין ווייב: מ'וועט נאָך מוזן צו זיי אָנקומען; צווייטנס, דאַרף מען נישט דערלאָזן, זיי זאָלן פאַר־כאַפּן דאָס הייליקע לאַנד, און זאָל מען טאַקע אַליין אָנהייבן צו פאָרן. און אַזוי ווי דער עולם איז געווען שטאַרק טשעקאַווע צו הערן נייעס, האָט יאַנטשע געוואַזער אויסגערופן:

— יידן, ווער גייט אין שול אַריין הערן לוין?

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן, און דאָס איז געווען פאַר יאַנטשען

א גוטער סימן. דער עולם חסידים האט זיך פארשטאנען אויפן ווונק. איינציקווייז, און ווי גלאט אזוי כלאחר-יד, האבן זיי זיך ארויסגערוקט פון שטיבל: צוערשט דאס יונגוואַרג, וואס ווייסט נאך נישט פון עול פרנסה, דערנאך — געזעצטע, מיושבדיקע מענטשן. פנחסל און יאנטשע האבן זיך איבערגעקוקט מיט פריידיקע אויגן און געלאכט שטילערהייט אין די בערד אריין. פייוויש, דעם אלטן רבס, האט זיך כסדר געדרייט אויף איין ארט און זיך געשלאגן מיט דער דעה: יא גיין, נישט גיין...

אויף דער שוועל איז געשטאנען גרייט צו גיין דוד מאיר, דער לעצ־טער פלוינער מקובל.

חיים שיקארעס האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן:
דאס שטיבל איז געווען ליידיק.

*

אין שול רוישט, ווי אין א בינשטאק. דאס גאנצע פלוינער פאלק האט זיך פארזאמלט. ס'זענען געקומען די בענדעטעס פון די דערפער, אויך די שיקארעס, וואס זענען ס'רוב חסידים. ס'האבן זיך באוויזן אויך די בעטקעס און דאס גאנצע ביסל „טאלאליסטווא" פון בעטקע-געסל. אממיינסטן פארען זיך אבער איציק לייבס לייט. זיי זענען איצט געווארן גאר גאנצע מחותנים מיט ארץ ישראל. לוי איז דאך עפעס אסתר איציק לייבס איידעם: אייגן בלוט און פלייש.

אין עק מארק זיצט שמואל בעטקע אויף דער בריטשקע און וואַרט אויף פארשווינען צו דער אכטער באן. ער ווינטשט זיך אבער, אז עס זאל נישט זיין קיין קורס, וועט ער זיך אריינכאפן אין שול געוויר ווערן, ווען מ'גייט קיין ארץ ישראל. און וואס שייך זעלדען, מילא, איז פארפאלן — וועט ער זי לאזן אליין אין פלוינע — אז ס'גייט וועגן אזא וואזשנער זאך!

דער עולם שטעלט זיך אוים רעדלעכווייז אין שול און מ'שמועסט וועגן ענגלאנד, וועגן קאלאניעס אין ארץ ישראל און וועגן פרייזן אויף ערד, וואס האלטן אין איין שטייגן. אלטער אלוואסעס חברה רעדט וועגן ראטשילדן. רופט זיך אן יוקל שניידער:

— ווען ראטשילד זאל וועלן, וואלט ער אפגעקויפט די באנען ביי

דער פוילישער מלוכה און איבערגעפירט דאָס ביסל יידישע אָרימקייט קיין ארץ ישראל.

שלום בענדעטעס און לייביש כלאָפּ זענען געקומען עקסטרע פון דאָרף. האָט לייביש אָוועקגעשטעלט דאָס פערד-און-געשפאַן אויפן שול-הויף, פונקט ווי ערב ראש-השנה, און אַליין איז ער געבליבן שטיין ביים כיור, ווייטער איז ער נישט געגאַנגען, פונקט ווי עס וואָלט געהאַלטן אין מיטן דער יום-כפורדיקער שמונה-עשרה. שטייט ער און קוקט מיט מידע גלייכגילטיקע אויגן אַראָפּ צום עמוד צו און פון געוווינהייט וואַרט ער אויפן חזן. הערט ער ווי אַ קול גיט אַ זאָג:

— כ׳האָב מורא, ס׳זאָל נישט אויספעלן דאָרט קיין תבואה, קאַר-טאָפליעס און עסנוואַרג. אַ קלייניקייט, אַזאַ עדה יידן וועט אַריין מיט-אַמאָל! ס׳וועט דאָך זיין אַ הונגער!

הערט דאָס לייביש כלאָפּ, רוימט ער איין שלומען אויפן אויער:

— דאָס איז עס דאָך, וואָס איך זאָג שטענדיק, ווענן דעם גייט עס דאָך.

— ס׳קומט פונקט אָן וואַלדמאַן דאַזער. וויל ער נישט, אז די עמי-הארצים — ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, אז ער שטאַמט פון די בענדע-טעס — זאָלן האָבן אַ פאַלשע השגה וועגן ארץ ישראל און נישט אויס-טייטשן עפּעס צום שלעכטן, מאַכט ער מיט ביטול צו אַלוואַסן:

— שוטה, וואָס דו ביסט! אין לאָנדאָן און אין ניו-יאָרק שטייען אָנגעלאָדן גאַנצע שיפן מיט שפּייז. ס׳וועט קלעקן פאַר האַלב ארץ ישראל. אַלוואַס לאָזט זיך אָבער נישט.

— און געהילין? שלמה המלך האָט דאָך אויסגעהאַקט אַלעביימער, בשעתן בויען דאָס בית-המקדש?...

*

אינמיטן דערינען זענען אָנגעלאָפן די שטאָטישע בענדעטעס. ווינען צווישן גויים אויפן שאָסיי און זענען ווייט פון יידישקייט, האָט עס דעם עולם שטאַרק געחידושט. דערצו נאָך איז געקומען דער ראש פון דער חברה, מנשה דער אוזשענדאָווער שוסטער. אויסגעקאָכט מיט אַלע מילי-

ציאָנטן פון שטאָט, האָט זיך ביי אים פּלוצים אויפגעכאַפּט דאָס יהדות. ער האָט אוועקגעשטעלט די פּאָליציייִשע גלאַנציקע כאָליעוועס און מיטן דער ארבעט און געקומען מיט די בנים געוויר ווערן, וואָס עס הערט זיך ביי יידן.

נישט טויט, נישט לעבעדיק איז אריינגעפאַלן דער טויבער עזריאל. ער האָט דערהערט די טריט פון משיחן און דערשפּירט, אז יידן פאַר־מעסטן זיך אויף א קאַליקע, גייען אנטלויפן, און אים טוט מען נישט צו ווייסן, איז ער אליין געקומען דערמאָנען אָן זיך. ארום באַלעמער שטייען די פּלוינער גבירים סטאַטעטשנע, רואיק, נישט געהיצט זיך, וואַרטן זיי ביז לוי וועט אָנהייבן זיין רעדן.

אזוי האָבן זיי זיך אַלע פארזאמלט: די לייבן, די שעפּסן און די ציגעלעך — משיחס ציימן.

*

לוי איז ארויף אויפן באַלעמער.

אין שול איז געוואָרן שטיל, ווי אויף א בית־החיים. ברייטע, הויכע פלייצעס זענען געוועזן אויסגעשטעלט אין שורות, ווי די שווייגנדיקע שטיינער. דער איינציקער סימן לעבן פון די פאַרשטאַרטע גופים זענען געוועזן די אויגן. זיי האָבן געקוקט פארבענקט, ווייט, ווייט, איבער הונ־דערטער מיילן. די אויערן האָבן געהערט דאָס גערויש פון די שיפן און דאָס ברויזן פון די כוואַליעס. א טייל האָבן אויפגענומען דאָס געוויין פון דער מאַמע רחל, דאָס קרעכצן פון כותל מערבי און דאָס קלאָגן פון די שאַ־קאַלן אויף די חורבות פון דער הייליקער שטאָט. אנדערע האָבן געהערט דאָס קלאַפּן פון האמערס. אויפן וועג פון תל־אביב קיין ירושלים זיצן חלוצות און האַקן שטיינער, שומרים רייטן אויף פערד מיט ביקסן אויף די אָרעמס, אויף די פעלדער פון עמק־יזרעאל פלאַקערן בייגאַכט פייערן, ארום זיי זיצן גבורים און וואַרטן אויפן אָנפאַל פון בעדואינער.

און ווען לוי האָט דערמאָנט דוד המלכס שטאָט און דעם הר המוריה, איז יידן געקומען אויפן זינען דאָס בית המקדש, און די כהנים האָט פאַרקלעמט ביי די הערצער, פאַרשטעלנדיק זיך, וואָס פאַר א וואַזשנע

ראַלע זיי וועלן דאָרט אַמאָל שפּילן, ווען מ׳וועט נאָך אָנהייבן צו ברענגען קרבנות. און היינט... היינט זענען זיי שניידערס און שוסטערס, נאַפּט־הענדלערס, און פון דעם פּעטס, פון דעם הייליקן פּעטס, וואָס מ׳פלעגט אַמאָל דעמפּן אויפן מזבח, מאַכן זיי איצט חלבנע ליכט.

שטייט די עדה יידן און שלינגט יעדעס וואָרט. לוי שרייט אויס הייזעריק:

— אם לא עכשו, אימתי? יידן, ס׳איז געקומען די צייט. עס דערנענטערן זיך משיחס טריט. משיח קומט, משיח איז שוין דאָ!

אַ ציטער געטון האָט דער עולם, אויפגעפלאַמט האָבן די אויגן, שטאַרק געקלאַפּט האָבן די הערצער. משיח איז געקומען און זיי זיצן דאָ אין פּלוינע, און... און יעדער האָט דערשפּירט אין זיך אַ שטאַרקן כוח צו גיין, צו טון, צו באַווייזן גבורות. און ווען לוי האָט אויסגערופן: „די מאַמע ציון זיצט און וואַרט אויף אירע קינדער, ושבו בנים לגבולם; אויפן וועג קיין בית־לחם שטייט אַן איינזאַמע מצבה" — האָט שוין דער עולם מער נישט געהערט לוים וווּנדערדיקע קלוגע רייד וועגן פאָלק און לאַנד, וועגן כורש מלך פּרס און וועגן דעם פאַרגלייך מיט די היינטיקע צייטן. די פאַרשטאַרטע, טרוקענע גופים האָבן זיך אַ וויג געטון, נישט געקענט זיך מער איינהאַלטן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ כליפּערײַ און געבויגענע קעפּ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די שטענדערס.

לוי איז געווען בלאַס. זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט. אויך ער האָט, קוקנדיק אויפן פאָלק, אויף זיין פאָלק, דערהערט די טריט פון משיחן און אַ פאָכען פון פליגל. יונה הומיה, אַ טויב ברומט. ווי, ווי וואָס איך האָב חרוב געמאַכט מיין הויז און פאַרטריבן מיינע קינדער —

———————

געשטאַרקט און גרייט צו מסירת־נפש, זענען יידן אַרויס פון שול. די נאַכט איז געווען אַ פראַסטיקע. פון ביידע זייטן שול־געסל האָט געבלאָזן אַ שטאַרקע קעלט. אָבער דער עולם איז געגאַנגען מיט געהויבענע קעפּ, מיט גליענדיקע שטערנס און זייערע אויגן האָבן געפינקלט, ווי די קאַלטע שאַרפע שטערן אין דעם פראַסטיקן הימל פון דער בלויער ווינטער־נאַכט. האָנט ביי האַנט זענען אויך געגאַנגען די שיקאָרעס מיט אי־

ציק לייבס משפחה. זיי האָבן געזען באַשייַנפּערלעך, אַז ס׳קומט אָן אַ נייע צייט פאַר יידן, אַ צייט פון אחדות און שלום.

*

לוי איז געזעסן איינער אַליין ביים לאַנגן טיש אַ פאַרמאַטערטער און געווישט זיך דעם שווייס פון פּנים. ס׳איז אים באַנג געווען צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, ווו ס׳האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אַ גרויסער סוד, דער סוד פון קיום האומה. איצט איז ער שוין זיכער, אַז ד ע ר וועג איז דער ריכטיקער, און אויף דעם וועג וועט ער זיי פירן. פּלוצים אָבער האָט זיך פון הינטערן עמוד אָפּגערופן אַ קלאָגנדיקער אויסגעשריי:

— שבתאי צבי, משיח השקר!

און כאָטש ער האָט דערקענט דוד מאיר דעם מקובלס קול, האָט ער דאָך, פון גרויס צעמישונג, נישט פאַרשטאַנען דעם באַשייד פון די דאָזיקע ווערטער...

# ע ר ד

וואַרשע האָט אויפגעלעבט.

אויף די באַזאַרן פון „אייזערנעם טויער", אויף די פּראַגער מערק און אין מוראַנאָווער געגנט האָט זיך שטאַרק געטומלט. די ליציטירטע גאַלאַנטעריע-סוחרים פון דער פראַנציסקאַנער גאַס און די געוועזענע קאָנצעסיאָנערן פון ספּירט און טאַבאַק האָבן זיך פאַרבענקט נאָך ערד. הינטער די בופעטן פון די ליידיקע מאַגאַזינען זענען זיי געשטאַנען און געחלומט פון אָראַנזשן-פּלאַנטאַציעס און ווייַנגערטנער. אויך די אָפּגעקומענע מאַדאַמען פון מאָקאָטאָוו, וואָס האָבן פאַרדונגען זייערע שטיבן סובלאָקאַטאָרן, האָבן געטרוימט וועגן הילצערנע און לייוונטענע ביידלעך אויפן צעגליטן זאַמד אונטער דער הייסער זון.

ביי לאַנגע טישן זענען געזעסן רביים, צייטווייליקע „חונה פּה'ס", אַרומגערינגלט מיט חסידים. די תורה האָט מען אָוועקגעלייגט אין אַ זייט און געפירט שטאַרקע פּלוגתאס וועגן האָלענדישע קי, וועגן אַרטעזישע ברונעמס און טאַבאַק-פּלאַנצונגען. גאָר אַ גוואַלטיקן רעש האָבן געמאַכט די חברות „אנשי אָבאָטע", „אנשי מקום" און אַנדערע „מנוחות ונחלות".

אויף די טראָטואַרן פון די פראַנציסקאַנער ביזן גזשיבאָוו, האָבן אַרומגעשפּאַצירט דעלעגאַטן מיט רייזע-רענצלעך אין די הענט, גרייט יעדע מינוט זיך צו לאָזן „מעבר-לים", אויסמעסטן פאַר זייערע חברות שטיקער ערד אין שרון-טאָל און אָמשנעלסטן אַראָפּברענגען די חברים מיט זייערע משפּחות. גאָר שטאַרק האָט זיך געשפּירט דער ערד-הונגער צווישן די סוחרים פון לייוונט און וואָלענע שטאָפן. און ווען זייער חלום, צוזאַמען מיט דער גרויסער שטרעבונג פון די גאַלענטעריע-הורטאָווניקעס און געוועזענע קאָנצעסיאָנערן פון שפּירט און טאַבאַק זאָל געוועזן מקוים ווערן,

וואָלט פון דן ביז באר-שבע, פון כרמל ביזן ירדן געווען פאַרפּעלט ערד, ווי אַ שפּילקע-קעפּל צו וואַרפן.

*

די „אנשי פלוינע" האָבן דעלעגירט לוין אויף דער אסיפה פון דער חברה „שלום ושלוה". ס'איז געווען צוזאַמענגנס נאָך לוים רעדן אין דער גרויסער שול. אַן עולם מענטשן האָט אים מיט אַ „צאתך לשלום" באַגלייט צו דער באַן. געטון האָבן זיי עס מיט לייכטע געמיטער. האָבן זיך גע־פּילט איצט ווי ניי־געבוירן, אַזוי גרינג איז געווען אויף די הערצער. מיט ביטול האָט מען געקוקט אויף דער סחורה און מיט גרינגשעצונג משלח געווען די קונים. און ס'האָט זיך אַלעמען אויסגעוויזן, אַז פלוינע איז אויף דערווייל, אַט באַלד ווערט עס לײדיק און אַלע בנערינו ובזקנינו גע־מען די קיישעלעך און פּעקלעך און מ'גייט און מ'גייט און קיינער שטעלט זיך נישט אָפּ. איז מען געזעסן אונטער די גלעזערנע טירן און אַרויסגע־קוקט אין מאַרק אַריין און אַכטונג געגעבן אויף די בריטשקעס, וואָס האָבן געבראַכט פּאַסאַזשירן פון דער באַן, טאָמער קומט נאָך לוי דעם זעלבן טאָג צוריק מיט בשורות טובות, ישועות און נחמות פאַר ייִדן.

*

לוי בלאָנדזשעט פאַרחלומט.

אין לאַנגן, שמאָלן זאַל זענען אויסגעשטעלט שורות בענק. איבער די דורכגענג שפּאַצירן ייִדן אין קאַפּאָטעס און אין טובענע היטלען, מיט צעשויבערטע בערד און פּאות. ביי דער טיר לענען זיך אָן אויף דער וואַנט אַ פּאָר ייִדן אין קורטקעס און אין היטלען מיט לעדערנע דאַשקעס. זיי זענען דאָ אוים ווי פרעמדע, נישט געבעטענע געסט. פון צייט-צו-צייט ווייזט זיך אַ קאָפּ מיט אַ פּעקל סחורה אונטערן אָרעם און ווערט גלייך פאַרשוווּנדן.

אין עק זאַל אַראָפּ־צו, נישט צו פאַרגלייכן מיט אַן עזרת-נשים, שטייען מיט פאַרלייגטע הענט ווייבער אין שייטלען און אין דערעס, וואַרטן אויף עפּעס אַ פּויזע, ווי אַ שטייגער פרייטיק-צו-נאַכטס פאַר קי-

דוש. טאטעס פירן ביי די הענט ייִנגלעך, מיטגעבראַכט זיי, כדי מדריך צו זיין במצוה. אויף להכעיס בכבודיקע מענטשן, דרייען זיך אַרום אַ פּאָר דערוואַקסענע יונגען פון די דערפער, קנאַקן ניסלעך און שיילן באַניקערן. טראַכטן די וואַרשעווער נגידים וועגן די פּראָווינצער חיות, וואָס גייען בויען דאָס לאַנד: אַ שיין פּנים וועט האָבן ארץ־ישראל מיט אַזאַ פּעבל.

אין זאַל איז אַ רויק. אויף דער פּאָדלאָגע וואַלגערן זיך מונשטוקן פון פּאַפּיראָסן און אויסגעברענטע שוועבעלעך. עמעצ גליטשט זיך אויס איבער אַ שטיקל פּאָמעראַנץ־שאָלעכץ און צעקלאַפּט זיך אָן דער וואַנט. ס'קומען אַריין בעלי עגלות מיט בייטשן אין די הענט, אויפצוזוכן זייערע פּאַסאַזשירן — שניידן זיך דורך קולות:

— ווו זענען די סאָכאַטשעווער, מ'וואַרט אויף די בלוינער. העלפט מיר אויפזוכן די גריצער.

אַזאַ מין פּחיתת־הכבוד פון אַ וויכטיקער אסיפה אַרט שטאַרק די וואַרשעווער מיושבדיקע מענטשן פון גזשיבאָווער געגנט, שטויסט מען אַרויס די נישט געבעטענע געסט און מען שאָקלט זיך נאָכאַמאָל אָפּ פון די פּראָווינצער חיות.

אין זאַל ווערט וואָס אַמאָל געדיכטער און הייסער. שפּאַרט מען זיך שוין הויך אויפן קול ביז מחלוקת. און אַלץ אָפטער און העכער רעדט מען וועגן דרישות, סערטיפיקאַטן, פּעסער, וויזעס. די מער פּראַקטישע, וואָס האָבן מורא פּאַרן קורס, רעדן וועגן אַנגרייטן באַצייטנס רומענישע לעיס און איטאַליענישע לירעס. קוקן אַנדערע אויף זיי, ווי אויף בטלנים. דער עיקר גייט דאָך וועגן די דונאַמס ערד און וועגן די קושאַנען.

ביי אַ טישל זיצן אַ פּאָר חסידים פון גערער שטיבל אויפן מקום און זענען זיך הויך מתווכח וועגן דער ענגלישער פּאָליטיק, און וואָס די ענגלענדער מיינען מיט ארץ־ישראל אויף אַן אמת. רוישט עס אַזוי אַוועק, ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווערט דער עולם אויסגעמאַטערט און איז זיך שוין מיאש פון דער אסיפה.

מיטאַמאָל ווענדן זיך אַלע אויגן צו דער מזרח־וואַנט.

דאָרטן, אונטער אַ גרויסן אויסגעמאָלטן מגן־דוד, שטייט אַ הויך געשטעל, עפּעס ענלעכס צו אַ קאַטעדרע אָדער עמוד: אין די ימים־נוראים

ווערט דער זאל פארדונגען אויף א מנין. דערהערט זיך א קלאפ, און א באַ־לעבאטישער יונגערמאן רופט צוזאמען דעם עולם. מאכט מען זיך אבער גישט הערן און מען שפאצירט ווייטער איבערן זאל. הענט שניידן די גע־דיכטע לופט, פנימער פלאמען, און די קולות רוישן און פלעכטן זיך אי־בער.

פלוצים ווערט א גערודער צווישן טומלענדיקן עולם:

— ער גייט, ער גייט, ער איז שוין דאָ!

ביי דעם קאטעדרע־עמוד שטעלט זיך אוועק דער פרעזעס פון דער חברה, כהן בהנאָוויטש, גיט צוערשט א גלעט ביידע העלפטן פארקעמטע באָרד, ווייס ווי מילך, קוויקט זיך א ווײַלע מיט זיין הדרת־פנימדיקייט און זיינע שווארצע אויגן נעמען שארף אדורך די אסיפה פון „שלום ושלוה". ווערט פון טומל א שטיל געמורמל:

— שא, שא, דער יושב־ראש רעדט.

כהן בהנאָוויטש גיט א שטארקן מאך מיט די הענט און לאָזט גריסן דעם עולם פון הייליקן לאנד:

— שלום, שלום, שלום לקרוב ולרחוק.

— שלום, שלום! — ענטפערט די אסיפה. אלע זענען גרייט אויפ־צונעמען די בשורות טובות. הייבט כהן בהנאָוויטש אָן מיט דעם חומש־קול, ווי אמאָל כלב בן יפונה אין דער מדבר.

— און איך, אייער דעלעגאט, האָב מיט אייגענע אויגן געטון זען דעם באָדן פון „שלום ושלוה". און אז אונדזערע חברים האָבן אויפגע־שטעלט דעם צריף, זענען געקומען די אראבער און אים אראָפגעוואָרפן. האָט מען אויפגעשטעלט א צווייטן צריף און מסדר געווען פאר ביידע פא־מיליעס אין א לייוונטן געצעלט א שולעכל. און אז די „הכשרת הישוב" וועט באקומען די קושאנען און די אראבער וועלן פארלאָזן דעם באָדן, האָפט מען, ס'זאל ווערן א ישוב, און אונדזערע חברים וועלן זיך באזעצן על נחלתם ואחוזתם. און דער נאָמען פון דער קאָלאָניע וועט זיין „יפה כהן". מיט שוויים וועלן מיר באארבעטן די ערד און א ישיבה מיט א בית־מדרש וועלן מיר אויפבויען, ס'זאל זיין תורה ועבודה במקום אחד!

און דאָ, יידן, — כהן בהנאָוויטש האָט פלוצלינג געענדערט דאָס קול —

דאָ האָט איר דעם ווייץ און טאָמאַטן, וואָס וואַקסן אויף אונדזער באָדן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ זעקעלע ווייץ און געטון דאָס זעלבע, וואָס די מרגלים אין דער מדבר מיטן שטענגל ווייַנטרויבן. מ'איז כהן כהנאָוויטשן באַפאַלן פון אַלע זייטן און, ווי די עופות, האָט ער זיי געשיט ווייצלעך, אַ ווייצל פאַר אַ דעלעגאַט, אַ ווייצל פאַר אַ דעלעגאַט. זענען זיי געוועזן צופרידן. מער וועט מען שוין אין שטאָט נישט זאָגן, אַז די דעלעגאַטן טוען גאָרנישט אויף.

איצט האָט דער באַלעבאַטישער יונגערמאַן געמאָלדן וועגן די ראַטעס, וואָס מען דאַרף צאָלן, און וועגן די טעג, ווען די קאַנצעלאַריע איז אָפן.

דערנאָך האָט גענומען דאָס וואָרט „דער דעפּוטאַט".

ער איז צו צום שטענדער ווי אַן עניו, געבוקט זיך מיט זיין גאַנצער לענג פאַרן „געשעצטן פּובליקום" מיט גרויס הכנעה און אָנגעהויבן די פּאָליטישע רעדע.

— מיין פריינד כהן כהנאָוויטש האָט פאַר אייך שוין געשילדערט אונדזער פאָטערלאַנד און דעם באָדן פון „שלום ושלוה". איך וויל נאָר מוסיף זיין, אַז צוויי טויזנט יאָר זענען מיר יידן אין גלות. די לאַגע אין פּוילן איז איצט שווער, זייער שווער, מ'פאַרשפאַרט אייך צו דערציילן. דאָס דאַרף מען פילן, און ווער פילט נאָך אַזוי שטאַרק, ווי איר, די ברייטע מאַסן פון יידישן פאָלק? און איצט קערן מיר זיך אום אין אונדזער לאַנד, צוריק וועלן מיר פלאַנצן ווייַנגערטנער און באַאַרבעטן פעלדער...

אין זאַל איז געוואָרן אַ טומל.

אַן איינגעהויקערט יידל, אַ זקנדל, האָט זיך געוואָרפן צום פּאָדיום און געקלאַפּט מיט די דינע הענטלעך אויפן עמוד. ס'האָט זיך קוים געהערט אַ הייזעריק, פאַרשטיקט קול:

— יידן, אוי יידן, כ'האָב שוין געצאָלט אַמאָל ראַטעס. פאַר צוואַנציק יאָר צוריק. מ'האָט געזאָגט: ווייַנגערטנער פלאַנצן, פעלדער זייען... און די פלעצער אין רחובות זענען געבליבן, כ'ווייס נישט ביי וועמען. אַ, די כלל-טוער, געדענקט, יידן!

מ'האָט דעם אַלטיטשקן איינגעשטילט, און דער דעפּוטאַט האָט אויס-

געגלייכט זיין הויך געשטאַלט, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט איבערן מזרחיסטיש-פאַרשווירענעם בערדל. ער האָט מיט גרויס עניוות געשפּונען ווייטער דעם חלום און געזעטיקט דעם הונגער פון די „שלום ושלוהניקעס".

— אין אונדזער קאָלאָניע וועט זיין פאַראייניקט תורה מיט חכמה. בייטאָג וועט מען אַרבעטן און ביינאַכט וועט מען גיין אין בית-מדרש אַריין, ווי אַמאָל אונדזערע תנאים און אמוראים, און עוסק זיין אין תורה. און אַז ס'וועט אָנקומען יום-טוב, דער חג הבכורים, וועט מען עולה זיין קיין ירושלים און משמח זיין זיך, ווי אין די אַלטע צייטן.

דער דעפּוטאַט האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ דאַרף מען ענדיקן, האָט ער מסיים געווען מיט אַ „לשנה הבאה בירושלים" און געוואָלט וואָס גיכער זיצן אין דער „טאַקסעווקע". האָבן זיך אָבער די דעלעגאַטן פון קוזמיר און פון יאַנאָווע און באַזונדערס פון פּילעוו נישט געקאָנט אַזוי שנעל זיך שיידן מיט זייער דעפּוטאַט, איז מען צו צו דעם קאַטעדרע-עמוד און יעדער איינער איז געווען גרייט אַרויסצולייגן זיינע פּעק מיט שאלות: אייגענע און פרעמדע. זעט דער דעפּוטאַט, אַז ס'איז שלעכט, שטילט ער אַלעמען איין מיט אַ צווייבערוואָרט.

— מיינע ליבע חברים און פריינד, כ'דאַרף אויף אַ זיצונג אין סיים. די לאַגע איז זייער אַ ביטערע. דאָרטן ווערט באַשלאָסן דער גורל פון יידישן פאָלק אין פּוילן.

אַזוי ווי דאָס געפיל, אַז ס'איז שלעכט, האָט זיך ביי זיי דעם אָוונט זייער פאַרשטאַרקט — ווי וויל דער דעפּוטאַט ווייסט אַלץ — און דערצו נאָך האָבן זיי דערהערט דאָס ביטערע וואָרט „סיים", האָבן די חברים באַלד אַראָפּגענומען די באַלאַגערונג פון דעפּוטאַט און מיט שווערע געמיטער זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין די אכסניות.

*

אַ לאַנגער צוג איילט איבער די כשאַנאָווער שניי-פעלדער.

אין איינעם פון די וואַגאָנעס, פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, זיצט לוי, פאַרטיפט אין זיינע מחשבות. די האַלב-פאַרמאַכטע אויגן זעען פאַר זיך דעם מדבר. נישט ווייט פון באַרג נבו, אָנגעלענט אויף זיין גרויסן שטעקן, שטייט דער נביא און טענהט פאַר גאָט:

„פערציק יאָר האָב איך דיין פאָלק געפירט. ווי אַ פאַסטוך זיינע שאָף, אזוי האָב איך זיי געשיצט, געטראָגן זיי, ווי אַן אָדלער זיינע עופה־לעך. פיין און לייד איז געוואָרן מיין גורל, ווייל געשטרעבט האָב איך צו דעם לאַנד פון די אבות, צו געבן עם ישראלן אויף אייביק און אייביק. און איצט הייסטו מיך אין דער מדבר שטאַרבן?"

און לוי טראַכט: צי דאָס וועט נישט זיין אויך זיין גורל? צי וועט ער זען דאָס לאַנד פאַר די אויגן אָדער דאָ, אין דעם מדבר, צווישן שלאַנגען און עקדישן, אויף אַ שטיין זיין נשמה אויסהויכן.

אָבער נישט ער אַליין איז דאָ וויכטיק. דער וועג איז נאָך דערוווייל פאַרשלאָסן, און אין פלווינע וואַרט מען אויף אים, גרייט צו פאַרפאַקן די ספרים מיטן בעטגעוואַנד און לאָזן זיך איבער די גרענעצן. און וואָס וועט ער זיי זאָגן? אַז משיח איז נאָך נישט געקומען? אַז צו דער גאולה איז נאָך ווייט? אַז זיי האָבן נאָר איין זאַך צו טון: צו צאָלן יעדן ערשטן די ראַטעס אין דער חברה „שלום ושלווה"?

— למה הרעותה לעם הזה? — רופט אוים לוי צו זיך אַליין, און זיין האַרץ פאַרזינקט אין מרה־שחורה...

# צווייטער טייל

## קוימענקערער

מיט שווערע טריט איז געקראָכן דער ווינטער און זיך דערנענטערט צו זיין בלאָטיקן סוף. די שאַרפע ווייסקייט איז פאַרשוווּנדן פון דעם גלאַטן שניי־שטח, און איבער די פעלדער איז געבליבן הענגען אַ גרויע, פאַרטאָגיקע פאַרנעפּלטקייט. גרויסע טראָפּנס האָבן געטריפט פון די צווייגן, וואָס האָבן נאָר וואָס זיך געהאַט אַרויסגעשיילט פון זייער שנייאיקן שאָלעכץ, און די טראָפּנס, ווי שוואַרצע טרערן, האָבן געלעכערט דאָס דינע אייז־הייטל פון דעם שניי, וואָס האָט זיך נאָך געהאַלטן אַרום די פאַרשטאַרטע שטאַמען.

אויף די גליטשיקע שטעגן פון ענגעלמאַנס גאָרטן, און ווייטער, ביז שיקאָרעס קאַמעניצע, זענען געשטאַנען חברים פון נאָדל־פאַראיין און געהאַלטן וואַך. פון צייט צו צייט האָט זיך פון אַ פענצטער־עפענונג פון ענגעלמאַנס חרובן פּאַלאַץ, מיט אַריינגעשטעקטע שטיקער טאָוול, אָנגעשטאָט שויבן, באַוויזן אַ קאָפּ האָר און אַריינגעוואָרפן עפּעס אַ וואָרט אין דער פינצטערניש. שמולקע פּיוווישס איז אַרומגעקראָכן צווישן די ביימער און געבראָכן צווייגן. ביי יעדן ברעך פון אַ דינער צווייג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז איצט, נאָכדעם ווי דער פאָטער איז שוין ליציטירט געוואָרן, וועט זיין גאַנצער פּלאַן צערונען, ווי דער שניי. אויס וואַרשע און אויס שטודיום פון עקאָנאָמיש־סאָציאַלע וויסנשאַפטן, ער בלייבט ווייטער אויף דער לער ביים זייגערמאַכער און צייטווייליקער מיטגליד אין נאָדל־פאַראיין. ער איז נישט דער איינציקער, וואָס מוז רעזיגנירן פון זיין פּערזענלעכער צוקונפט ביי דער הייגטיקער סאָציאַלער אומגלייכהייט.

וואָלט ער כאָטש געווען אַ גלייכבארעכטיקטער חבר אין פאַראיין, וואָלט ער זיך נישט געריסן אַזוי שטאַרק צו דער טעאָריע. איז אָבער זיין אָפּשטאַמונג נישט קיין פּראָלעטאַרישע...

ער האָט צוזאַמענגענומען די צווייגן און מיט דעם בינטל אריין דורך אַ פענצטער אין דער חורבה.

דער פאָרזיצנדער האָט אוועקגעלייגט דאָס האָלץ ביים גליענדן אייוועלע צו טרוקענען. דערווייל איז געוואָרן אַ שטאַרקער רויך, און די חברים האָבן געמוזט ארויסנעמען די טאָוול פון די שויבן־ראַמען. אויף אַ הויכן שטאָם אין מיטן צימער האָבן זיך געברענט צוויי דיקע ליכט און געוואָרפן לאַנגע שאָטנס אויף די נישט געקאַלכטע ווענט פון ענגעלמאַנס סאַלאָן. ארום דעם דעמבענעם שטאָם זענען געשטאַנען קלענערע שטאַמען אויף דעם ערדיקן באָדן. די חברים זענען געזעסן אָנגעשפּאַרט און געוואַרט.

איבערן גאָרטן האָט זיך דורכגעטראָגן אַ לאַנגער פייף. באַלד האָט די חברטע יוכבד אריינגעפירט דעם גאַסט. מ׳האָט אים אוועקגעשטעלט ביים דעמבענעם שטאָם, און מאַטיאַס האָט אָנגעהויבן אראָפּשאַרן פון זיך דעם שניי. פון געדיכטן רויך ארוים האָט זיך דערהערט אַ הייזעריקע שטימע:

— מיר האָבן דיך, חבר מאַטיאַס, איינגעלאַדן אויף אַ דיסקוסיע. זאָג אונדז, ווער דו ביסט און וואָס איז דיין פּראָגראַם.

ליפּע, דער סטאָליער, האָט געשטעלט די פראַגע אין אַ שטרענגן טאָן, און מאַטיאַס האָט פארשטאַנען, אַז ער וועט שוין מוזן אויף אַלעם ענטפערן. ערשט איצט האָט ער געזען, ווי די חברים ארום טיש זיצן אין פּאָזעס פון ריכטער. אויף זיין געזיכט האָט זיך באַוויזן אַן אַנטשלאָסנקייט. ער האָט דערווייל גלייכגילטיק געענטפערט:

— איך בין מאַטיאַס לויס, שטודיר רעכטס־לערע אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. איר קענט מיך אַלע. אייער פראַגע האָב איך נישט גענוי פארשטאַנען.

קלמן איינבינדער איז אויפגעשטאַנען.

— חבר מאַטיאַס, איין מאָל אין אַ חודש קומסטו קיין פּלווינע. לויט

אונדזערע ידיעות, האָסטו נישט קיין פּאַרטיי-באַרירונג מיטן פאַראיין „התקוה", כאָטש מ'זעט דיך אָפט דיסקוטירן מיט ציוניסטן. פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אין פּלוינע שטייסטו פונדערווייטנס. אונדזער פראַגע איז דעריבער קלאָר: צו וועלכער פּאַרטיי געהערסטו? היינט האָט יעדער אַ שטעלונג: רעכטס אָדער לינקס.

מאַטיאַס האָט זיך פאַרטראַכט. אויף אים זענען געפאַלן די בליקן פון די חברים, וועלכע זענען געזעסן גרייט אים צו משפּטן. ער האָט אָנגעהויבן געלאַסן:

— איך קאָן, צום באַדויערן, דערווייל נישט טיילן די מענטשהייט אַנדערש, ווי אויף פעלקער; ביי יעדן פאָלק איז פאַראַן אַן אינערלעכע דיפערענצירונג און במילא אַ געוויסער קעגנזאַץ פון אינטערעסן, וועלכער וועט נישט און קאָן נישט אַזוי שנעל פאַרשווינדן. נישט געקוקט אויף דעם קעגנזאַץ, האָבן די פאַרשידענע קלאַסן ביי יעדן פאָלק פיל געמיינזאַמס. אַלס ביישפּיל: דער ענגלישער אַרבעטער-קלאַס פילט זיך נענטער צום ענגלישן פאָלק, ווי צום רוסישן פּראָלעטאַריאַט, די פּוילישע אַרבעטער האָבן צוזאַמען מיט אַנדערע קלאַסן געקעמפט ביים פאַרטיידיקן די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. ביי די מינדערהייטן קעמפן אַלע קלאַסן פאַר נאַציאָנאַלע רעכט. דאָס גיט די מעגלעכקייט צו באַהויפּטן, אַז, אָנערקענענדיק אין פּרינציפּ דעם סאָציאַליזם, לאָזט זיך נישט פאַרלייקענען די אָנגעהעריקייט צו אַ פאָלק. מיר זעען דאָס ביי אַלע פעלקער אין אייראָפּע און אפילו אין דעם לאַנד, וואָס גייט שוין דירעקט צו אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג. דער אַרבעטער-קלאַס אין אוקראַינע, אַ שטייגער, פאַרלייקנט נישט זיין אָנגעהעריקייט צום אוקראַינישן פאָלק.

און אויב מען פאַרלייקנט נישט די אָנגעהעריקייט צום פאָלק אפילו אין די סאָציאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע דאָס פאָלק געפינט זיך, מוז מען שוין אומפאַסן אַלע קלאַסן פון פאָלק. די מערהייט פון יידישן פאָלק, איינשליסנדיק די אַרבעטער, געפינט זיך, אין פאַרגלייך מיט די זעלביקע שיכטן ביי אַנדערע פעלקער, אין אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען. זיי וועלן נישט פאַרשווינדן, ווען מיר וועלן זיך באַגרענעצן נאָר אויף איין קלאַס. אייער וועג — דאָס איז אַ וועג פון אַ זייער ווייטער פּערספּעק-

טיוו אין דעם לעבן אריין. ווער עס וויל, אז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך קאָנען אויפהאַלטן, ווי עס האַלטן זיך אויף אַנדערע פעלקער — אין זין פון עקזיסטענץ, — מוז זאָרגן און קעמפן פאַרן געזונט מאַכן נישט בלויז דעם אַרבעטער-קלאַס, נאָר אויך די איבעריקע שיכטן. אַלזאָ, מיין לאָזונג איז: געזונט מאַכן דאָס יידישע פאָלק אַלס גאַנצעס, און די מיטלען דערצו —

— די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט לייזן די יידן-פראַגע.

קלמן האָט אָפּגעמאָסטן מאַטיאַסן מיט אַ שטרענגן בליק. מאַטיאַס, באַלויבטן פון שוואַכן ליכט-שימער, האָט ווייטער אַנטוויקלט זיין געדאַנק.

— די סאָציאַלע רעוואָלוציע, זאָגט איר? גוט. אָבער ווי אַזוי וועט איר מאַכן אַ סאָציאַלע איבערקערעניש ביי יידן, אַז קיין פּויערים האָט איר נישט וועמען אַוועקצוגעבן די ערד, און קיין יידישע אַרבעטער אין פאַבריקן, וועלכע זאָלן זיי איבערנעמען, איז אויך נישט פאַראַן? אַלזאָ, דער פאַרבאַדינגג פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש, אויב איר ווילט זי דורכפירן, איז צוערשט: געזונט מאַכן דאָס יידישע פאָלק, אָדער אויף אייער לשון: פאַרברייטן עס צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און די מיטלען, וואָס פירן דערצו —

— דער ציוניזם — האָט איראָניש באַמערקט סענדערל.

— איר האָט אַ טעות. איך האַלט נישט דעם ציוניזם פאַר דער איינציקער רפואה. איך באַשטיי אויף אַ יידישן פּויערים-קלאַס אין אַרגענטינע, אויף יידישע אַרבעטער אין פּוילנס פאַבריקן און אויף יידישע קאָלאָניעס אין קרים. מיר ווילן בלייבן אַ פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער דער וועלט. דער ציוניזם וועט אונדזער צעשפּרייטקייט נישט פאַרקלענערן, די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט דעם פאַקט אויך נישט ענדערן, און דעריבער האָט יעדע אידעע, וואָס לעבט אין פאָלק און וויל עס געזונט מאַכן, איר באַרעכטיקונג.

— אין ראַטנפאַרבאַנד זענען פאַראַן יידישע פּויערים און פאַבריק-אַרבעטער —

— אַך, אין ראַטנפאַרבאַנד —

— גענוג!

ליפּע, דער פּאַרזיצנדער, איז אויפגעשטאַנען און אַזוי אַרום צוגע-
נומען ביי מאַטיאַסן דאָס וואָרט. מאַטיאַס האָט זיך אוועקגעזעצט אויף
אַ שטאָם. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. פון אַ טייל פּנימער
האָט ער אַראָפּגעלייענט, אַז מען איז מיט אים מסכים אין האַרץ. פונ-
דעסטוועגן האָט אים קיינער נישט געגעבן קיין רעכט. מען האָט געוואַרט
אויפן פּאַרזיצנדערס וואָרט און אויף קלמנס מיינונג. ליפּע האָט אָנגע-
הויבן זיין רעפּליק.

— חברים! מיר האָבן אויסגעהערט מאַטיאַסעס שטאַנדפּונקט. דאָס
איז אַ פּראָגראַם פון אַ קליינבירגער. ס'איז די בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע
פון אַן אינטעליגענט.

אומדערוואַרט האָט סענדערל שטעפּער גענומען דאָס וואָרט. ער האָט
פּאַרקנייטשט אַ בלאַט פון דעם אָפּענעם „קאַפּיטאַל" און זיך אָנגעשפּאַרט
אויף אים, ווי אַמאָל אין דער ישיבה אויף דער גמרא.

— רעדן וועגן יידן, חברים, דאָס הייסט נאַציאָנאַליזם. מירן קעמפן
פאַרן אַלגעמיינעם פּראָלעטאַריאַט און נישט בלויז פאַר יידן. ווער עס
רעדט אַזוי ווי מאַטיאַס, דער איז אַ שונא פון פּראָלעטאַריאַט.

— אַ שונא, אַ שונא — האָבן אונטערגעכאַפּט די חברים. — זאָל
ער גיין צו די ציוניסטן. מיר דאַרפן נישט קיין אינטעליגענטן, וואָס פאַר-
טיידיקן די בורזשואַזע אָרדענונג.

בלויז שמולקע האָט טרויעריק געשוויגן. אויך יוכבדן איז געווען
באַנג. דאָס האָט זי דעם איינציקן פּלוינער סטודענט צוזאַמענגעפירט מיט
די חברים.

מאַטיאַס איז אויפגעשטאַנען. דורכן רויך האָבן געקוקט אויף אים
פיינטלעכע אויגן. ער האָט געפּרוווט ענטפערן:

— כ'פאַרטיידיק נישט די בורזשויען. כ'מיין דאָס יידישע פאָלק,
וואָס גייט אָפּ אין בלוט און ווערט אין איצטיקן מאָמענט פאַרניכטעט
פון די בורזשויען און פּראָלעטאַריער צוזאַמען.

די לעצטע ווערטער זענען פאַרשריגן געוואָרן. די חברים, וואָס זע-
נען געשטאַנען אויף דער וואַך, זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַרום די פענצ-
טער. מאַטיאַס האָט אויפגעשטעלט דעם קראַגן און איז אַרויס. ער איז

אַראָפּ פון שטעג. אין דער פינצטער האָבן זיינע פיס פאַרבלאָנדזשעט אין קאַלוזשעס, זיינע שיך האָבן זיך אָנגענומען מיט לייִמיקן שלאַם. פּלוצים האָט פון איינעם פון די לעכער אין דער האַלב-אָפענער, חרובדיקער פאַציאַטע אַ שימער געטון אַן עלעקטרישע לאַמטערל און זיך גלייך פאַרלאָשן. עפּעס האָט דאָרט אין דער פינצטערניש זיך אַ באַוועג געטון און צוריקגעצויגן. מאַטיאַס איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער, אָבער באַלד זיך געלאָזט גיין ווייטער. זיין געדאַנק האָט זיך צוריקגעקערט צו דעם, וואָס איז פאָרגעקומען דעם הייַנטיקן אָוונט. ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן די פאַרהאָרעוועטע אַרבעטער. דאָס איז ער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער אומוויסנהייט. אָט האַלט ער זיך שוין גאַנצע יאָרן פונדערווייטנס פון די אָמאָליקע לערנייִנגלעך ביי די טאַנדייטערס. זענען געקומען אַנדערע און מיט טרייסט-ווערטער און זיסע פראַזן אָוועקגעפירט זיי אויף קרומע וועגן. נישטאָ שוין דאָס בוך, וואָס פלעגט אַמאָל דעם אַרבעטער אויפקלערן און מאַכן באַוווסטזיניק. ס'איז די צייט פון דער בראָשורע און דעם אויפרוף. ער האָט געשטעלט שווערע טריט אין דעם האַלב צעגאַנגענעם שניי און פון די ביימער האָט אויף אים געטריפט אַן אויפהער. איצט האָט אים באַהערשט אַ באַגער צו זען ליובען. ס'איז געווען אין עק פון דער גאַס, וואָס האָט געפירט פון ענגעלמאַנס גאָרטן. די פענצטער פון חיים שיקאָרעס הויז זענען נישט געווען באַלויכטן. מאַטיאַס איז אַריין אין הויף. לינקס האָבן געפירט טרעפּ. ער איז אַרויף, און אַריבערגעבויגן זיך איבערן אָנלען. ליובע איז געזעסן אין קיך און געשפּילט מיט דער דינסט אין טערנישקע. ס'האָבן איר פאַרפעלט קלעצלעך, האָט זי געלייגט שטיקלעך רונדע טאָוול. זי איז געווען זייער פאַרטיפט אין שפּילן און ס'האָט אויסגעזען, ווי קיין זאַך אין דער וועלט אינטערעסירט זי נישט. מאַטיאַס האָט געוואָלט אָנקלאַפּן אין פענצטער אָדער זי אַ רוף טון, אָבער אַן אינערלעכער ווידערשטאַנד האָט אים דערפון אָפּגעהאַלטן. ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ און געגאַנגען צום טויער. דערנעבן האָט זיך געטראָגן פון אַ קאַמער אַ שטיל קרעכצן. מאַטיאַס האָט זיך צוגעהערט. ס'האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט. באַלד האָט עמעצער זיך אָנגעהויבן גראַבלען ביי דער טיר. פון קאַמער איז אַרויס יאַוואָראַס שוו-

נעץ אין א ווייס היטעלע און זיך פארשפיליעט די בגדים. זיין פנים האט געפלאמט און די האר זענען געווען צעשויבערט. דערזעענדיק מאטיאסן, האט ער צוגעלייגט צוויי פינגער צום דאשעק און מיט א שפאטיש שמייכעלע זיך אנגערופן: „ערע פארן קאלענע אקאדעמיקער", און אוועק אין דער ריכטונג פון דער נייער צוקערניע.

דער שטאט־זייגער האט געשלאגן צען. מאטיאס איז געשטאנען נעבן א טעלעגראפן־סלופ ביי שיקארעס קאמעניצע און געווארט, ווי ער וואלט געפילט, אז עס דארף נאך עפעס דעם הייגטיקן אוונט געשען. פון ענגעלמאנס גארטן האט זיך פלוצים דערטראגן א גערויש פון א סך טריט מיטאמאל, באגלייט מיט א טומל. פון אלע זייטן האבן זיך, ווי אויף א באפעל, געעפנט טיר און פענצטער און נייגיריקע אויגן האבן געקוקט אין פינצטערן מארק אריין. באלד האט זיך פון ענגעלמאנס גאס ארויסגעוויזן א צוג. פון ביידע זייטן זענען געגאנגען אין א גלייכער שורה מיליציאנטן און אין דער מיט צו פיר אין א רייע די חברים פון נאדל־פאראיין.

מאטיאס איז געשטאנען ווי פארגאפט. ער האט זיך דערמאנט אן דעם עלעקטרישן לעמפל, וואס האט אים דורכגעשטאכן פון דער חרובער פאציאטע ארויס אין גארטן. אין זיין זכרון איז אויפגעשווומען א פארגעסן בילד: דער צעבלוטיקטער מענטשן־קנויל ווינטער־צייט אין גארטן און דעם סאמנער זונס קול: „מיש זיך נישט אין פרעמדע געשעפטן!" איצט האט ער שוין אלץ פארשטאנען. דער צוג האט דערוויל דערגרייכט ביז צו דער צענטראלער לאמטער אין מיטן מארק. דארט איז שוין געשטאנען א רעדל מענטשן. מאטיאס איז צוגעגאנגען. פלוצים האט ער דערפילט א סך בליקן אויף זיך. פון דער ריי ארויס האט מען אויף אים געוויזן מיט די פינגער. מיטאמאל האבן צו אים דערגרייכט קולות:

— פאררעטער, מוסר, פראוואקאטאר!

דאס בלוט האט אים א שלאג געטון אין פנים אריין. עפעס האט אנגעהויבן שווינדלען פאר די אויגן. ער האט געוואלט ארויסשרייען, אויפקלערן, אבער א שטארקע האנט פון הינטן האט אים פארשטאפט דאס מויל. דאס איז געווען סאמנער, דער פראוואקאטאר.

פון ראקימנע־געסל זענען אנגעקומען צו לויפן יוקל דער שניידער

און אַלטער אַלוואָס און מיט עלנבויגנס געמאַכט זיך אַ וועג צווישן געדרענג. ביידע האָבן מיט איין מאָל מיט פּרעטענזיע און רוגזה אַ פרעג געטון:

— האַ, וואָס איז דאָס, וועמען האָט מען גענומען?

— „מ'האַרעשטירט" אַרבעטאָרער?

און דעמאָלט איז צום ערשטן מאָל צווישן עולם אין דער פינצטער אַדורך אַ געמורמל:

— מ'פירט די קוימענקערער.

און ביי דעם נאָמען זענען די מיטגלידער פון גאָדל-פאַראיין געבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

# די דריי נייטאָרינס

נאָך האַלבער נאַכט.

פון די לאָנקעס און סעדער האָט מיטאַמאָל אַ בלאָז געטון אַ פריש ווינטל. עס האָט זיך דערטראָגן מיט אַ גוטער בשורה און אָנגעקלאַפּט אָן די פענצטער פון די ליימיקע הייזלעך אין עק שטאָט. איבער די פלוינער הימלען האָבן זיך באַוויזן העלע, דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך. זיי האָבן זיך געאײַלט ווי שטאַפעטן, וואָס מאַכן אַ וועג פאַר אַ קעניג פון אַ ווייטן לאַנד, וואָס באַלד באַווייזט ער זיך אין זיין קאַרעטע. דאָס קאַלטע לבנה־ליכט האָט אַריינגעשיינט דורך די שפּאַלטן פון די לעדן אין די נידעריקע שטיבלעך פון בעטקע-געסל.

*

סענדער שטעפער זיצט מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן איבער דער מאַשין. די נאָדל שטעכט דורך די האַרטע לעדער, און סענדער פילט יעדן שטאָך אין דער ברוסט. איצט דאַכט זיך אים אויס, אַז זיין האַרץ-פּעלער איז געגליכן צו דער מאַשין, אויף וועלכער ער אַרבעט. ביי דער שוואַכער שיין פון פאַרדרויכערטן לעמפּל זעט סענדער די אָפּגעצערטע פּנימער פון זיינע חברים. די אויגן קלעפּן זיך ביי זיי, די פּיס באַוועגן זיך שווער; פון צייט צו צייט ציען זיי זיך אויס הינטער די מאַשינען, ווי אַ שטייגער אויף געלעגערס.

סענדער דערמאַנט זיך, אַז אין וואַרשע „זיצן" די חברים און ער פאַרשוועכט דאָ דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, וואָס דער נאָדל-פּאַר־איין האָט אויסגעקעמפט אין פּלוינע, און דאָס אַלץ צוליב דעם יידישן יום-טוב, וואָס דערנענטערט זיך. פילט זיך סענדער שולדיק אַקעגן די חברים און ער ווערט אין כעס אויף זיין האַרץ־פּעלער, וואָס צווינגט אים צו טרינקען הינער־יאַכלעך און מילך מיט פּוטער און צוליב דעם אַר־

בעטן גאנצע צוועלף שעה אין מעת-לעת... קריצט סענדער מיט די ציין און פילט אין דער לינקער ברוסט אלץ טיפערע שטעך. טרייסט ער זיך מיט דער האפענונג, אז דאס אלץ איז נאר אויף דערווייל, אז שפעטער וועט זיין אנדערש. א, ס'וועט קומען אמאל א צייט, ס'וועט קומען א צייט!...

*

אין יענער נאכט האט א ציטערדיקע האנט אנגעקלאפט דריי מאל אין א לאדן פון בעטקעס-הייזל. יוכבד איז אראפ פון אייזערנעם בעטל און צוגעלאפן צום פענצטער. די יינגערע שוועסטערן האבן זיך אויך אויפגעכאפט, און אלע דריי נייטאָרינגס זענען געשטאנען ביים פענצטער מיט ארויפגעווארפענע מאנטלען אויף זיך און געווארט אויף עפעס אויסערגעווענלעכס.

פון יענער זייט לאדן האט זיך געהערט א באקאנטע שטימע:

— א גרוס פון פארזיצענדן... רופט צוזאמען א בעראטונג... קומט דעם צוואנציקסטן קיין ווארשע... אויף דער מעד-גאס... מאכט א זאמלונג...

דאס קול איז מיטאמאל איבערגעריסן געווארן. אין דער טיפער נאכט-שטילקייט האט זיך דערהערט דער קלאנג פון איילנדיקע טריט. דער עכא איז אלץ שוואכער געווארן און פארשווונדן ערגעץ אויפן ראקיטנעם וועג.

יוכבד איז געשטאנען א פארפלאמטע. זי האט פארשפיליעט דעם מאנטל און געוועון גרייט צו לויפן, צו טון, כאטש באלד אויפצוּוועקן די חברים. עטל האט זי ארומגענומען מיט די לאנגע, דארע הענט.

— יוכבדל טייערע, האב רחמנות, גיי נישט איצט, ס'איז געפערלעך — און זי האט מיט זיך פארשטעלט די טיר.

— דו ווילסט דיר אנמאכן אן עסק — האט זיך געבעטן די מיטלסטע שוועסטער, און די אויגן האבן שוין געבלישטשעט מיט א פייכטקייט.

יוכבד האט זיך ארויסגעריסן פון זייערע אָרעמס. אויף איר געזיכט האט זיך באוויזן א גרימאסע, ווי ביי א מוטער ביים אנבליק פון א

קראַנק קינד. זי האָט געשפּרייזט נערוועז איבערן צימער און געפרעגט אין דער טונקלהייט:

— אָבער וואָס טוט מען? די חברים דאַרפן דאָך הילף.

— מיר וועלן וואַרטן ביז אינדערפרי.

יוכבד האָט זיך געריבן די הענט און מיט אומגעדולד געקוקט דאָ אויף די שוועסטערן, דאָ דורך די שפּאַלטן פון לאָדן. זיי האָבן זי אוועקגעזעצט אויפן בעטל, און אַלע דריי ניטאָרינס האָבן, אַרומגענומען און צוגויפגעטוליעט, געוואַרט אויפן מאָרגנדיקן טאָג.

*

יוכבד דרימלט איין.

זי איז אַ קליין מיידעלע מיט קײלעכדיקע גרעקעלעך אַרום די אויערן. זי זיצט ביי דער באָבעשים שוויג און טיילט קעז בעבע יידעסעס ייגגלעך מיט אַלוואָסעם מיידלעך. קומט אָן די באָבעשי מיט דעם ברייטן הויב און פירט אורחים. ס'איז דאַנערשטיק פאַרנאַכט. די אַלטע בעגדעטין עפנט דאָס הכנסת-אורחים-שטיבל. קומען אַריין די גייערס איבער דער מדינה און די אַלטיטשקע דערלאַנגט זיי שמאַנט און סערוועטקע פון איר שוויג. שטייט זי אַ צעשטראַלטע פון שמחה, די הענט פאַרלייגט, קוקט און שאָקלט מיט דער שבתדיקער הויב. די געסט לעקן די פינגער פון אירע מאכלים און די אַלטע קוועלט און קוועלט. ס'פאָרן אַריין דריי זינגערס ניי-מאַשינען אין הכנסת-אורחים-שטיבל. יוכבד בעט אויס די חברים געלעגערס צווישן די מאַשינען. זיי זענען דאַבלאָזע, פרעמדע פּראָלעטאַריער, געקומען קיין פלוינע זוכן אַרבעט. זיצן זיי אַ גאַנצן טאָג אין איר אַרבעטס-שטיבל, רויכערן בשותפותדיקע פּאַפּיראָסן, רעדן וועגן פריי-וואַט-אייגנטום און קאָלעקטיווויזם, און זי גרייט דערווייל פאַר זיי וועטשערע. היינט האָט זי אָפּגענומען ביי חיים שיקאָרעס געלט פאַר דער אויפגענייטער וועש. אַלע זענען דאָך גלייך, די לערנמיידלעך אויך, און מיט איר חלק קאָן זי טון, וואָס זי וויל, קיינער וועט איר נישט זאָגן קיין

דעה, אַז זי וויל שוין איצט זיך טיילן. זיצן די חברים און עסן וועטשערע, עסן געשמאַק, און זי שטייט און שאַקלט צו מיט דער באָבעס שבתדיקער הויב. ביז עס פאַרהאַקן זיך די טירן און דאָס אייזערנע טויער, און זי בלייבט שטיין מיטן עסן און קאָן עס נישט אַריינטראָגן די הונגעריקע חברים. לויפט זי אין שטאָט אַריין, אָבער אויך אין שטאָט זענען טיר און טויערן פאַרהאַקט. ס׳הערן זיך בלויז טריט אויפן ראַקיטנער וועג...

# נקמה

דעם שטאָט־וועכטערס האָרן האָט איבערגעריסן די נאַכט־שטילקייט. דאָס יעמערלעכע קול האָט זיך איינגעגראָבן אין דער פינצטערניש און זיך צעטראָגן איבער דער שטאָט. באַלד דערויף האָט זיך אָנגערופן דער גלאָקן־טורעם אין מיטן מאַרק, צו אים זענען צוגעשטאַנען די גלעקער פון קלויסטער און צווישן געטון דער ברייטער וועלט וועגן דעם אומגליק, וואָס עס האָט געטראָפן פּלוינע. פון אַלע זייטן האָבן ארויסגעשמעקט הינטישע פּיסקעס און געעפנט אַ בילעריי אויף דער שטאָט.

פּלוינע איז אויפגעריסן געוואָרן פון שלאָף. טירן האָבן זיך אויפגע־פּראַלט און פון די גאַרנס האָבן יידן גענומען לויפן אַראָפּ צו די פּעדער־הייזער.

— הא, וואָס איז? ווו ברענט? אין וועלכער זייט לויפט מען?

באַלד איז אָנגעלאָפן „סטראַזש״. מנשה, דער אוזשענדאָווער שום־טער, מיט די בנים, אָנגעטון אין מעשענע קאַשקעטן, האָבן דורכגעשניטן דעם מאַרק אין דער קווער. מיט איין האַנט האָבן זיי פאַרשפּיליעט די בלויע בלוזעס און מיט דער אַנדערער די ברייטע פּאַסן מיט די העק ביי דער זייט. זיי דעריאָגט האָבן אַלטער אַלוואַס און יוקל שניידער. מיט גרויס צאָרן און עקשנות האָט גאַלאָפּירט ירוחם אַלרייט מיטן בענדל אויף די שליפעס און מיטן סטראַזשאַצקע מעדאַל אויף דער ברוסט. אַנ־דערע האָבן אים דאָס מאָל מקדים געווען און אויסגעכאַפּט די בכורה. האָט ירוחם שטאַרק געשאָלטן פייווישעס דינסטמיידל, וואָס האָט אים די נאַכט אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן. נאָך ירוחמען שפּרינגט, ווי אַן אָגער, זלמן־איטשע קאָניאַזש און וויל דווקא אַלע דעריאָגן. פּינטלט צו אים ירוחם אַלרייט דראָענדיק מיטן לינקן אויג: דערנענטער זיך נישט, כ׳וועל דיר די זשעברעס צעברעכן.

נאָך אַ פּאָר מינוט, און ס'לויפן אָן ס'גייעס, אָבער דער יידישער כבוד איז געראַטעוועט. מנשה מיט די בנים האַלטן שוין וויט. די פייער-לעשער-האַלע איז געעפנט און פאַרן ראַטהויז שטייען אויסגעשטעלט די שפּריצערס מיט די פעסלעך וואַסער. ס'לויפט אָן יאַוואָרא דער שענקער אין נאַטשאַלניק-אוניפאָרם און צעבייזערט זיך אויף די פייערלעשער, פאַרוואָס מ'האָט מיט די שפּריצערס נישט געוואַרט אויף אים. ער שטעלט זיך אַוועק אָן אַ זייט, פאַרשפּיליעט דעם מונדיר, פאַררוּקט אַ פּאַפּי-ראָס און נעמט זיך צו דער קאָמענדע.

דער מאַרק איז פול געוואָרן. פון בעטקעס-געסל זענען געלאָפן אייז-ציקע פייערלעשער און געשלעפּט ביי די קאַמאַטעס שפּרינגענדיקע פערד. נאָך זיי זענען געלאָפן פאַרסאַפּעט, מיט בייטשן אין די הענט, די אַלוואַ-סעס חברה, בעבע יידעס לייט און ועל כולם שמואל בעטקע. דערוויילֿ האָבן זיך אין די עקן אויסגעשטעלט רעדלעך: באַזונדער אָביוואַטעלעס און באַזונדער יידן. פון אַלע זייטן הערן זיך פראַגעס און ענטפערס. דער עולם שמועסט זיך דורך אויף אַ וויטן מרחק.

— ווו ברענט?

— אין קאָפּיטאָוו.

— ניין, אין באָזשע-וואָליע.

— אבי ס'איז נאָר נישט אין שטאָט און ס'שאַדט נישט קיין ייד...

— מ'האָט טעלעפאָנירט קיין כשאַנאָוו נאָך פייערלעשער.

— אַז ס'איז אַ נעפל, מ'זעט נישט קיין רויך.

— וואָס וואַרטן זיי, די „ק״ק פּלווינער סטראַזש״? דאָס גאַנצע דאָרף וועט דאָך אַוועקגיין מיטן רויך!

דער עולם האָט פאַרלוירן דאָס געדולד. מ'האָט זיך געאיילט און גע-וואָלט שוין זען די פייערלעשער אָפּפאָרן מיטן גרויסן געקלאַפּערײ און געפילדער. די סטראַזש האָט זיך אָבער לאַנגזאַם אויסגעשטעלט אין רייען. די פּאָמפּן-מאַשינען זענען געווען איינגעשפּאַנט, און נעבן יעדן פייער-לעשער איז געזעסן אַ בעבע יידע אָדער אַן אַלוואַס און אַכטונג געגעבן אויף דעם געשפּאַן. ס'איז געוואָרן לאַנגווייליק. אַלץ איז געווען גרייט. נאָר איין זאַך האָט מען נישט געוווּסט: ווו עס ברענט. ירוחם אַלרייט

מיטן בענדל האָט אַרויפגעקלעטערט אויפן שפּיץ טורעם פון ראַטהויז, גע-קוקט דורך אַ „שפּאַקטיוו" אין אַלע זייטן און מיט רעזיגנאַציע אַראָפּגע-שריגן:

— נישטאָ קיין פייער, פּאַניע נאַטשעלניק!

ס'איז אָנגעקומען אין אַ קאַרעטע דער אויבער-נאַטשאַלניק קוקאָוו-סקי. ער האָט מיט די ווייסע הענטשקעס אַ פּאַבע געטון צו יאַוואָראַן און אָפּגענומען ביי אים ראַפּאָרט. דער שענקער האָט זיך אויסגעצויגן אין איין ליניע מיט זיינע אַרויפגעקעמטע וואָנסעס.

— אַלץ איז אין אָרדענונג, הער אָבער, נאָר קיין פייער זעט מען נישט.

דער אָבער האָט זיך ווייך אָנגעברוגזט.

— ווו איז דער נאַכט-וועכטער? ווער האָט דער ערשטער געקלונגען?

מ'איז געגאַנגען מאַכן אַ חקירה-ודרישה. דערווייל האָט גענומען שאַ-ריען אויף טאָג. פון דער בלויקייט האָבן זיך אויסגעשניטן די וועגן און מעשענע קאַשקעטן. דער נעפּל איז צעשוומען. איצט האָט זיך אויסגע-שפּרייט די געוועלבלעכע פּאַרטאַגיקע גרויקייט.

פּלוצים האָט זיך פונדערווייטנס באַוויזן אַ געשטאַלט. עס האָט גע-סאַפּעט און געגעבן צייכנס מיט די הענט. אַלע האָבן געוואַרט אין שפּאַ-נונג. ס'איז אָנגעלאָפן דער טויבער עזריאל.

— פּאַניע נאַטשאַלניק... דאָרטן אין עק... די „ספּולקע"...

דעם טויבן האָבן פאַרלאָזט די כוחות. ער איז געפאַלן אין חלשות. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. מ'האָט זיך געלאָזט צו דער „ספּולקע". דאָ איז אָבער נישט געווען קיין זכר פון פייער. דאָס וווּנדער איז געווען נאָך גרעסער.

באַלד האָט זיך אָבער אַלץ אויפגעקלערט.

פון פעדערהויז איז אַרויס פּנחסל שניט-סוחר און אויסגערופן מיט אַ פאַרצווייפלטער שטימע און פאַרבראָכענע הענט:

— מ'האָט באַגנבעט די „ספּולקע".

די יידן האָבן געבויגן די קעפּ צו דער ערד. עפּעס האָבן זיי זיך דאָ געפילט שולדיק. די אָביוואַטעלעס האָבן עס באַלד באַמערקט און גע-

וואַרפן אויף זיי בליקן פול מיט חשד. די פייערלעשער זענען אריין אין דער „ספּולקע" און באַטראַכט דעם חורבן. די פּאָליצעם פון שניט זענען געווען ליידיק. שטיקער האַרטע לעדער, שיך און וועש האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע. אָן אַ זייט איז געלעגן מיט אַן אָפענעם בויך די קאַסע. אינמיטן דערינען האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען: „אַ יעזו!" דאָס האָבן די פּאַננעס פון „קאָמיטעט צו פאַרפּוילישן דעם האַנדל" פון גרויס פאַרצווייפלונג זיך געהאַלטן מיט די הענט ביי די קעפּ.

ביי די יידן האָבן געפלאַמט די פּנימער, ביי אַ טייל אָבער איז געוואַקסן די צופרידנקייט. די שפּייז-קרעמער און שניט-סוחרים האָבן אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן, אַז זיי זענען יידן: רחמנים און גומלי-חסדים, און ס'האָט זיי באַהערשט אַ מין נקמה-געפיל: די „ספּולקע" איז אַצינד אויס אויף אַ לאַנגער צייט, נישט פּעאיק צו קאָנקורענץ.

פּייוויש דעם אַלטן רבס האָט געטראַכט: אַזוי איז, אַז מ'וויל אַלץ פאַרכאַפּן מיטאַמאָל. נישט זיי צאָלן די אמתע שטייערן, נישט זיי ווייסן פון ליציטאַציעס. באַקומען קרעדיט פון דער שטאָט-קאַסע און האָבן דעם הורט-מאָנאָפּאָל פון טאַבאַטשנע אויף פּלוינע.

די שמחה איז אָבער געשטערט געוואָרן.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן רעוויזיעס ביי די סוחרים. די חרפּה איז געווען גרויס און די שאָדנס נישט קלענער. די סחורה אין די געוועלבער איז געוואָרן אויפגעפּאַקט און צעוואָרפן איבער די טישן.

יוקל שניידער און אַלטער אַלוואַס האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן די יידישע באַליידיקונג און אויף אייגענער אחריות אָנגעהויבן מאַכן אַן אויספאָרשונג. ווי געניטע דעטעקטיוון זענען זיי אַרומגעקראָכן פון הויז צו הויז אין בעטקע-געסל צווישן די ציגעלניקעס און שטיינהאַקערס און טאַקע דערשנאַפּט.

דאָרט האָט מען זיך שטילערהייט געקריגט ביי דער חלוקה: ווער ס'האָט באַקומען אַ פּאָר שיך, ווער אַן אָנצוג און ווער פּאַפּירלעך.

אָבער איידער יוקל און אַלטער האָבן באַוויזן די זאַך באַקאַנט צו מאַכן, האָט אין קירך־גאַס זיך צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז די סאָציאַליסטן האָבן באַגנבעט די „ספּולקע". נישט געוווּסט האָט מען וועלכע סאָציאַ־

ליסטן: צי די פון „זוויאַנזעק” אָדער די פון בעטקע־געסל. נישט לאַנג געטראַכט, האָט ס׳גייעס זיך א לאָז געטון צו דעם אַלטן בעטקע־הייזל, אויפגעריסן דעם נאָדל־פאַראיין און כהרף עין איז געוואָרן אַש און שטויב פון דער גאַנצער חברישער באַלעבאַטישקייט און פריוואַט־אייגנטום פון פאַראיין. די שטאָט איז דערפון געוויר געוואָרן, און אַלעמען האָט עס אונטערגעהויבן. אפילו חסידישע באַלעבאַטים האָט עס פאַרדראָסן, כאָטש זיי האָבן געהאַט א סך אַנצוווענדן קעגן די מחללי שבת בפרהסיא. גע־ווּסט האָבן זיי ביי זיך לויטן חוש־הרגשה, אַז חברה קוימענקערער זענען דערין נישט שולדיק און אַז מיינען מיינט מען צו טרעפן דעם כלל יידן, אין וועלכן מ׳רעכנט אַריין די קוימענקערער...

פון שעה צו שעה איז געוואָרן אומהיימלעכער. די באַאַמטע פון מאַ־גיסטראַט און אַביוואַטעלעס זענען אַרומגעגאַנגען מיט זויערע מינעס און נישט באַמערקט, ווי יידן ציען פאַר זיי די היטלען. א סך האָבן באַדויערט, וואָס עס האָט זיך אין זייערע הערצער דערוועקט אויף א ווײַלע א געפיל פון נקמה, און געקלערט האָט מען ווי אַזוי יענע מפיס צו זיין. פנחסל שניט־סוחר האָט געהאַט א פאַרגעפיל פון נישט גוטס. איז ער דאָך גע־ווען דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגעזאָגט די בשורה. ער האָט גענומען א ספר, איז אַוועק אין שטיבל אַריין און נישט אַהיימגעקומען אויף מי־טאָג. פייוויש, וואָס האָט געווינט אַקעגנאַיבער דער „ספּולקע”, האָט פאַרמאַכט די לאָדנס פון פענצטער און געלאָזט אָפן נאָר א האַלבע טיר פון געוועלב. אויך יאַנטשע געוואַזער האָט עפּעס דערשפּירט פונדער־ווייטנס. ער האָט איבערגעריסן דאָס מישן פון די פאַרבן און איז אַרויף צו לוין דעם שוואָגער געוויר ווערן, וואָס ס׳הערט זיך מיט דער חברה „שלום ושלווה”. פון די טאַנדייטער־וואַרשטאַטן זענען אַרויס די חברים פון נאָדל־פאַראיין, די נאָדלען פאַרשטעקט אין די קלאַפּעס, און געלאָזט זיך, גרייט צום קאַמף, ראַטעווען דעם פאַראיין. נאָך זיי האָט זיך געלאָזט יוכבד מיט אירע לערנמיידלעך. זי איז געווען באַגאָסן מיט א ראָזיקער בלאַסקייט. צוויי קלעפּ האָבן זי געטראָפן: דאָרטן, אין וואַרשע, זיצן די חברים און וואַרטן, און דאָ צעשטערט מען זייער קאָלעקטיוו אייגנטום. יוכבד איז גרייט זיך צו שטעלן אין קאָן און באַשיצן דעם פאַראיין. ווייסן

דאָס די שוועסטערן און האָלטן זי אָפּ, ווי דעמאָלט ביינאַכט, ווען ס'איז געקומען דער אומבאַקאַנטער שליח. ביי בעטקעס הייזל זענען די חברים אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד פון אַנדערע פּראָלעטאַריער...

אויף די שוועלן פון די יאַטקעס שטייען קצבים און קריצן מיט די ציין. אַקעגנאַיבער רעווידירט מען יידישע געוועלבער. די אָביוואַטעלעס העלפן צו. ברענט אין האַרץ אַ פייער און די פויסטןביילן זיך. וואָלטן די פּלוינער קצבים נישט געווען אין גלות, וואָלטן זיי שוין איינמאָל אָנגע-לערנט די „ספּולקע"-לייט. דעסגלייכן שימעלע פּשעניצעס, דער פּלוינער ברייטבאַרד. כאָטש פינף און צוואַנציק חלוצים ווען ער האָט מיט זיך, וואָלט ער געטון דאָס זעלבע, וואָס שמעון און לוי האָבן געמאַכט מיט די איינוווינער פון שכם. זענען אָבער די חלוצים אין באָזשע-וואָליע און ער מוז וואַרטן נאָך דריי חדשים, ביז מען וועט אים אָננעמען אין קיבוץ אַריין. דערווייל איז ער נאָך נישט ראוי צו רייניקן די שטאַלן ביים פּריץ, וואָס האָט דעם טאַטן זיינעם אָנגעזעצט זעקס טויזנט גילדן. מוז ער אַלץ נעמען פאַר ליב און טרייסטן זיך, אַז ארץ ישראל וועט פאַרט זיין אונדזער.

די שטאָט האָט זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן. איין לאַגער האָט באַשולדיקט און דער אַנדערער איז געווען באַשולדיקט. איז מען אַרומ-געגאַנגען מיט פאַרזאָרגטע פּנימער און געטראַכט:

— ווער ווייסט מיט וואָס פאַר אַ גזירה ס'וועט זיך ענדיקן.

אָבער פּלוצים, אומגעריכט, איז געקומען די ישועה, און פּלוינע האָט פריי אָפּגעאָטעמט. פון מאַגיסטראַט זענען אַרויס אַלטער אַלוואַס און יוקל שניידער און געפירט פון ביידע זייטן דעם סערזשאַנט אַראָפּ צום שעכטהויז-צו. לויטן גאַנג און דער נצחון-מינע פון די אונטערפירערס האָט מען געזען באַשיינפּערלעך, אַז דאָ גייט די פּלוינער גערעכטיקייט, פאַרקערפּערט אין יוקלען מיט אַלטערן.

די זאַך איז קלאָר געוואָרן און די אָביוואַטעלעס האָבן זיך שטאַרק פאַרשעמט.

טאַקע אינדעראמתן, ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט בחינם חושד זיין דעם כלל יידן. האָבן זיי אָפּגערוימט די טראָטואַרן און אַ סך האָבן זיך געלאָזט צו יאַוואָראַן. דאָרטן, ביים קלאַנג פון די גלעזלעך, האָט מען גע-

שטילט דעם פארדראָס צו די יידן, פאַרוואָס יענע זענען אזוי ביטרע און ווייסן זיך ארויסצודרייען פון יעדער לאַגע...

דערווייל האָבן די מיליציאַנטן, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אבלים, אָנגעהויבן מאַכן רעוויזיעס ביי די ציגל-אַרבעטער. גאַנצע צוועלף גייעס האָט מען געלאָזט זעצן, פון די ווייבער האָט מען אַראָפּגעצויגן זאַמשענע פאַנטאָפל און נאָך אַנדערע זאַכן. בשעת-מעשה האָבן זיך די מיליציאַנטן גאָר שטאַרק געררויטלט. פּיזוויש האָט צוריק געעפנט די לאָדנס פון דעם געוועלב און איצט האָט ער איינגעזעצן אָן מורא געשאָקלט מיטן קאָפּ צו די פּאַננעס פון דער „ספּולקע", וועלכע זענען מיט ברוגזע מינעס אַהיים-געגאַנגען.

יידן האָבן פאַרגעסן אָן דעם שאָדן, וואָס די „ספּולקע" האָט געליטן און געהאַט נקמה האָט מען אָן די אָביוואַטעלעס, וואָס דאָס שלעכטס, וואָס זיי האָבן געטראַכט ווענן יידן, איז נישט מקוים געוואָרן...

ס'איז געווען איינע פון די זעלטנסטע נקמות, וואָס פלוינע האָט ווען עס איז געהאַט...

# על הראשונים אנו מצטערים

גראַבסקיס גזירות האָבן זיך כסדר געמערט. אָבער די אייביקע בעלי־בטחון פון פּלוינע האָבן זיך דאָך געפונען אַ טרייסט. אַ טייל האָבן גאָר געטראַכט: אָ, ס׳וועט זיי פאַרמיאוסט ווערן. לאָמיר געדולדיק וואַרטן.

הינטער די שויבן־טירן פון די געוועלבער זענען געזעסן די סוחרים און גלייכגילטיק געקוקט, ווי דאָס געלע וועגעלע, געשוואָלן ווי אַ באַרג, מעסט אויס די פּלוינער גאַסן, געסלעך און הייפלעך, — אַט אַן אונטערגאַנג, אַן עפּידעמיע!

אָוונט־צו ווערט דאָס געווער שטיבל פול מיט חסידישע באַלעבאַטים.

קומט מען אָנגעזאַפּט מיט זאָרגן און מ׳כאַפּט אַ שמועס וועגן טאָג־זאַכן. טיילט מען זיך מיט אַנדערע, ווערט גרינגער אויפן האַרץ, שעפּט מען כוח צו דעם מאָרגנדיקן עול.

דער ראש־המדברים איז, ווי תמיד, פּנחסל שניט־סוחר. אין שטאָט וויסט מען, אַז ער האַלט ביי פאָרן קיין ארץ ישראל, ער לייגט אָבער אָפּ יעדעס מאָל די נסיעה, וואַרט אויף עפּעס; אויף וואָס — קאָן קיינער נישט זאָגן. גייט ער פון רעדל צו רעדל און וואַרפט אַריין זיין חות־דעת.

— דאַכט זיך, יידן, איך ווייס, עס ווערט אַביסל שטילער, האַ?

דעם יושב־ראש פון די פּלוינער „שלומי־אמונה" ווערט ליכטיק אין די אויגן, שמייכלט ער:

— געלויבט השם יתברך, אַבי ס׳ווערט, דאַכט זיך, רואיקער. וועט ווערן אויס בהלה און אויס געלויפעריי. וועט מען אויפהערן אומגליקלעך צו מאַכן מענטשן.

יאַנטשע געוואַזער פאַרשטייט באַלד די כוונה פון חיים שיקאָרעס ווערטער: דאָס מיינט מען זיין חברה „שלום ושלווה". ער האָט טאַקע אַריינגעבראַכט אַ סך געלט אין דער חברה, פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט

מזלזל זיין מיט דעם ענין. נעמט ער זיך זיי אויפווייזן, אז לא דובים ולא יער — עס הייבט זיך גארנישט אן.

—איר האט א טעות. די זעלבע צאל ליציטאציעס, וואס פריער, אפשר נאך מער.

— ס'איז אבער פארט, דאכט זיך, נישט דאס.

— אוודאי... יעדן טאג נייע אויפטועץ, ווי אזוי צו דערשטיקן דעם ייד. נאר — גארנישט, מ'געוויינט זיך צו.

פנחסל האלט מיט געוואזערן, רופט ער זיך אן פשרהדיק:

— א ייד — על כל צרה שלא תבוא, זאגט ער — גם זו לטובה.

דער אגודהניק לאזט זיך אבער נישט און רעדט ארויס בקול רם אזוי, אז אלע זאלן הערן:

— און דארטן מיינט איר איז בעסער? אין די גימנאזיעס לערנט מען תורה אן די היטלען, און די חלוצים מיט די חלוצות...

— דו, דו, — פארלויפט אים פנחסל אינדערמיט — זיי נישט קיין הולך רכיל.

ס'קומט אונטער דוד מאיר, דער מקובל, און ווארפט אריין זיין אפגעהאקטע מיינונג:

— אין גער האט מען גוזר געווען!

*

פנחסלס איידעם האט זיך אנגעכאפט אן שווערס רייד. ער האט פארשטאנען בחוש, אז איצט איז געקומען די ריכטיקסטע צייט, ער זאל זיך נעמען צו דעם אמתן תכלית. און דאס, וואס די פאליצעס אין אלע געוועלבער ווערן ליידיקער און שפייז-קרעמער און גאלאנטעריע-סוחרים פארן קיין ווארשע מיט בלעכן מילך און קיישעלעך פלייש און פוטער, איז גראד זייער גוט פאר אים: ס'וועט זיין ווייניקער קאנקורענץ. אין שווערס האלבן הויז אין באנגעסל האט מען אויסגעהאקט א טיר פון א פענצטער, דער הורטאוניק האט צוגעשטעלט א ביסל סחורה, און דאס פארפאלק איז געווארן פארזארגט מיט א תכלית. ס'האבן זיך געפונען גוטע מענטשן, וואס האבן געטענהט, אז איצט, נאכן באגראבן די „ספול-

קע", וועט זיך פנחסלס איידעם אפשר „דאַראַביען". פּייוויש דעם רבס אבער און יאַנטשע געוואַזער האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס און גע- מורמלט: „על הראשונים אנו מצטערים ואתה בא להוסיף עליהם..."

ס'איז פּונקט געווען דעמאָלט, ווען לויס גוף, פאַרלאָזט פון דער נשמה, וואָס האָט געשוועבט צווישן טייטל־ביימער און פּרדסים, האָט געמוזט נאָכטועו אַלע קרעמער פון דער פערטער קאַטעגאָריע פּאַטענטן און צושטעלן די סוחרים אַרום דעם אייזערנעם טויער פוטער און פלייש אין די שטיבער אריין. געוויר געוואָרן וועגן דעם נייעם געוועלב, האָט לוי א בלאָסער זיך אָנגערופן צו וואַלדמאַן דאָזער:

— ס'איז אַ בגידה אקעגן דער יידישער אומה אריינצוליייגן קאַפּי- טאַל אין א גלות־פּרנסה, אַנשטאָט אין ארץ־ישראל־ערד.

ביי די מאַשינען אין די וואַרשטאַטן פון די טאַנדייטערס זענען גע- זעסן חברים און געפירט א דיסקוסיע וועגן דעם נייעם געוועלבל. אָן אַ זייט שטייען די מייסטערס און מאַכן זיך תמעוואַטע, ווי נישט זיי וואָלטן געשטיצט דעם קאַפּיטאַל און אָפּגעהאַלטן די נייע אָרדענונג, וואָס דאַרף אין גיכן אָנקומען.

גרויס איז געווען דאָס וווּנדער פון די אָביוואַטעלעס. די מיטגלידער פון „קאָמיטעט צו פאַרפּוילישן דעם האנדל" האָבן געשמייכלט און זיך געדרייט מיט צופרידנהייט די וואָנסעס. רופט זיך אָן דער פּאַן סענדזשע:

— הע, הע, די יידעלעך איז עפּעס גאַרנישט צו באַגרייפן. זיי זע- נען, דאַכט זיך, קלוג און עפענען זיך דאָך אַ נייעם „האַנדעל", ווען מיר ווייסן, אַז זייערע געשעפטן זענען פאַרמשפּט אונטערצוגיין.

בילישעוויטש, דער פּרעזעס, הויבט אָן צו טראַכטן און פון גרויס אַנגעשטרענגטקייט זעצן זיך אים אַזש טראָפּנס שווייס אויפן שטערן.

— מאָיא ראַציאַ איז, צו שאַפן קרעדיט פאַר דער „ספּולקע" און איבערנעמען עפּעס אַ נייעם מאַנאָפּאָל. מ'וועט מאַכן, אַלע געוועלבער זאָלן זיין איבעריק.

בילישעוויטש האָט זיך מיטן אַרבל אָפּגעווישט דעם שווייס און זיך אַ פאַרמאַטערטער אַוועקגעזעצט. איצט איז געקומען די ריי אויפן פּאַן סעקרעטאַזש. דער בירגערמייסטער איז נישטאָ, קאָן ער רעדן גאַנץ אָפן.

בילישעוויטש האָט אַ פּויערישן שׂכל. ווי לאַנג איז, זינט ער איז אַן אָבי־וואַטעלץ ער, דער סעקרעטאַזש, האָט אַן אַנדערן פּלאַן.

— אָביוואַטעלעס! מיין מיינונג איז: בכדי די „ספּולקע״ זאָל קאָנען איבערנעמען דעם האַנדל פון די יידן, דאַרף מען אַרויסגעבן אַקציעס. מיר וועלן בעטן דעם גלח. דערנאָך וועט מען גיין אין די דערפער פאַרשפּרייטן די אַקציעס און אין שטאָט אויך. און איך זאָג אייך, — דער סעקרעטאַזש האָט ביטערע געשמייכלט — די יידן אַליין וועלן קויפן אונזערע אַקציעס. די „ספּולקע״ מאַכט קיין אונטערשיד, פאַרקויפט אַלעמען סחורה: אַ קאַ־טאָליק אָדער אַ ייד. דער ראַבין וועט אונדז ביי הילפיק זיין, פּונקט ווי דעמאָלט, בשעת די וואַלן. איך וועל דאָס שוין מיט אים דערליידיקן. מאָרגן וועט ער קומען וועגן די מעטריקעס.

בילישעוויטש האָט געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ אויפן סעקרעטאַזש, און געטראַכט האָט ער: נישקשה, מיין זון וואַצעק וועט אויך זיין אַמאָל אַ געבילדעטער מאַן. אַט טראָגט ער שוין אַ ווייס היטעלע און פאָרט יעדן טאָג מיט אַלע אַקאַדעמיקער קיין וואַרשע. ווער ווייסט, ווער ס'קאָן נאָך אַמאָל זיין פלוינער סעקרעטאַזש. און בילישעוויטש שאָקלט צו מיטן פלאַקסענעם קאָפּ: וואַרט, ברודערל פּאַן: ס'וועט נאָך קומען אַ צייט. וואַ־צעק וועט אונטערוואַקסן... פון די פּויערים וועלן ווערן פּאַנעס...

*

צו מנחה־צייט איז אין דער גרויסער שול געוואָרן אַ שטאַרק גערו־דער. יוקל שניידער און אַלטער אַלוואַס האָבן די ערשטע זיך אַוועקגע־שטעלט מיט אַ היתכן — אַזאַ זאַך זאָל זיך פאַרלויפן אין פלוינע: הייסן יידן קויפן אַקציעס פון דער „ספּולקע״, האָט דער רב פאַר „ובא לציון גואל״ אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער:

— ס'איז גלאַט אַזוי. אַבי נישט איינצוריייסן מיטן מלכות.

האָבן זיי אָבער נישט באַגריפן, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מל־כות מיט דער „ספּולקע״, און ירוחם אַלרייט מיט זלמן איטשע קאָניאַזש האָבן געמטון אַ שמאַרקן קלאַפּ אויפן בעלעמער. האָט דער רב פאַרשטאַ־נען, וואָס מען מיינט, און איז אַוועק פאַרן „והוא רחום״ און נישט גע־וויזן זיך אין שול אַריין ביז שבת.

געשלאָגן קאַפּיטאַל האָבן אַצינד די קעגנער פון יעדן קאַפּיטאַל. די חברים פון נאָדל-פאַראיין האָבן געפונען נאָר א שפּאָגל נייעם באַווייז פאַר זייער אידעע: די יידישע גבירים מאַכן שלום מיט דער פּוילישער בורזשואַזיע. האָבן זיי צום צענטן מאָל געדרונגען, אַז אויך די יידישע אַרבעטערשאַפט דאַרף זיך פאַראייניקן מיטן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט צום אַלגעמיינעם קאַמף. איין צד איז געווען שוין גרייט. ס'האָט אָבער נישט געוווסט, ווי אַזוי זיך מיט יענע צונויפצורעדן. סענדערל האָט געראָטן פּאַרזיכטיקייט. ווייל אויסער פּראָלעטאַריער, זענען זיי דאָך שקצים, וואָס האָבן נאָך געוויסע נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן. איז געבליבן צו וואַרטן אויף דער צוקונפט.

דער פאַן סענדזשע אָבער גייט אַרום אַ פאַרזאָרגטער: וואָס גיבן עפּעס יידן געלט אויף דער „ספּולקע?"

— אָ, מיינע פריינד — האָט ער דעם זעלבן אָוונט געזאָגט אויף דער פאַרזאַמלונג, — די יידן זענען כיטרע. זיי האָבן דערביי אַ מיין. כ'שטעל אַ פאָרשלאָג צו זיין אין דער צוקונפט פאָרזיכטיק און נישט נע־מען ביי זיי קיין געלט אויף פּוילישע צוועקן.

די מיינונג פון פאַן סענדזשע איז אַלעמען אַריין אין די מוחות. פאַר די אויגן האָט געשוועבט אַ גרויסע סכנה. איבערהויפּט האָבן זיך געשראָקן די דאַמען. ס'האָט קיינער נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס מיינען דערמיט די יידן? מיט אַ מערהייט שטי־מען איז באַשלאָסן געוואָרן די יידן דערווייל נישט צו פאַרקויפן קיין אַק־ציעס.

*

אויף דער שוועל פון נייעם געוועלב שטייט פּנחסלס איידעם און קייט ליידנשאַפטלעך דאָס שפּיץ בערדל. דאָס פּנימל, געל ווי וואַקס, קנייטשט זיך אין פאַלדן ביז צו די מייזלשע אייגעלעך, וואָס זוכן ערגעץ אַ לעכל, וווּ זיך צו באַהאַלטן. די אייגעלעך בלאָנדזשען, בלאָנדזשען, ביז זיי פאַלן אויפן בופעט. דאָרטן ליגט דאָס לאַנגע בוך, וואָס ווערט אַלע טאָג געשוואָלענער פון די פרישע חובות. פון דעם לאַנגן בוך פאַלן די אייגעלעך אויף די פּאָליצעס, ערשט נישט לאַנג געמאָלטע מיט אייל־

פארב, ווי די קאָמיסיע האָט באַפוילן. דעסגלייכן די שוועלן, צעמענטענע שוועלן. אַזוי ווי זיי האָבן פאַרלאַנגט — דער אַריינגאַנג זאָל זיין באַקוועם, אויך די וואָג איז געשטעמפּלט, אָבער די פּאָליצעס זענען ליידיק, פּונקט ווי אין אָנהייב, ווען דער סטאָליער האָט זיי געמאַכט. וואַרטן די פאַכן מ׳זאָל זיי אויספילן. פאַלט אים איין אַ חוזק-געדאַנק: נעמען און אויס־פילן די פאַכן מיט די קוויטעס. דאָ איז אומזאָץ, דאָרט — הכנסה און דאָ ווידער דער צוגאָב-און שילדן-שטייער.

פאַרן געוועלב גייט דורך בנימין מלמד. ער האַלט עפּעס פאַר־שטעקט אין אַרבל. מסתמא אַ סידורל. בנימין מלמד גייט אַרום אָפּלער־נען איבער די הייזער. און אים, פּנחסלס איידעם, פאַלט איין אַ רעיון: אַצינד, נאָכדעם ווי דאָס וועגעלע וועט קומען און צונעמען די ענגלישע וואָג און די פריש-געמאָלטע פאַכן, אַזוי, אַז בלייבן וועט בלויז די צעמענ־טענע באַקוועמע שוועל און די שילד מיט זיין ביינאָמען — אַצינד — יאָ... עס בלייבט אים נישט צו טון מער, ווי בנימין מלמד — אַ מלמדות! די שוויגער וועט מעגן ביטערן: די שונאים „פּאַטשן זיך אין די בייכער" פאַר גרויס שמחה און נעמען נקמה אָן די איציק לייבס.

און אָט אַזוי טראַכטנדיק און קייענדיק דאָס שפּיץ בערדל, ווערט פּנחסלס איידעם, אָנגעשפּאַרט אויפן חובות-בוך, פאַרטראַכט־צו אַנדרימלט.

# די חמץ-אַקציע

די פּייכטע ערד אַרום פּלוינגע האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ גרין הייטל און דערטראָגן צו דער שטאָט אַ פעטן ריח פון דעם פונאַנדערגעוואָרפע-נעם מיסט איבער די פעלדער. די גערסלעך און הייף זענען געוואָרן טרוקן, באַהויכט פון יונגע פרילינגס-ווינטלעך, וואָס האָבן זיך דורכגעטראָגן אַזוי לייכט, ווי קינדערישע חלומות.

אין די נעכט האָט אַ העלע, בלוילעכע ליכטיקייט זיך פונאַנדערגע-גאָסן איבער דער שטאָט און די פולע לבנה איז געזונקען אין טייך און אַלע ווײַלע זיך אָנגעכאַפּט, ווי אַ טרינקענדיקער, אָן די שיטערע, ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין זיין בלויער טיפעניש.

*

פון ערגעץ אַ פעדערהויז קומט אַרויס אַ ייד מיט אַן עמער אין דער האַנט. ער מיידט אויס די אָפענע ברונעמס אויף די הייף און גייט צו דער שטאָטישער פּלומפּ. דורך טיר און פענצטער טראָגט זיך אַ היימיש געהאַקעריי און קלאַפּעריי, באַגלייט פון פאַרשידענע ריחות און קולות.

פון אַ זייטיק געסל קומט אַרויס עטל, יוכבדס שוועסטער. זי גייט געאָרעמט מיט קלמן איינבינדער. אירע בלויע אויגן פינקלען. דורך די צוויי חדשים איז ביי איר פאָרגעקומען זייער פיל וויכטיקע נייעס. קלמן ווייסט עס נאָך נישט. זאָל זי אים שוין זאָגן, אַז איצט איז זי שוין מסכים צו גיין לעבן מיט אים אָן וועלכע ס'איז אויסרעכענונגען? יאָ, אַזוי דיקטירט איר דאָס האַרץ. קלמן איז דאָך אַ העלד, איר, עטלס, העלד. קלמן פילט דאָס אָבער נישט. און אפשר פילט ער דאָס יאָ, און מאַכט זיך סתם נישט וויסן...

עס שפּאַצירן אַצינד אויך ליובע מיט מאַטיאַסן. זי גייט מיט פּאַ-מעלעכע, אַריסטאָקראַטישע טריט און ער אַ ביסל אָפּגערוקט פון איר, די

נאָענטקייט זאָל נישט אויסקומען צו באַנאַל. ער רעדט דאָך עפּעס אַצינד וועגן נאַטורוויסנשאַפט, און ליובע פליסט זיך צו געדענקען אַלץ, וואָס זי הערט פון אים. דאָס נייע וואָרט איז: בעלשע. איז טאַקע פאַראַן ליבע צווישן בלומען? ליובע קאָן דאָס נישט באַגרייפן, און נאָך אַ זאַך פאַרשטייט זי נישט: אַט צום ביישפּיל — מאַטיאַס. ער איז דאָך שוין עפּעס אויס פלוינער, אַ גאַנצער וואַרשעווער. נו, ליבט מען זיך טאַקע אַזוי אין וואַרשע אויך?... מען האַלט אין איין רעדן וועגן ביכער? ווען זשע ווילט מען זיך אין די טעאַטערן? ווען גייט מען אין די אַלעיען? און ליובע פילט, אַז עס איז איר זייער שווער פונאַנדערצוקלויבן זיך אין דעם פּראָבלעם פון ליבע.

ס׳ווערט אַ געגייעריי אין שול אַריין. פייוויש דער קאָלאָניאַל־סוחר איז לעצטנס ביי זיך זייער געפאַלן, גייט ער דאָס יאָר נישט אין שטיבל אַריין. יעקב געוואַזער האַלט ביים אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט ער באַשלאָסן דאָס מאָל צו גיין אין שול אַריין צוזאַמען מיט די שטאָטישע מענטשן. ציט זיך אַ שורה יידן אין שול־געסל אַריין. גייט דער פּראָסטער עולם, גייען חשובע באַלעבאַטים. גייען חסידישע יידן איינציקווייז, נעלאָסן און איינגעהאַלטן, אָן איבעריקער יום־טובדיקער שמחה. לכבוד פּסח פּרוווט מען דאָך אַראָפּוואַרפן די פּעק וואָכעדיקע צרות, לאָזן זיי זיך אָבער נישט, זענען צו שווער, הערט זיך אַ זיפץ, גיט עמעצער אַ קרעכץ, כאַפּט מען זיך, אַז ס׳איז זמן־שמחתנו און מ׳טאָר נישט אַריינפאַלן אין עצבות.

*

אין בעטקעס־געסל איז אַ געגייעריי פון חברים. דאָס מאָל איז דאָס פאַרחושכדיקע געסל אויפגעשטאַנען קעגן דער שול־גאַס, מורד געווען און דערקלערט מלחמה. גייען יונגען, גייען חברטעס אין פאַראיין אַריין. פילן זיי אַלע, אַז ס׳איז יום־טוב און גרייטן זיך שטאַרק צום טיי־אָוונט. ווערט אַלץ געטון מיט אַ ברען און מיט אַ רגש־היראה פאַר דער הייליקער זאַך:

די ערשטע חמץ־אַקציע אין פלוינע!

אונטער די טיכלעך פון די חברטעס קלינגען טעלערס, לעפל און גאָפּל, און יוכבד מיט די שוועסטערן טראָגן איבער דאָס גאַנצע מיידלשע ווירטשאַפט אין פאַראיין אַריין. טאָפּלט איז די שמחה: אי מ׳האָט די

חברים באפרייט, אי ס'איז פסח, דער פריילעכסטער יום-טוב, און דאַ קומט באַלד אָן דער ערשטער מאַי, דער טאָג פון פרייהייט.

איז אָבער פאַראַן אַן אויג, אַ נישט פאַרגיניק אויג, וואָס טוט אויף אַלעם אַכטונג. ווערט דעם סערזשאַנט פאַרדעכטיק דאָס געלויפעריי פון די „טשעלאַדניקעס" אין בעטקע-געסל, ווען לויט זיין שכל נאָך, דאַרפן זיי איצט זיין גאָר אין שול. גייט ער צו אַ פענצטער, קלאַפּט אָן. קומט אַרויס סאַמנער מיט אַן אויפגעשטעלטן קאַלנער, מיט אַן אַראָפּגערוקט היטל ביז איבער די אויערן און רוימט אים עפּעס איין אין אויער, עפנט דער סערזשאַנט אַ פּאָר שרעקעוודיקע אויגן, שאָקלט צו מיטן קאָפּ און גייט אוועק אויפן מאַרק צום לעצטן הייזל. דאָרטן הענגט אַ שילד מיט אַן אויפגעמאָלטער שאַנק. לייענט ער איבער דעם נאָמען און ביינאָמען און שטעלט זיך אַוועק קעגנאיבער אויף דער צווייטער זייט וואַרטן. זעט ער ווי פון דעם הייזל גייען אַרויס מיידלעך און טראָגן עפּעס געהיימס. נאָך זיי גייען חברים, זיי פאַרקירעווען זיך צום בעטקע-געסל. וואַקסט ביי אים דער חשד. פאַרשטייט דער סערזשאַנט, אַז מען טאָר נישט וואַרטן, גיט ער באַלד אַ פייף. קומען אָן צוויי מיליציאַנערן און אַלע דריי גייען אַריין צו ליפען דעם סטאָליער, האַלטנדיק די הענט ביי דעם געווער. צוערשט זוכן זיי אין וואַרשטאַט, דערנאָך צווישן די וועש און אונטער די בעטן. דאָ באַמערקט דער סערזשאַנט עפּעס אַ צייכן פון בלוט. די אַנטדעקונג איז געווען אומדערוואַרט און שרעקלעך. די האָר האָבן זיך ביי אים אויפגעשטעלט, ווי ביי אַ יעזש, און דאָס פּנים האָט געהאַט דעם אויסדרוק פון איינעם, וואָס האָט ענדלעך אַנטדעקט אַ שרעקלעכן פאַרברעך. אַ מיליציאַנער האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַלע פיר, אַרונטערגערוקט זיך אונטערן בעט. דער סערזשאַנט האָט געקוקט אויף זיין הינטערשטן חלק מיט גרויס דערוואַרטונג. ביז יענער האָט ענדלעך אַפּערגעצויגן — צוויי הינדלעך מיט אָפּגעהאַקטע קעפּלעך אויפן קיילערישן שטייגער. דער סערזשאַנט האָט אַזש אַ ציטער געטון. ער האָט געוואָרפן אויף ליפען אַ נצחון בליק.

— אַזוינער ביסטו! אַליין קוילערסטו, אָן דעם „זשעזאַק". אויב אַזוי, וועט מען ביי דיר געפינען נאָך עפּעס.

ליפע קלערט-אויף דעם סערזשאַנט:

— פּאַניע סערזשאַנטשע! ביי אונדז יידן איז אַזוי ווי ביי אייך קריסטן. ווער ס'איז פרום, און ווער — נישט. גלייך ווי ביי אייך.

— אָבער אַליין שעכטן, אָן אַ חלף, אַזוי גלאַט מיט אַ האַק. דאָס האָט נאָך קיין איין ייד נישט געטון אין פלוינע.

און דער סערזשאַנט דונערט אַרויס:

— דו ביסט אַ געפּערלעך פייגעלע. — העי, וואַלענטי, גיב נאָר אַ גוטן זוך אויף די שענק.

ליפע דעם סטאָליער האָט די רעוויזיע אין אָנהייב אויסגעזען ווי עפּעס אַ קאָמישע מעשה, וואָס ער האָט באַשלאָסן שפּעטער צו דערציילן אין פאַראיין. אַצינד אָבער איז ער געוואָרן אומרואיק. דאָס עסק האָט אים אויפגעהערט צו שמעקן. אמת, ער פרעגט נישט נאָך קיינעם, נישט ער דאַרף אָנקומען צו דער שטאָט און נישט ער האָט מיט די קלעריקאַלן אַ מגע-ומשא. אָבער סקאַנדאַלן האָט ער בטבע נישט ליב. בעסער נישט האָבן צו טון מיט דער שוואַרצער באַנדע. איבערהויפּט ווען די פּאָליציי הייבט זיך אָן צו מישן. וויל ער פאַרטרייבן די גאַנצע געשיכטע און באַ-קלערט שוין אַ פּלאַן.

— פּאַניע סערזשאַנטשע...

אָבער אין דער מינוט האָט וואַלענטי אַראָפּגעצויגן פון דער שאַנק עפּעס לענגלעכדיקס און שמאָלס, פאַרדעקט מיט צייטונגען. פון אונטערן פּאַפּיר האָט געשלאָגן אַ פּאַרע. ביי ליפּעס ווייב איז פאַרפלאַמט געוואָרן דאָס פּנים, זי האָט פאַרן סערזשאַנט אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט די אויגן. דער סערזשאַנט האָט אָנגעקוקט דעם „קאָרפּוס דעליקטי", מיט פאַרדאַכט געטראַכט אַ ווײַלע, דערנאָך זיך דעצידירט און מיט דעם שפּיץ פון זיין באַגנעט אויפגעדעקט דאָס געהיימנישפולע.

אַ וואַרעמער, זיסער ריח האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין, גערייצט די נאָזלעכער און אַ וועק געטון דעם אַפּעטיט. ליפע מיטן ווייב זענען געשטאַנען אין אַ פאַרלעגנהייט. פון זייערע נישט היימלעכע מינעס האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די זאַך איז נישט אין אָרדענונג און מיט דעם קעזקוכן ווערט אָפּגעטון אַ פאַרברעכן. אויפן סערזשאַנטס שטערן האָט

זיך באווייזן א קנייטש. ס'איז אים קשה געווען צו פארשטיין, וואס פאר א שייכות האט דער קעזקוכן מיט די קוימענקערער... אבער באלד האט ער זיך געכאפט, אז היינט איז „וויעלקאנאץ" ביי די יידן.

— טעגא זשידאם ניע וואלנא. טא או ניך חומעץ...

— פאניע סערזשאנטשע — האט זיך ליפעס ווייב אנגעהויבן צו בעטן.

ער האט אבער נישט געלאזט צו זיך רעדן, געווען צופרידן מיט די רעזולטאטן פון דער רעוויזיע.

— וואלענטי, נעם די געקוילעטע הינדלעך מיט די אפגעהאקטע קעפ־לעך, און דו, וויִנצענטי, נעם דעם קעזקוכן. קומט צום ראבין. די יידלעך „מאדליען" זיך אצינד.

ליפען איז געווארן פינצטער פאר די אויגן. ער האט געפילט, אז דאס וועט אוועקהרגענען דעם טאטן, דוד מאירן, וואס איז אזוי אויך ווי האלב צערודערט. די מומע יענטעלע וועט אים אצינד מאכן סקאנדאלן אין די גאסן. פונקט ווי דעמאלט, ווען ער איז צוריקגעקומען פון פאלעס־טינע, גענומען זיך צו סטאלעריי און אזוי ארום געווארפן א פלעק אויף איציק לייבם משפחה.

דאס ווייב איז געשטאנען בלאס, ווי אן לשון. ליפע האט זיך צוגע־רוקט צו דער טיר.

— פאניע סערזשאנטשע...

דער סערזשאנט האט א כאפ געטון דעם באגנעט און ארייננע־שטאכן אים אין קעזקוכן. ער האט א ווארף געטון דעם לעצטן פיינטלעכן בליק אויף ליפען:

— הינט דיך, דו וועסט נאך גיין אין קיימן!

און אלע דריי זענען ארויס פון שטוב.

# דאָ אַ רבֿ אין שטאָט און גאָרנישט

מיד זיצן ביי די לעצטע שטענדערס די בעלי מלאכות און קייען די תפילה. די אויגן קלעפּן זיך און די פּיס האָבן איין פאַרלאַנג: ציט אונדז אויס און לאָזט אָפּרוען די קניען. אָבער די בענדעטעס מיט די בעטקעס זיצן שוין נישט. זיי איילן זיך אַהיים. דאָרטן וואַרטן אויף זיי די קעניג־רייכן, וואָרטשען זיי אונטער די גאַז די לעצטע ווערטער פון דאַוונען און קוקן מיט רוגזה אויפן ציגנבאָק, וואָס האַלט זיי אויף אַזוי לאַנג מיט זיין אויסשפּייען. טאַטעס, וואָס האָבן שוין דערוואַקסענע זין, קוקן אַרום זיך, זוכן אין אַלע זייטן די בנים. אָבער די יונגען האָבן אויפגעהערט צו קו־מען אין שול אַריין. טראַכטן זיי, אַז אין שול ווערט שיטערער פון טאָג צו טאָג. דער עולם מתפּללים צעגייט ווי פּוטער אויף דער זון. שאָקלט שלום קצבֿ מיטן קאָפּ און רופט זיך אָן צו בעבע יידען:

— הערסטו, בעבע גנבֿ, כ׳זאָג דיר, די היינטיקע פראַנטן האָבן געמעגט ביי אונדז לערנען שטיוול פּוצן. קיין גרויסע צדיקים איז מען טאַ־קע נישט געווען, אָבער יום־טובֿ, פּסח, נישט קומען אין שול אַריין! אַ פּייער מעג טרעפן די היינטיקע וועלט!

בעבע יידע, ווי מען וואָלט נישט געמיינט זיינע זין, האַלט מיט:

— טאַקע, וואָס איז דאָ צו רעדן, פון אַן עבֿירהלע איז מען נישט אָפּגעשטאַנען. געדענקסט, שלום, יענע זאַכן: דערמאָן דיך נאָר אָן חיהן, דער צדיקיתטע. איינמאָל, שבת חול־המועד, כ׳געדענק עס ווי היינט, האָבן מיר דאָס צורעכט געמאַכט די רביצין, מ׳האָט איר אויסגעליידיקט דאָס גאַנצע שפּייז־שענקל! אַז כ׳דערמאָן מיך, בין איך נאָך היינט זאַט. אָבער ווי קומט דאָס צו יידישקייט? וואָס פאַר גאָט, איז פאַר גאָט, און וואָס צו לייטן, איז צו לייטן!

שמואל בעטקע שלינגט אראָפּ די לעצטע ווערטער פון עלינו, גיט א שפּיי און וואַרפט אריין א זיפץ.

— א דור אויפגעוואַקסן, דאַוונען נישט גאַנצע חדשים; דעסגלייכן די מיידלעך.

אין מיטן דער שול האָט זיך דערהערט דער ערשטער קאָלטער „גוט יום-טוב", און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר. אָבער פּלו-צים האָבן זיך אַלע אַ צי געטון צוריק...

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער סערזשאַנט. היינטער אים זע-נען געגאַנגען נישט דרייסט וואַלענטי און ווינצענטי מיט דעם טראָפּיי, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט ביי ליפּע דעם סטאָליער.

דער הונגעריקער, יום-טובדיקער עולם איז געשטאַנען פאַרגאַפט. ס'האָט זיי אַלע מיטאַמאָל אָפּגענומען דאָס לשון. אינעווייניק האָט ביי זיי עפּעס געבורטשעט, אי פון פאַרדראָס, אי פון הונגער. דער ערשטער איז צו זיך געקומען העניעך. דאָס קאַנצעלאַריע-יידל איז צו צום סער-זשאַנט און אים דערלאַנגט זיין אויסגעשריבן הענטל.

— דער פּאַן קאָמיסאַזש איז געקומען צו גאַסט אין שול אריין אויף וויעלקאַנאָץ?

און בשעת מעשה שפּרינגט דאָס האַרטע קאַפּעלושל איבערן אַרוים-שטייענדיקן האָרבאַטן שטערן און די גרויע קלעפּיקע אייגעלעך טוען אַכ-טונג, דער רונד זאָל נישט אַראָפּפאַלן און אָנקלאַפּן זיך אָן דער פּלאַטשי-קער נאָז, ווי עס האָט שוין נישט איינמאָל געטראָפן.

דער סערזשאַנט פּילט אָבער אַ שנאה צו העניעכן — עפּעס איז דאָס יידל צופיל מחותן מיט נאַטשאַלסטוואָ אין כשאַנאָוו. עפּעס גיט ער די פּלוינער סוחרים צו קלוגע עצות. שטויסט ער אָפּ העניעכן און גיט אַ ברום אויף די בעלי-עגלות:

— וווּ איז דער ראַבין? איך מוז איבעררעדן מיט אייער ראַבין.

ווערט אַ גערודער: ליופּטס, רופט אהער דעם רב.

דערווייל איז דער עולם צו זיך געקומען. אַלטער אַלוואַס מיט יוקל שניידער, ביידע מיט די סידורים אונטער די אָרעמס און פאַרשווירענע

בערדלעך ווי די קלינעס, לכבוד יום־טוב, זענען צוגעקומען צו דער טיר מיט רוגזה: אזא חלול ה'.

— פאניע מיליציאנטשע! רוק זיך ארויס מיטן בעקן. מ'טאר נישט אין א יידישער בוזשניצע, ס'איז חמץ.

באלד זענען צו הילף געקומען די בעטקעס מיט די בענדעטעס: יום־טובדיקע מענטשן, האט זיי דאס בלוט געטון א זעץ אין פנים אריין.

וואלענטי איז געשטאנען צעטומלט. געפילט זיך נישט היימלעך צווישן אזוי פיל יידן. האט ער ארויסגעטראגן דאס חמץ אין פעדערהויז אריין.

ס'איז אנגעקומען א צעשראקענער דער רב און אנגעהויבן עפעס צו שמאמלען. דער סערזשאנט האט מיט א געבייזער אים אוועקגעלייגט א פארציע מוסר:

— פאניע ראבין, איר היט נישט גוט אייערע יידלעך. זיי קומען נישט אין שול אריין. זיצן שבת אין פאראיין, „מאדליען" זיך נישט, אייף „וויעלקאנאץ" באקן זיי קעזקוכנס פון נישט „שוויאנטעטשנע" מעל, עסן נישט קיין מצה און דער דארט אויפן שאסיי קוילעט אליין הינער, ווי ביי אונדז קאטאליקן, האקט אפ די קעפלעך מיט א האק — אט האט איר!

און דער סערזשאנט האט אויפגעהויבן צום רבס אויגן די צוויי געקוילעטע הינדלעך.

צווישן עולם איז דורך א ציטער. פון אלע זייטן האט זיך דערהערט: „אווא־ווא, אזא יונג, אן עוכר ישראל".

— דוד מאירס זינדל, — האט זיך עמעצער אנגערופן. — ווו איז דוד מאיר?

עלטערע יידן האבן פון גרוים חרפה אראפגעלאזט די קעפ און גע־שטאנען ווי פארמשפטע.

דער רב האט געפרווט עפעס זאגן, פארענטפערן זיך און פארענט־פערן קהל, זיין קהל. איז דער סערזשאנט שוין אריין אין גרימצארן:

— פאניע ראביז, ס'וועט נישט גוט זיין, ווייטער גייט עס נישט אזוי. איר זאלט אכטונג געבן אויף די „טשעלאדניקעס" און אויף זייער

„זוויאַנזעק". איר נעמט געצאָלט פון דער גמינע פענסיע, דאַרפט איר היטן די „כלאַפּצעס", זיי זאָלן זיך „מאָדליען", גיין אין שול אריין און נישט זינגען „זשידאָווסקע פיעשניעס" אין „זוויאַנזעק", געדענקט, ראַבין!

דער רב האָט אָנגעהויבן:

— פאַניע נאַטשעלניק, פאַניע נאַטשעלניק...

דער סערזשאַנט האָט זיך אויסגעדרייט אויפן לינקן אָפּצאַס, אָפּגעקאָמאַנדעוועט וואַלענטין און ווינצענטין אין מאַגיסטראַט אריין און אַליין פאַרקירעוועט צום בעטקע־געסל.

# מלחמת מצווה

צומאַרגנס האָט גאַנץ פּלויגע געקאָכט און געזאָטן. דער אויסגע־שלאָפענער יום־טובדיקער עולם איז באַלד אינדערפרי אַרויס אויפן מאַרק, אַוועקגעשטעלט זיך אויף די שוועלן פון די פאַרמאַכטע קראָמען און גע־נומען איבערשמועסן דאָס גייעס. די מלכים זענען געוואָרן קריגעריש גע־שטימט און געזוכט אַ געלעגנהייט צו מאַכן היימלעך.

זלמן איטשע דער פערד־הענדלער און גרעסטער שלעגער אויף אַלע ירידן איז געקומען מיט אַ בלעכערנער הענטשקע און אין לעדערנע הויזן. נעבן אים איז געשטאַנען ירוחם אַלרייטניק און געפּינטלט געפערלעך מיט די אויגן אויף די רעדלעך יידן. שווער געווען צו דערקענען אויף וועמענס צד זיי שטייען. זיכער איז מען אָבער געווען, אַז אויב ס׳וועט אויסברעכן אַ געשלעג, וועלן זיי זיין די ערשטע.

שלום קצב האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די הויזנקעשענעס און אַ זאָג געטון:

— מ׳עט זיי די גדערים אַרויסנעמען, דעם גאַנצן פאַראיין. אַזעלכע „נישטן”, וועלן אויסשטעכן אַ שטאָט די אויגן!

— און איך זאָג אייך, אַז מ׳דאַרף זיי לאָזן „האַרעשטירן” — האָט אַרויסגעזאָגט זיין באַשיידענע מיינונג שמואל בעטקע.

ירוחם אַלרייט האָט אַ ברום אַריין געטון.

— אַ כאָליערע זאָל כאַפּן דעם רב.

בעבע יידע, דער אַמאָליקער שיקסע־קריכער, האָט אַ שפּיי געטון:

— אַזאַ „קאָזשע־בראָדע”, ס׳אַרט אים גאָרנישט. יונגען מיט מיידן בייטאָג און ביינאַכט אין איין פאַראיין, און מ׳ווייסט נישט וואָס, און מ׳ווייסט נישט ווען און ווי אַזוי...

— און דיין זינדל? — האָט שלום זיך אָנגערופן, געמיינט צו געבן בעבע יידן אַ שטאָך.

ירוחם אָלרייטניק האָט אַ פינטל געטון מיטן אויג און זלמן איטשע האָט ארויפגעצויגן די אייזערנע הענטשקע. נאָך אַ מינוט, און דאָס געשלעג וואָלט זיך אָנגעהויבן.

געראָטעוועט די לאַגע האָט דער טויבער עזריאל.

פונדערוווייטנס האָט ער דערשמעקט, אַז דער עולם שמועסט עפּעס אָפּ אָן זיין וויסן, איז ער אריין אין רעדל און פון געוווינהייט ארייגגעשטעקט דאָס לינקע אויער. אין דער מינוט האָט ער געכאַפּט אַ פּליאַסק אין געזעס. ירוחם אָלרייטניק האָט מיט אַ תמעוואַטער מינע ארויסגענומען דעם גאָלדענעם זייגער זען ווי שפּעט ס'איז. דער טויבער האָט אַ קוויטש געטון, אַז ס'האָט געלעכערט די אויערן און דער עולם האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

אויפן צווייטן עק טראָטואר האָבן זיך געטראָפן די געזעלן. זיי זענען געווען אָנגעטון לכבוד יום־טוב אין געלע לאַטשן, גראַנאַטענע מאַרינאַרקעס און שווארצע בלוזעס. ס'איז אָנגעקומען קלמן דער איינבינדער און געמאָלדן די חברים, אַז פונקט צען אזייגער וועט מען זיך שטעלן „דאַוונען" אין פאַראיין. יעדער זאָל מיטברענגען אַ חברטע.

דער עולם האָט זיי צוגעוואָרפן בליקן פול מיט שנאה.

— אזעלכע ראָצערס, וועלן פרעסן חמץ אין פסח, מ'וועט זיי די זייטן אונטערהאַקן, די קישקעס ארויסלאָזן — האָט זיך געקאָכט שלום קצב. אין הארצן האָט אים אַ הנאה געטון, וואָס זיין זינדל גייט כאָטש אין שול אריין.

דער שטאָט־זייגער האָט מיט אַ הייזעריקער שטום אָפּגעכאָרכלט אַכט מאָל. דער עולם האָט זיך אַ כאַפּ געטון, אַז אין שול האַלט מען שוין אוודאי העט, העט, איז מען אוועק אהיים נאָך די טליתים.

ירוחם אָלרייטניק האָט אַ פינטל געטון צו זלמן איטשען אוןביידע זענען אריין צו יאַוואָראַן אין שענק מאַכן אַ שנאַפּס צוליב קוראַזש און פאַרבייסן מיט אַ פּאָר טרוקענע קאָלבאַסלעך.

דאָס דאַוונען פון „פאַרנט" איז ביי די מאַנסליים אַריבער רואיק, נאָר פון אויבן, פון הינטער די קראַטעס האָט זיך פון צייט צו צייט גע-הערט אַ זשומעריי. דאָס האָט מען די אָרעמע מאַמעס „אויסגעשטאָכן די אויגן" צוליב זייערע זינדלעך. יענע האָבן צוריקגעענטפערט. אויף אַזאַ חוצפה און העזה האָבן זיך די נגידיתטעס נישט געריכט. חיים שיקאַרעס מאַמע און חיה די צדקתטע האָבן געשריגן, אַז מען זאָל אַרויסוואַרפן די ווייבלעך אין די האָר און דאָס „טאַלאַליסטווע" ביי דער טיר.

די מחלוקת האָט זיך באַלד איבערגעטראָגן צו די מענער. דער שמש האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין באַלעמער און אַרויפּשרייען אין עזרת-נשים אַריין:

— שאַט ווייבער, מ'קאָן נישט דאַוונען.

דערוויי׳ל האָט חברה-תהילים פאַרכאַפּט דעם באַלעמער. ס'האָבן זיך דערהערט קולות:

— אַרויס, אַרויס, מ'עט נישט לייענען.

אין אַ ווינקל זענען געשטאַנען צונויפגעדרענגט און בלאַס ווי די וואַנט בנימין מלמד, קלמן איינבינדערס פאָטער, סענדערלס טאַטע און בעריש זאַפּאַלניק, דער פאָטער פון די דריי נייטאָרינס — אַלע האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָן די עמודים פון באַלעמער ווי אין די קרנות המזבח. דער עולם אַרום זיי האָט געברויזט ווי כוואַליעס אין אַ ים. כהרף עין זענען אַנטשטאַנען צוויי פאַרטייען. אַ טייל האָבן מעכב געווען דאָס לייענען. אַנדערע האָבן זיך געשטויסן צום אָרון קודש.

באַלד האָבן ירוחם אַלרייטניק און זלמן איטשע געמאַכט אַ שפּרייז איבער קעפּ און אַקסלען ביז צום באַלעמער און מיט ירוחמס אויסגעשריי „אַלרייט", האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געשלעג.

די אַרויסגעשטויסענע ווייבער האָבן אויפגעהויבן אַ קוויטשעריי און געלאָפן דורכן מאַרק אין פּאַראַיין אַריין מאַכן די זין אַ „שוואַרצן יום-טוב". דערוויי׳ל, אין מיטן געשלעג, האָבן פּיוויש דעם רבס און יאַנטשע געוואַזער געפּרוווט מאַכן אַ פּשרה צווישן די צדדים און פונאַנדערנעמען די שלעגערס, וועלכע האָבן זיך געריסן ביי די בערד און געטרעטן איינער איבערן אַנדערן לכבוד דער תורה — האָבן זיי אָבער נישט בכיוון גע-

כאפט שטויסן, אז ס'זענען זיי אָנגעלאָפן אזש ביילן אויפן פנים. זלמן איטשע האָט געהאקט מיט דער בלעכערנער הענטשקע אויף רעכטס און לינקס, נישט פרעגנדיק, ווער ס'איז פאר און ווער קעגן ליינען. ער האָט שיער נישט געטראָפן דעם רב און אים „זאמאלעוועט". אויף די שטענדערס האָט זיך געגאָסן בלוט, טליתים און יארמעלקעס האָבן זיך געוואלגערט אויפן באָדן, בעבעס פארגויאישטע יונגען האָבן געפונען א שעת הכושר זיך אָפצורעכענען מיטן רב צוליב א מעשה מיט דוכנען. זיי זענען געווען כהנים, — און א ממזר אין דער משפחה. זכות־אבות איז דעם רב בייגעשטאַנען. די בעלי־מלאכות האָבן דערשפירט, אז מ'גייט דאָ אָפּטון א מעשה־נבלה, האָבן זיי געמאכט א וואנט און פארשטעלט דעם רב, כאָטש אין הארצן האָט מען אים געוווּנטשן אלדאָס בייז.

חדר־יינגלעך, זעענדיק ווי מ'שלאָגט די טאטעס און דעם רבין בנימין מלמד, האָבן געקנייפּט און געקאָפּעט די קעגנער. אין שול זענען אָנגעלאָפן ווייבער צו ראטעווען די מענער און געשאָלטן מיט טויטע קללות. אלץ האָט זיך דאָ אויסגעמישט און געפּלאָנטערט. די שול האָט פארלוירן איר אויסזען, און גאָטס הויז איז געוואָרן א שענק...

פּלוצים האָט זיך דערהערט דאָס צויבער־וואָרט „פּאָליציי", און די שול האָט צוריק באקומען איר גאָטספארכטיק פנים... דער פארגאלאָפּירטער עולם האָט אראָפּגעלאָזט די הענט און געבליבן שטיין מיט שרעק אין די אויגן און בושה אין הארצן. עטלעכע מיליציאַנטן זענען אריין מאכן אָרדענונג. נאָך זיי זענען אָנגעקומען דער בירגערמייסטער און דער מאגיסטראט־סעקרעטאר. דער עולם האָט באלד אליין גענומען מאכן אָרדענונג. אלע אין איינעם, די שלעגער און די געשלאָגענע, האָבן אָנגעהויבן שרייען:

— א חלול ה', אין יום־טוב! שעמט אייך! דער אָנבליק פון די גויים האָט אין זיי דערוועקט דעם נאציאָנאלן שטאָלץ און זיי צוריקגעגעבן זייער יידישלעך אויסזען פון „ריר מיך נישט אָן, איך בין נישט שולדיק".

דער בירגערמייסטער איז געשטאַנען אויף דער שוועל און מיט א

שמערצלעכער גרימאסע באטראכט דאָס בילד. באלד איז, ווי געוועגלעך, אויסגעוואקסן הענעך דאָס קאנצעלאַריע-יידל.

— פאניע בורמישטשו, פאניע בורמישטשו, ביי אונדז יידלעך לייענט מען יום-טוב די „ביבליע", האָט מען זיך צעקריגט ווער ס'זאָל...

— אוועק מסור — און דאָס קאנצעלאַריע-יידל האָט באקומען א שטויס הינטן ארום פון זלמן איטשען. דער בירגערמייסטער, וועלכער פלעגט די יידן „טון טובות" און איז דערפאר פארהאסט געווען פון די קריסטלעכע קיילערס, בעקערס, שענקערס און אנדערע חשובע „אַביוואַ-טעליעס", האָט מיט מיטגעפיל געקוקט אויף דעם חורבן אין שול און אויף די צעביילטע „סטאַראָזאַקאָננעס". ער האָט א מאך געטון צו די מיליציאנטן מיט דער האנט, זיי זאָלן ארויסגיין און געשאָקלט צו דעם איבערגעשראָקענעם רב מיט דעם פארשמירטן פנים:

— קיעפסקי ראַבין, קיעפסקי.

דער אנטיסעמיטישער סעקרעטאַר, דעם בירגערמייסטערס ערשטער בעל-יועץ, האָט מיט הנאה צוגעשמייכלט און געוואָרפן אויף זיין שעף א טריאומפירנדיקן בליק:

— אהאַ, ווער איז גערעכט?...

---

איבערן בעטקע-געסל איז געלאָפן אָן א שייטל אויפן קאָפּ סענ-דערלס מאמע און געקלאפט זיך מיט די פויסטן איבער די שלייפן.

— אזא צער האָט זיך געמראָפן, אזא צער! ס'זאָל אויסגיין צו אַלע ווימטע פעלדער און וועלדער.

נאָך איר האָט זיך געצווינן א גאנצע שורה מאמעס, גאס-זיצערינס, וויסטע אלמנות, וואָס מ'שטעכט זיי יעדן טאָג אוים די אויגן צוליב דער „וויכאָוואַניע", וועלכע זיי גיבן די קינדער. צומיינסטן פארגיסט מען זיי דאָס בלוט שבת אין שול, ווען די זאטע נגידיתטעס האָבן די בעסטע צייט און דאָס בעסטע אָרט צו זאָגן זיי מוסר.

פונדערוויינס האָבן זיך געהערט די האסטיקע טריט פון די מת-פללים, וואָס האָבן נישט צוליב זייער שולד איבערגעריסן דאָס געשלעג. הענט האָבן זיך געביילט, ציינער האָבן געקריצט. ס'איז זיי גלייכגילטיק

געוועון וועמען און ווו. זיי האָבן זיך געקאָנט שטעלן יעדע ווײַלע אויף וועמענס צד עס איז. איז מען געלאָפן אין פאַראיין אַרײַן.

סענדערלס מאַמע האָט מיט אַ רוגזה אויפגעריסן די טיר. נאָך איר זענען אָנגעלאָפן נאָך מאַמעס, ווייטער בעבע יידע, יוקל שניידער און אַנדערע. פאַר די אויגן האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט אַ בילד, פון וועלכן עס קאָן נישט גוט ווערן.

אינמיטן צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש אויסגעשטעלט מיט טעלערס. אויף זיי: זעמל, ברויט, הערינג און קאָלבאַס. אַרום די מאכלים זענען געשטאַנען פלאַשן בייעריש ביר און קאַראַפקעס מיט היימישן ליקער. אויבנאָן איז געזעסן סענדערל שטעפּער, דער אַמאָליקער ישיבה־בחור, מיטן עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אויף אַ בוך, ווי אַמאָל שבתביים טיש אויפן סידור. ער האָט געקוקט אויפן חמץ מיט נצחון־בליקן, ווי ער וואָלט עמעצן אַ גבור באַזיגט. ווען עס זענען אַריינגעקומען די יונגע חברים, וואָס האָבן זיך אין מיטן דער שמונה־עשרה אַוועקגעשאַרט פון די טאַטעס אין שול, איז אויפגעשטאַנען קלמן דער איינבינדער און געוואָלט דערקלערן די חברים די באַדייטונג פון דער ערשטער חמץ־אַקציע אין פּוילן, אָבער פּלוצלינג האָט זיך דערהערט... בענץ, בענץ. די שויבן האָבן געפּלאַצט און מיטאַמאָל האָבן דורך די לעכער אָנגעהויבן פליען שטיינער און שטיקער ציגל צוזאַמען מיט אַ האָגל קללות און חרמות.

— גויים... קוימענקערערס... זיי ווען אָפּלאַכן פון יום־טוב!... חמץ פרעסן אום פּסח! פאַרשייטע מיידן... אַרויס, אַרויס. אין שטאָט ברענט אַ פייער... סדום... פאַרשטיינען זיי... פאַרשטיינען.

פון שיקאָרעס הויז איז אָנגעלאָפן דער עולם מתפּללים פון שטיבל און — עת לעשות לה׳ — גענומען זיך צו דער מלחמת־מצווה.

דערזען דעם קלער, האָט אין די חברים פון נאָדל־פאַראיין אויפגעוואַכט די קאַמפּס־לוסטיקייט. זייערע כוחות זענען זיבנפאַך געשטיגן. דער אָנבליק פון די „שוואַרצע" האָט זיי אַ הייב געטון צו אַ קאָנטר־אָפענסיווע.

פון פאַראיין אַרויס זענען געפלויגן אויף די באַגאַרטלטע אָנגרייטער טעלער און פלעשער, שטולן און שטיקער גלאָזוואַרג. זלמן איטשע און

ירוחם אַלרייטניק, די בעסטע שלעגער אין פּלוינע, האָבן נישט געקאָנט צוזען אזא טאַנדייטע ארבעט. זענען זיי דורך די פענצטער אריין אין פאַראיין מאַכן אָרדענונג און דערווייל אָפּגערוימט דאָס ביסל משקה פון די טישן.

ס'זענען אַנגעלאָפן גויים. די באַבעס האָבן זיך אוועקגעשטעלט און געהאַלטן פאַר די באָקעס, געקוקט ווי אַזוי יום-טובדיקע יידן, יידענעס און יונגען שלאָגן זיך אַלע צוזאַמען אין איין פּלאָנטער.

ערשט פאַרנאַכט-צו האָט דער טומל אין געסל זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט, פון זיך אַליין זיך ענדלעך אויסגעלאָשן, און די חמץ-אַקציע אין פּלוינע איז געווען פאַרענדיקט.

# דוד מאיר און דער ערשטער מאַי

— וואָטע די אַ טאַטע? אַרבעטע ניי, קויפע ניי. פרעטע, פרעטע. קאָפּ דער אַא. (וואָס ביסטו פאַר אַ טאַטע? אַרבעטן גיין, האַנדלען גיין, נאָר פרעסן, פרעסן, מיטן קאָפּ אין דער ערד אַריין!)

דער שטומער לייבע האָט געקוקט צאָרנדיק אויפן פאָטער. דוד מאיר איז געווען איינגאַנצן איינגעהילט אין אַ פּאַרע, וואָס האָט געשלאָגן פון דער שיסל. דעם זונס ווערטער האָבן צו זיינע אויערן נישט דערגרייכט. ער האָט געשלונגען מיט אַ געוואַלטיקער תאווה די דיקע שוואַרצלעכע לאָקשן און פּאָסמאָקעוועט.

— הער, ביילע, כ׳זאָג דיר בפירוש, אַז קליסקעלעך איז אַ פונדאַמענט.

— אַ פונדאַמענט איז — אַז אַ מאַן זאָל דעם ווייב געבן פּרנסה. נישט מ׳לענט זיך אָן אויף אַ קראַנקער יידענע און אַ קינד אַ קאַליקע!

דאָס קול איז געקומען פון ווינקל אַפּער. ביילע איז געזעסן ביים בעט, אויף די ליילעכער זענען געלעגן צוגעשניטענע היטלען, דאַשקעס, טאָוולנע פורעמס, מאָסן. זי האָט מיט ציטערדיקע פינגער געטרענט אַלטע היטלען, אויסגערייניקט די פאַרשטויבטע נעט און פונאַנדערגעלייגט די באַזונדערע טיילן אויף די בעטן. ביי דער מאַשין האָט זיך געשאָקלט שנעל ווי אַ בליץ לייבע און אַריינגערעדט אין דעם היטל-טוך: „אַ טאַטע, אַ טאַטע אַ כאַדער (חזיר), אַראָט, אַראָט! אַלע מאַ (אַלץ איז מיין), דיע גאָרני (דיר געהערט גאָרנישט).

דאָס שטיבל איז געווען ד׳ על ד׳. צווישן די צוויי בעטן, פולע מיט גאַנצע בערג צודאַטן פאַר היטל-מאַכערס, איז געשטאַנען די ניי-מאַשין. איבער די בעטן זענען געהאָנגען שרעגעלעך מיט יום־טובדיק געפעס, באַ-

שיט מיט שפּרענקעלעך און באַזעצט מיט פליגן. דאָס חמצדיקע געפּעס איז געווען אויסגעשטעלט אין אַ הויך צעבראָכן קעסטל ביי דער טיר, טייל־ווייז אויף דער באַנק, וואָס האָט פאַרנומען די לענג פון דער שטוב. נעבן דער קיך האָט זיך געשאָקלט אויף צוויי פיסלעך אַ טישל. דוד מאיר האָט עס צוגעהאַלטן מיט זיין לאַמען פוס און מיט ביידע הענט אַרומגענומען די שיסל.

געענדיקט דאָס עסן און אָפּגעזאָגט די „בורא מיני מזונות”, האָט ער מיט אַן אָפּגעלאָזטקייט אויסגעדרייט זיך צום ווייב, גענומען אין דער גאָרשטמש אריין דאָס לענגלעכע שוואַרצע בערדל, וואָס האָט דערמאָנט אַן פּרעה מלך מצרים, און געקוקט אויףביילען מיט גרוים לייטזעליקייט. די שוואַרצע שרעקעוודיקע אויגן האָבן ביי אים געפינקלט און די גאַלבלעכע באַקן האָבן זיך געדרויטלט פון גרויס צופרידנקייט און זאַטקייט.

— ב'זאָג דיר נאָך אַמאָל, ביילע, אַ מענטש דאַרף נישט זאָרגן. פון זאָרגן ווערט באָרגן, און פון באָרגן ווערט מען דערוואָרגן.

— אַז יעדער וואָלט נישט זאָרגן, וואָלטן דיך די לייז אויפגעפרעסן. קיין העמד אויפן לייב וואָלסטו נישט געהאַט און געמוזט גיין איבער די טירן.

דוד מאירס ליפּן האָבן זיך אַ קרום געטון ווי צו אַ שמייכל.

— איז וואָס, ביילע, אַז מ'גייט אויף די טירן? ס'קומט דעם מענטש עפּעס אָפּ? און וועגן זאָרגן איז אַזוי: וואָס אַ קלוגער זאָרגט אויס אין פינף מינוט, וועט אַ נאַר נישט אויסקלערן אין אַ גאַנצן חודש. לאָז זיך מיר דאַכטן, אַז איך בין דער קלוגער, זעץ מיך אַוועק אויף פינף מינוטן זאָרגן און פּטור, אַראָפּ פון מאַרק, אויס זאָרגן!

ער האָט געעפנט דאָס מויל צום לאַכן. צוויי שורות פאַרפוילטע ציין, אויסגעקרומטע און צעבראָכלטע, האָבן זיך באַוויזן פון צווישן די ליפּן.

— דיין משפּחה, ביילע, איציק־לייבס פּאַקאָלעניע, זענען בייזע מענטשן, שטענדיק אָנגעצונדן און אָנגעבלאָזט אויף דער גאַנצער וועלט. און דעריבער זענען זיי עצבותדיק. עצבות, ביילע, איז אַ זינד, אַ זינד קעגן בורא, קעגן אין־סוף. אַ מענטש דאַרף זינגען צום רבונו של עולם און לויבן אים און דינען מיט שמחה.

— און גאַנצע וואָכן זיך אַרומוואַלגערן ביים רבין, שנאָרען ביי די חסידים — האָט ביילע פאַרענדיקט.

— אוי זינדיק נישט, ביילע, מיטן רבין, זאָל לעבן, זאָלסטו נישט אָנהייבן. ווייסן זאָלסטו, אַז דאָרטן איז גער, דאָרטן רוט די שכינה, און פון דאָרטן וועט קומען די גאולה. וואָס, ניין לוי?

לוי איז געשטאַנען אין דער טיר. ער האָט געשטאַמלט.

— ביילע, כ'בין דיך געקומען בעטן, זאָלסט אַרויסגיין צו אַלטען. זי איז די נאַכט אוועקגעפאַלן. אפשר דאַרף מען זי אויסשמירן.

ביילע האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און צעשראָקענע אויגן געקוקט אויף לוין.

— די גאַל-שטיינער אוודאי. ס'ערגסטע איז די לעבער. מיר — דעם־גלייכן. ס'קלעמט און ס'קלעמט. כ'טו גאַנצע נעכט קיין אויג נישט צו. אַ משפּחה-פעלער אַזאַ. ביינאַכט די זייטן מיטן „קושיזש". בייטאָג די הענט פון רייסן די שמאַטעס, און אַזוי ס'גאַנצע לעבן.

ווען ביילע איז אַרויסגעגאַנגען, האָט דוד מאיר זיך געוואָשן צו לוין.

— ובא לציון גואל! וואָס הערט זיך, לוי, אין ארץ-ישראל? מ'שמועסט, אַז אין ירושלים איז די שחיטה געאַסרט.

לוי איז געווען נישט אויפגעלייגט, ער האָט געענטפערט געררייצט.

— די ידיעה שטאַמט אוודאי פון הויף. דאָרטן ווייסט מען נאָר אַזוי פיל פון ארץ ישראל, וויפיל ס'האָט אַ שייכות מיט שוחטים, רבנים און פאַרשידענע מחלוקות. דער רב זאָנענפעלד ווייסט אַלע קונצן פון מאַכן סיכסוכים צווישן יידן, כדי די שונאים פון ישוב זאָלן זיך האָבן מיט וואָס צו פרייען.

— ביסט במחילה אַ גרויסער בטלן, לוי.

דוד מאיר האָט געשמייכלט. שווער געווען צו דערקענען אין אים, אויב ער מיינט ערנסט דאָס, וואָס ער זאָגט, אָדער ער שפּאַסט.

— ווייסן זאָלסטו, אַז מיר זענען עוסק אין ישוב ארץ-ישראל. דער רבי, זאָל לעבן, האָט אויפגעשטעלט אין יפו אַ גאַנצן באַזאַר מיט געוועל־בער. די ציונים מוז עס אוודאי נישט שמעקן, האַ? זיי מיינען, אַז נאָר חיים וויצמאַן איז אַ קאָפּ. אַז ער, זאָל לעבן, וועט זיך אַ נעם טון צו א"י,

איז איינס-צוויי. כהרף עין ווערט עס א יידישע מדינה.

— אשרי המאמין, ווייל איז אייך, אבער מיט געוועלבער, מיט חזקה אויף רבנות און לאטעריע-צעטעלעך וועט איר נישט אויפבויען דאס לאנד. מאכט קאלאניעס, באמיסטיקט פעלדער, פלאנצט וויינגערטנער, זייעט און שניידט.

דוד מאיר איז אויפגעשפרונגען.

— און ווו איז שמיטה, לקט, שכחה און פאה?

— ר' שמואל מאהילעווער האט שוין דעם ענין באזארגט. דאס לאנד ווערט געבויט און מוז געבויט ווערן לויטן רוח פון דער תורה און מסורה, שרעקט זיך נישט: ס'יידישקייט ווערט אפגעהיטן.

— פאר אונדז איז דאס ווייניק. מיר פארלאזן זיך נישט אויף שמואל מאהילעווער און נישט אויף רייגעסן. די ארץ־ישראל-תבואה איז געאסרט, כל זמן מ'עט זיך נישט פירן לויט די כללים פון שולחן ערוך.

און ער האט אויסגעזוכט דאס שווערסטע געווער:

— מ'שמועסט, אז אייערע חלוצים עסן אבר מן החי?

לוי האט זיך רואיק צעלאכט.

— ביסטו דאך טאקע, דוד מאיר, עפעס נישט אינגאנצן, ווי זאגט מען דאס, נישט אינגאנצן ביי די חושים, אז דו רעדסט אזעלכע שטותערייען!

דוד מאיר איז געווארן ערנסט.

— הער, לוי, דעם אמת געזאגט, בין איך נישט מסכים מיטן אלטן אויך. פון אלע עשר-ספירות האלטן מיר ערשט ביי דער אונטערשטער מדרגה. נאך נישט געקומען די צייט. הער, וואס כ'זאג דיר, מיט שפאדלעס און לאפאטעס, מיט עוד לא אבדה, מיט לשון־קודש-לערנען וועט עטץ נישט ברענגען דעם קץ. די מכה האט נאך נישט אויפגעפלאצט. ס'דארף נאך קומען די מלחמה פון גוג און מגוג און דעמאלט, לוי, דעמאלט — דוד מאיר האט פלוצלינג איבערגעריסן: — האסט אפשר, לוי, א גילדן, איך דארף קויפן א מאשינקעלע צו די גילזעס. נאר גיב, דער שטומער זאל נישט זען...

לוי איז אַרויס. דוד מאיר איז אים נאָכגעגאַנגען. אויפן טראָטואַר איז געשטאַנען אַ רעדל מענטשן און געשמועסט אויפן קול. אַנדערע האָבן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן געקוקט צום ראָט-הויז. עמעץ האָט זיך אָנגע-רופן.

— נישטאָ קיין יושר. ער איז טאַקע אַ קומענקערער, אָבער די זייע-ריקע טוען דען דאָס זעלבע? נישט מער — מ׳מיינט דעם ייד.

שמואל בעטקע האָט שטאַרק מיטגעפילט די חברים פון נאָדל-פאַראיין און יוקל שניידער, דער פאַרברענטער קעגנער פון די קומענ-קערער האָט צוגעגעבן:

— ביי דעם פוילישן אַרבעטער-קאָאָפעראַטיוו האָט מען נאָך נעכטן אַרויסגעהאַנגען אַ רויטע פאָן לכבוד דעם ערשטן מאַי, און אַז אַן אונדזע-ריקער טוט עס, איז גאָר עפּעס אַנדערש...

אַלטער אַלוואַס האָט אַ הייב געטון מיט אַן אַקסל:

— כ׳ווייס, אַן אַרבעטאָרער גייט אַרום אָן אַרבעט, איז ער בייז אויף דער גאַנצער וועלט... שטעלט ער זיך איין ס׳לעבן.

הענעך, דאָס קאַנצעלאַריע-יידל האָט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ באַרו-איקט דעם עולם:

— מ׳עטן אַרויסלאָזן, זאָל ער נאָר אויסגעבן די חברה.

פון ראַקיטנער געסל האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג. מיט דיקע שטע-קנס אין די הענט זענען געגאַנגען די פלוינער סטודענטן, אויך עטלעכע שילער, און געזונגען קאָנאָפּניצקאַס „ראָטאַ". אין דער שפּיץ האָט מאַר-שירט יאַוואָראַס שייגעץ מיט אַ געשמידטן שטעקן. דורכגייענדיק פאַר פייווישעס פענסטער, האָט ער געוואָרפן אַ בליק און צוגעשמייכלט צו אַ פרויען-געשטאַלט, וואָס האָט זיך באַוויזן צוליבן געזאַנג פון הימן. חברה האָט פאַרקירעוועט מיט שנעלע טריט צום באַנגעסל. יידן האָבן זיי נאָכ-געקוקט אַ ביסל מיט שטוינונג און אַ ביסל מיט שרעק. זלמן איטשע האָט אַ בורטשע געטון:

— זיי פאָרן מיט דער אַכטער באַן קיין וואַרשע אויפן טעאַטער-פּלאַץ. מ׳דאַרף צווויסן טון די אַרבעטער. שמואל, פאָר צו.

שמואל בעטקע איז צוגעפֿאָרן מיט דער בריטשקע. זלמן איטשע איז אַרויפֿגעשפּרונגען און די פֿערד האָבן אָנגעהויבן גאַלאָפּירן צו דער באַן.

דוד מאיר איז אַוועק אין שטיבל אַריין. ער האָט געשפּרייזט אין מיטן מאַרק מיטן הינקענדן פֿוס, אָנגעלענט אויפֿן דינעם שטעקעלע אין דער לינקער האַנט. פּלוצים איז ער שטיין געבליבן ווי מבולבל, נישט גע־ווּוסט, ווו זיך צו פֿאַרקירעווען. אויפֿן געזיכט איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אַ גרימאַסע פֿון טויט־שרעק.

רואיק, מאַיעסטעטיש, מיט צעפּלאַטערטע רויטע פֿענער, האָבן אַריינמאַרשירט די פּוילישע אַרבעטער אין מאַרק מיטן געזאַנג פֿון „טשער־וואָני שטאַנדאַר".

יידן האָבן שנעל פֿאַרמאַכט די געוועלבער.

# דאָס אַקעראײַזן און די דיסקוסיע

אין די זומערדיקע פארמיטאָגס לאָזן זיך אוועק די שטעטלשע „גאָס־פּאַראַזשעס" איבער די פּלוינער פעלדער, זיי צו באַמיסטיקן און צוגרייטן צו דער האַרבסט־זריעה. סטאַך בילישעוויטש, דער רייכסטער פּלוינער בירגער, ציט אַרויף די פּויערישע קורטקע, אַ פּאָר יוכטענע שטיוול און פאַררוקט אָן אַ זייט די „מאַטשעיוווקע". דערנאָך שטעלט ער זיך אַוועק פאַר דער שטאָל, טיילט פונאַנדער די מיט טאַבאַק פאַרגעלטע וואָנכעס אויף צוויי העלפטן און קוקט מיט שמייכלענדיקע, אָנגעגאָסענע אויגן אויף די שיקסעס אין די פאַרשאַרצטע אונטערקליידלעך, וואָס זיצן און מעלקן די בהמות. ער נעמט דעם היי־גאָפּל און מיט איין שפּרייז איז ער שוין אויפן וואָגן און זיצט אויפן מיסט. איצט איז ער דער זעלבער סטאַך פון פאַר דער מלחמה, ווען ער האָט געוווינט אין דער פּויערישער כאַטע אין קאָפּיטאָוו. בילישעוויטש האָט ליב דעם קאָנטראַסט: די פּויערישע מלבושים דערמאַנען אים אָן זיין היינטיקער גרויסקייט און חשיבות, ווייל אַ סך מאָל פאַרגעסט ער עס. די פערד טרייבט אָן דער זון אין דעם קאָר־פאַראַנטן־היטל. וואַצעק דאַרף אין קורצן ווערן אַדוואָקאַט און דערנאָך... דערנאָך — ווער קאָן וויסן ווי ווייט ער וועט גרייכן. אַמבעסטן וואָלט געווען, ווען ער ווערט פּלוינער בירגערמייסטער. ביי דעם געדאַנק ווערט בילישעוויטשן אַזש ליכטיק אין די אויגן. ער כאַפּט זיך, אַז דער פּלוינער בירגערמייסטער איז צו גוט פאַר יידן. מ׳דאַרף וועגן דעם אַ רעד־טון מיט די אַביוואַטעלעס. זאָלן זיי נעמען אַ ביישפּיל פון אים, טאַקע בילישעוויטשן אַליין: זיין קאָמעניצע איז שוין איצט יידן־ריין, אויסער דעם דאָקטאָר, פאַרשטייט זיך, וואָס איז כמעט ענלעך צו אַ קאַטאָליק, ער מעג נאָך דערווייל וווינען... און דער בירגערמייסטער טוט גאָרנישט, כאָטש

די שטאָט איז אין זיינע הענט. ווען וואַצעק זאָל ווערן בירגערמייסטער, אָ, דעמאָלט...

— ווי מיינסטו, וואַצעק, מ׳קאָן אַפּנעמען ביי די יידן די הייזער? דו ביסט דאָך אַדוואָקאַט און קענסט די געזעצן!

וואַצעקס שטערן ווערט צעשניטן אין קנייטשן, ווי שטענדיק, ווען ער דאַרף וועגן עפּעס טראַכטן.

— נאָך וואָס, אויטשע, אָפּנעמען? זיי וועלן אַליין אוועקגעבן. דו זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך. פון וואַרשע פאָרן אָפּ הונדערט טויזנט יידן קיין פּאַלעסטינע, און די פּלוינער גרייטן זיך אויך.

בילישעוויטש קוקט מיט שמייכלענדיקע אויגן אויפן זון, ווי אַ טאַטע אויף אַ קינד, וואָס האָט נאָר־וואָס געזאָגט אַ גאָאיווע חכמה.

— און דאָרטן וועלן זיי פירן מיסט, אַקערן און זייען די ערד מיט די דינע, ווייסע הענטלעך און אין די כאַלאַטן? עפּעס גלייבט זיך עס מיר נישט. הע, הע, נאַ מוי כלאָפּסקו ראָזום איז דאָס גאַנצע פּאַלעסטינע אַ יידישער שווינדל. זיי זענען דערמיט אויסן גאָר עפּעס אַנדערש. איך זאָג דיר, זיי וועלן נישט פאָרן אַזוי גיך.

— די אַנגליקעס העלפן זיי צו, אויטשע!

— די אַנגליקעס מיט די יידן האָבן געמאַכט יד־אחת, אמת, אָבער איך זאָג דיר, אַז די יידן וועלן די ענגלענדער אָפּנאַרן.

— אָדער די ענגלענדער די יידן, אויטשע!

זיי זענען צוגעפאָרן צום עק פעלד און געבליבן שטיין ביים גרובן. בילישעוויטש האָט זיך אָנגערופן צום זון:

— פאַרהאַלט די פערד, וואַצעק, און מאַרש אהיים. מיסטיקן וועל איך אַליין.

וואַצעק האָט אָנגעשטרענגט דעם שטערן און אויסגעבאַלושעט די אויגן:

— ניין, פאָטער, איך בלייב מיט דיר.

בילישעוויטשעס אָנגעגאָסענע אויגן האָבן מיטאַמאָל באַקומען גאָר אַן אַנדערן גלאַנץ:

— איך זאָג דיר, וואַצלאַוו: גיי אהיים. נישט דערויף האָב איך אויס-

געגעבן אזוי פיל געלט, געשיקט דיך אין די שולן און אין די אוניווערסי־טעטן, דו זאָלסט מיר איצט פאַרשוואַרצן דאָס פּנים און אויפפירן זיך ווי א פּויער.

וואַצעק האָט געענטפערט רויק:

— ניין, אויטשע, דאָס איז אונדזער ערד, אונדזער פּוילישע ערד, און מען דאַרף זיך מיט איר נישט שעמען.

— אָ, אז דו הייבסט מיר אָן רעדן, ווי פון דער גאַזעטע, קאָן איך שוין מיט דיר גאָרנישט מאַכן. דו ביסט דאָך געלערנט. אַמאָל האָבן זיך די געבילדעטע אַנדערש אויפגעפירט. איינמאָל, כ׳געדענק עס ווי היינט, איז געקומען אהיים אויף זומער דעם אַלטן כראַביע כשאַנאָווסקיס זון — האָט ער געשיקט דעם זיידן מיינעם אין שטאָט אריין נאָך א בייטשל, האָט זיך דער זיידע פאַרזוימט אביסל אין שענק און אהיימגעקומען אוונט־צו. נעמט אפשר נישט דער יונגער כראַביע צוויי פּאַראַבקעס און לאָזט אפשר נישט דעם זיידן שמייסן? פון דעמאָלט אָן האָבן די פּויערים שטאַרק געציטערט פאַר דעם געבילדעטן כראַביע. נו יאָ, דו ביסט אויך געבילדעט, אפשר ביסטו גערעכט. נאַדיר די מאַכאָרקע און פאַרוויקל מיר א פּאַפּיראָס.

בילישעוויטשעס אָנגעגאָסענע אויגן האָבן ווייטער געשמייכלט צו־פרידן. פאָטער און זון האָבן זיך אוועקגעשטעלט צו דער אַרבעט.

---

— כ׳זאָג אייך, אז דאָ איז גאָרנישט דאָ וואָס צו טון. פּלוינע עק־זיסטירט נישט מער. דו הערסט, הערשל? ביז וואַנען כ׳באַקום א סער־טיפיקאַט, כאָטש כ׳קאָן פאָרן אויף אָן אַנדערן אופן, טו איך גאָרנישט.

דאָס קליינע הערשעלע האָט מסכים געווען מיט א שאָקל מיטן קאָפּ.

— כ׳נעם אָן דיין שטאַנדפּונקט, בינעם. די זעלבע מיינונג האָב איך אַרויסגעזאָגט אויפן דיסקוסיאָנס־אָוונט אין „התקוה”. כ׳בין אָן אויס־געשפּראָכענער קעגנער פון קעגנוואַרטס־אַרבעט, אַלץ פאַר דער צוקונפט!

דאָס שוואַלבן־פּנימל איז געוואָרן פאַרזאָרגט.

— און ווי איז דיין מיינונג, מאַטיאַס, כ׳מיין אַלס אַקאַדעמיקער?

זיי זענען געזעסן אויפן גראָז ביים עק פעלד. פונדערווייטנס האָבן

געלאנצט די שארפן פון אקער-אייזנס. בילישעוויטשעס זון האט געשיט מיטן היי־גאפל מיסט איבער דער צעאקערטער ערד. פאטער און זון האבן שוין איינגאנצן שלום געמאכט און געשמאק געארבעט צוזאמען.

דאס קליינע הערשעלע האט געהאלטן אין די דארע הענטלעך א פאק צייטונגען, זשורנאלן און בראשורן. דאס געלע פנימל האט גע־שמייכלט ווי ביי א יאפאנערין אונטער א קאלירט זון-שירעמל. בינעם איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן בויך, ער האט שיער נישט באריורט די ערד מיט דער ברייטער פלאטשיקער נאז זיינער. פון אונטער די ווייסע אראפ-הענגענדיקע וויעס האבן אפערגעקוקט זיינע גרויע אויגן מיט באזונדע-רער חשיבות, ווי זיי וואלטן געזאגט: דאס געהערן מיר צו בינעם ראטענ־באנדער, דעם פארזיצער פון פלוינער „התקוה", וואס איז גרייט צו פארן קיין פאלעסטינע און קויפן א פרדס.

ביי דעם קליינעם הערשעלע האט אלץ געשמייכלט דאס יאפאנישע פנימל. די יינגלשע אייגעלעך האבן געוווּנקען צו בינעמען: אנו, לאמיר הערן, וואס מאטיאס וועט זאגן.

מאטיאס האט אויף ביידע געקוקט מיט דער זעלבער גלייכגילטיקייט.

— יא, איך וואלט אייך געהאט צו זאגן, אבער נישט מער ווי דאס, וואס איך האב שוין איינמאל געזאגט די חברים פון גאדל-פאראיין. סיי יענע, סיי איר באגייען דעם זעלבן פעלער. יענע זענען נאאיוו צו מיינען, אז מען דארף ווארטן ביז די רעוואלוציע וועט לייזן די יידן־פראגע, און איר האט די אילוזיע, אז פאלעסטינע וועט אלץ פארענטפערן. ביידע זעען נישט, ווי דאס יידישע לעבן גייט שוין אונטער און וויל נישט ווארטן — נישט אויף דער רעוואלוציע און נישט אויף פאלעסטינע. ניין, שוין אצינד, און אומעטום וווּ נאר יידן געפינען זיך, מוזן אויפגעוועקט ווערן אלע שעפערישע כוחות, וואס מיר פארמאגן נאך, צום קאמף פאר דער איבערבויאונג פון דעם יידישן לעבן אויף נייע געזונטע פראדוקטיווע יסודות.

אין דעם מאמענט האט זיך בילישעוויטש דערנענטערט צום עק פעלד. זעענדיק אויף זיין נחלה זיצן עפעס יונגע יידלעך, האט ער מיט צארן זיך אוועקגעשטעלט, האלטנדיק דעם היי-גאפל אין דער האנט. די

אַנגעגאַסענע, שמייכלענדיקע אויגן האָבן מיטאַמאָל באַקומען אַ רוצחישן גלאַנץ. ער איז געוואָרן רויט, דערנאָך בלוי, און דער היי-גאָפּל אין זיין האַנט האָט זיך געהויבן צום שלאָגן. ער האָט נאָר געוואַרט, דער זון זאָל זיך דערנענטערן.

— זע נאָר, וואַצעק, ווי די זשידאָווסקע פּאַנעס זיצן אינדערוואָכן אַנגעטון יום-טובדיק און לייענען גאַזעטעס. דו זעסט ווי זיי פאָרן קיין פּאַלעסטינע? זיי ווילן בעסער, די פוילענצער, אין מיטן העלן טאָג ליגן אויסגעצויגן אויף אונדזערע פעלדער, און מיר זאָלן אַרבעטן פאַר זיי. העי, „דאַרמאָזיאַדי”, באָלשעוויקי, אַראָפּ פון מיין פעלד.

דאָס קליינע הערשעלע האָט זיך אויפגעשטעלט אַ דערשראָקענער.

מאַטיאַס מיט בינעמען האָבן געפּרוווט עפּעס ענטפערן דעם אַלטן בילישעוויטש, אָבער זיין רוגזה איז געוואָרן נאָך שטאַרקער און די צוויי חברים זענען שווייגנדיק אַראָפּ פון ברעג פעלד און געבליבן שטיין אין מיטן שאָסיי...

# אין די פֿאַסער אַלעען...

תמוז־צייט ווערט דאָס גאַנצע פּלוינער לעבן אַרויסגעטראָגן פֿון די שטיבער אונטערן פֿרייען הימל. אין די פֿאַסער אַלעען צווישן די הויכע טאָפּאָליעס מיט די ברייטע שטאַמען שפּאַצירן פּאָרלעך און ווערן פֿאַר־שוווּנדן אין די שטעגעלעך צווישן קאָרן, באַשיט מיט רויטן מאָן און בלויען באַבער.

פֿאַרנאַכט־צו זעצן זיך אַוועק אין די סעדער יונגעלייט און דיסקו־טירן וועגן פּראָבלעמען. סוחרים פֿאַרזאַמלען זיך אויף די טראָטואַרן פֿאַר די פֿאַרמאַכטע געוועלבער, רעדן וועגן אומזאַץ־און פֿאַרמעגן־שטייער. בעלי־מלאכות, די אַמאָליקע תהילים־זאָגערס — וועגן צעכן און וועגן די פּראָפֿעסיעס, וואָס גייען אונטער און קיין נייע פֿאַכן קומען נישט צו. מ׳וואַרפֿט די גאַנצע שולד אויף די פֿאַבריקן, וועלכע הרגענען אַוועק דעם בעל־מלאכה און פֿירן סוף־כּל־סוף צו קוימענקערעריי. קאָלאָניאַל־קרעמער דערציילן זיך וועגן די פֿאַרשידענע אויפֿטועען פֿון די „ספּולקעס” און וועגן די נייע סחורות, וואָס ווערן דאָרטן איינגעפֿירט. אין קורצן וועט דער קונה באַלד נישט דאַרפֿן אָנקומען צום ייד, סיידן אויף באָרג.

קומט אָן דער אָוונט נעמען זיך פּלוינער טעכטער פֿאַר די הענט און פֿאַרלאָזן די שטאָט. אין דער קירך־גאַס איז אַ געגייעריי צום באַן־וועג אויף שפּאַציר. אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר גייען יונגעלייט פֿאַר־טיפֿט אין געשפּרעכן וועגן ערנסטע פֿראַגן. אַביסל שפּעטער גייט מען זיך פֿונאַנדער אויף שמאָלע וועגן און מען טרעפֿט זיך מיט וועמען מען דאַרף און ווו מען דאַרף.

דאָס בעטקע־געסל איז פּוסט. עפּעס אַ שווערער וואָלקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די הילצערנע הייזלעך. דער טרויער פֿילט זיך דאָ אין דער לופֿט. דער נאָדל־פֿאַראיין איז ווידער פֿאַרחתמעט. קלמן און ליפּע

דער פֿאַרזיצער זענען אַרעסטירט און סענדער שטעפּער ליגט אין תּפֿיסה־שפּיטאָל.

יוכבד גייט אויף און אָפּ אין איר שטיבל און קוקט מיט רחמנות אויף עטלען. זי בעט זי, זי זאָל זיך אַביסל איבערגיין. וויל אָבער נישט עטל. זי זיצט ביים פענצטער און הערט זיך צו צום געלעכטער פון די פּאָרלעך, וואָס גייען צו דער קירך־גאַס און צו די אַלעען.

פונדערווייטנס גייען פּייווישעסביידע טעכטער געאָרעמט: ראָכטשע און מילע. ראָכטשע טראַכט וועגן איר משהלען. יאָ, דער נצחון איז אירער. משהלע איז שוין אַצינד גאָר אַ פּראָגרעסיווער מענטש: ער גייט שוין קורץ געקליידט, קומט שוין אויף פֿאַרלעזונגען אין פֿאַראיין „התקוה", לייענט שוין וויסנשאַפֿטלעכע ביכער, און דאָס אַלץ איז איר פֿאַרדינסט. יאָ, ער וועט זי שוין אַצינד נישט פֿאַרלאָזן, וואָס עס זאָל נישט געשען, מעג איר אַפֿילו דער פֿאָטער נישט האָבן גאָרנישט צו געבן. ער איז אַ באַוווסטזיניקער מענטש, וואָס לעבט מיט אַן אידעע...

גאָר אויף אַן אַנדערן שטייגער טראַכט מילע.

וולאַדעק יאַוואָראַ איז דער עלעגאַנטסטער פון אַלע קריסטלעכע סטודענטן: ער איז הויך, די געפּרעסטע הויזן און נעטע שטיוול מיט דעם שפּיץ־רוט אין דער האַנט גיבן אים צו דעם אויסזען פון אַ כראַביע. און זי, מילע, געפעלט אים, כאָטש איר פֿאָטער גייט אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, און וולאַדעק האָט נישט ליב קיין יידן. מילע פילט, אַז זי איז ווערט באַוווּנדערט צו ווערן און עס קומט איר פאַר, ווי זי איז אַ העלדין פון אַ ראָמאַן, אַ ראָמאַן מיט שטרויכל־וועגן. אָט איז ער אַ קריסט און זי איז אַ יידיש קינד. און זי דערמאַנט זיך ווי ריטערלעך, ווי פיין וולאַדעק פֿאַרנייגט זיך פֿאַר איר און קושט איר האַנט, ווי טרוימעריש עס זענען אויס זיינע אויגן, ווען ער לענט אָן זיין קאָפּ אָן אירן און רעדט מיט איר וועגן דעם צימער, וואָס זיי וועלן זיך דינגען אין וואַרשע. אַ נייע וועלט, אַ נייַ לעבן וועט זיך פֿאַר איר עפענען. ער וועט איר ווייזן דעם אוניווערסיטעט, זי מיטנעמען אַהין אויף די לעקציעס. און דאָ אין פּלוינע איז אַזוי לאַנגווייליק, די „התקוה"־יונגעלייט זענען אַזוי ערנסט און נודנע. אויך די היים ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ חושכדיקער, נישט צום דערהאַלטן זיך.

מילע דערמאָנט זיך אָן דער מוטער — אַ רחמנות אויף איר, אויך פאַר־עלטערט געוואָרן. אָבער וואָס קאָן זי טון?... זי האָט קיין עצה נישט... און זי האָט טאַקע ליב וולאַדעקן.

צווישן די טאָפּאָלעס ווערט דער שפּאַציר־גאַנג אַלץ באַלעבטער. עס גייען מאָדערנע מיידלעך מיט געשווירענע האָר, געמאָלטע ליפּעלעך און קורצע, גאָר קורצע קליידלעך: טעכטער פון פלוינער אָפּגעקומענע באַלע־באַטים. מען טראַכט וועגן די יונגעלייט, וואָס שפּאַצירן אַזוי געלאַסן און גלייכגילטיק. אין האַרץ דערוועקט זיך אַ שנאה צו זיי, צו די מכלומרשטע אינטעליגענטן, וואָס רעדן וועגן פאָלק און אידעאַלן און אַליין איז מען גאָר גרויסע קאַריעריסטן, נדן־זוכער און אַמאַטאָרן אויף גרייטע אויסמע־בלירטע וווינונגען. עס גליען די אומרואיקע אויגן, עס רויטלען זיך די פּנימער. ניין, זיי האָבן דאָך נישט קיין צו גרויסע פאַרלאַנגען. בלויז אַבי־כעלע גליק, אַ קליין ביסעלע פרייד...

פלוינער יונגעלייט האָבן אָבער אַ חשד, אַז מ׳יאָגט זיך נאָך זיי, אַז מ׳וויל זיי אויפכאַפּן און מ׳שפּרייט אויס נעצן זיי צו פאַנגען — זענען זיי גאָר שטאַרק פאַרזיכטיק און מיידן אינגאַנצן אויס די טעכטער פון פלוינע... פילן די פלוינערינס די עוולה, וואָס ווערט זיי אָפּגעטון, און עס וועקט זיך אַ האַס אין זייערע הערצער.

און ווערט די טונקלקייט נאָך טיפער אין די אַלעען, גייט מען אַוועק ווייט, ווייט, אויף דער צווייטער זייט וואָקזאַל. דאָרטן טרעפט מען זיך מיט העפּלעכע, עלעגאַנטע, קריסטלעכע יונגעלייט. זיי ציען פאַר די יידי־שע טעכטער דזשענטעלמעניש די קאָרפּאָראַנטישע היטלעך. בייגן די קעפּ צו דינע, ווייסע הענטלעך, זאָגן פיינע קאָמפּלימענטן און גייען געאָ־רעמט מיט די חסידישע טעכטער. צו ריזיקירן איז נישטאָ וואָס. קיין הרליר זוכן נישט די סטודענטן ביי די פלוינער „קאַפּאַטשאַזשעס״ און אייד די ליבע־באַגערנדע מיידלעך ווייסן, אַז „פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט נישט זיין״: ס׳וועט ביידע צדדים נישט אָנשטיין. אָבער דער־ווייל. דערווייל איז מען יונג און מ׳וואַרט אויף אַ ליב וואָרט, מ׳באַגערט דיזח וואַרימען בליק פון אַ מאַנספּאַרשוין און מען וויל אַביסל זיך פאַר־געסן — להכעיס די, אויף וועלכע מען וואַרט אומזיסט און מען בלייבט

פארשעמט. און די יאָרן דערווייל לויפן אָן ליבע, אָן גליק — צוליב פינף הונדערט דאָלאַר, צוליב אַ קאָמפּלעט מעבל, צוליב געפילן אויסגעטוישט אויף קליינגעלט...

מאַטיאַס האָט אויפגענומען די שטומע שפּראַך, די קלאַנגלאָזע טענער, און איינגעזאַפּט אין זיך די צערונענע האַפענונגען. ער איז געגאַנגען איינער אַליין ביי דער זייט פון וועג. באַגאָסן מיט לבנה־ליכט, האָבן אַלע ווייַלע דורכגעשוועבט פאַרלעך מיט בלישטשענדיקע אויגן. די קאַוואַלערן האָבן געלאַכט און מיט נצחון געקוקט אויף זייער פאַנג, ווי יענער אויף אַרונטערגעשאָסענע פייגל. אָן אומעט איז באַפאַלן זיין האַרץ. דאָרטן, אין די שטיבלעך, זיצן די חסידישע טאַטעס און זאָגן דעם „המעריב ערבים", און דאָ זענען די צוקינפטיקע קעמפער פאַר דעם יידן־דריינעם פלוינע זוכה מן ההפקר...

מאַטיאַס האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך. עס האָט אים אויסגעזען, ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיך די שולד פון דער יידישער יוגנט. יאָ, זי פאַרלירט און ברענגט אום אין זיך די נאַטירלעכע אמתע לעבנסלוסט צוליב קאַלטע, עגאָאיסטישע חשבונות. שטויסט אוועק די יידישע פרוי אויף פרעמדע גליטשיקע וועגן.

מיט אַ באַשווערט געמיט האָט ער פאַרקירעוועט צוריק אין שטאָט אַריין. מיט אייליקע טריט האָבן דורכגעשוועבט יונגע מיידלשע געשטאַלטן. טייל האָבן אים, דעם שטאָלצן און נישט צוטריטלעכן, דורכגעדרונגען מיט שטעכיקע בליקן. אויסגעדריקט האָבן זיי האַס און נקמה. ס'האָט אויסגעזען ווי ער, מאַטיאַס, וואָלט זיין דער פאַרשטייער און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פלוינער יוגנט.

מאַטיאַס איז אוועק אין די איינזאַמע אַלעען פון ענגעלמאַנס גאָרטן. אַ טריב רעגנדל האָט אָנגעהויבן טריפן.

# אַראָפּ...

פון מויל צו מויל האָט זיך געטראָגן די ידיעה:

— מ'האָט פּייווישן פאַרחתמעט דאָס געוועלב.

מען האָט שוין אין שטאָט געוווּסט, אַז ס'האַלט מיט אים שמאָל, דאָך האָט די ידיעה אַצינד אַרויסגערופן גרויס חידוש. די שניט-סוחרים און קאָלאָניאַל-קרעמער איז באַפאַלן אַ שרעק. מ'האָט געזען בחוש, אַז דער מסחר גייט אונטער און די שטאָט בלייבט אָן פּרנסה.

יאַנטשע געוואַזער האָט איבערגעלאָזט די פאַרבן, האָט אַ שטאַרקן צי געטאָן דעם פּאַפּיראָס, זיך פאַרהוסט און אַרויס פון געוועלב. ער האָט מיט די אייגענע אויגן געוואָלט זען דעם חורבן און נאָכאַמאָל פעסט־שטעלן, אַז ס'איז שלעכט, גאָר שלעכט, אַז עס ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. יאָ, אויב מיט דעם ערשטן פּלוינער קאָלאָניאַל־סוחר געשעעט אַזוינס, וואָס וועט שוין זיין מיט די קליינע קרעמערס? און יאַנטשע הייבט אָן אויפסניי צו טראַכטן וועגן ארץ ישראל, וועגן דער חברה „שלום ושלווה". זיין געלט אָבער, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין דעם עסק און זעט דערפון נישט קיין פּירות, צעשטערט אים די זיסע האָפענונג, אַז עס קאָן זיין בעסער...

פאַר די פאַרמאַכטע טירן פון פּייווישעס געוועלב איז אָן אָנגעלויף. פון אַלע זייטן הערן זיך געשרייען. בעטקע דער סעדער, באַגלייט פון ווייבס קולות, שרייט:

— אַ כאָליערע די גבירים, מיין פּראַצע, מיין האָרעוואַניע. הונדערט זלאָטעס בלויז פּראָצענט.

אים שרייט איבער אַ יידענע:

מיין מיידלס נדן, זעקס זמנים ביי אים געדינט!

יאַנטשע רוקט זיך אַריין צווישן עולם:

— האָט יהנדות און רחמנות אויף אַ געפּאַלענעם ייד. ער איז דאָך אַ גברא קטילא.

מען הערט אים אָבער נישט. דאָס אַנגעלויף ווערט נאָך גרעסער.

ס'קומען אָן באַלעבאַטישע מענטשן און בעלי-מלאכות. יוקל שניי־דער און אַלטער אַלוואָס סודען זיך אָן אַ זייט:

— יעדער איינער מוז זען צו ראַטעווען מיט וואָס ער קאָן. מ'טאָר נישט לאָזן אַ ייד פאַלן.

דערווייל פאַלט אריין אין געשריי דוד מאיר דער מקובל. ער מאַכט זיך אַ וועג מיטן הינקענדיקן פוס אויף רעכטס און דעם שטעקעלע אויף לינקס, בייגט דעם קאָפּ צו דער ערד און רעדט צו זיך אַליין:

— שטילער, שטילער, יידן! דער קץ איז נאָענט. אין יאָר תרפ"ח וועט קומען די גאולה. גייטס אהיים, טוטס אָן תפילין, ווייסע זאָקן, גאַרטלט זיך אַרום און מישט אויף דאָס ספר דניאל, דאָרטן...

פלוצים האָט זיך דערהערט זלמן איטשעס ברום:

— טאַלאַלייסטוואַ, גייט זיך פונאַנדער. איך האָק אייך אונטער די זייטן. אַ רוח אין אייערע טריפהנע הערצער.

ער האָט אָנגעהויבן מאַכן אָרדענונג פאַר פּיוווישעס געוועלב. אים האָט צונעהאָלפן ירוחם אַלרייטניק. די סעדער-יידן האָבן אָפּגעטרעטן און געלאָזט זיך גיין אהיים. די ווייבער זענען זיי נאָכגעגאַנגען און באַ־קרוינט מיט שיינע צונעמען:

— מאַנספאַרשוינען זענט עטץ? דרערדליגערס! טשאַפּעס צום שוואַרצן יאָר!...

---

עס איז שפּעטע נאַכט. פּיוויש זיצט איבער דעם ספר „איוב". ער זיצט שוין אַזוי זייער לאַנג און טראַכט. ער טראַכט וועגן יענעם מענטש פון לאַנד עוץ, וואָס האָט מלחמה געהאַלטן מיטן שטן און אים בייגעקו־מען. אָך, ווען ער וואָלט געקאָנט זיין אַזוי שטאַרק ווי יענער און זיך זאָגן: ה' נתן וה' לקח! — איז אָבער דאָס האַרץ ביי אים אַזוי פאַרוויי־טיקט, אַז ער קאָן זיך נישט קיין אָרט געפינען און זיך גובר זיין. אינ־גאַנצן מיט אַ דריי וואָכן צוריק איז זי נאָך געווען דאָ, אין דער דאָזיקער

שטוב. און ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק... זיין טאָכ־טער, זיין מילע, דעם רבס אייניקל, וועט נישט קיין רחמנות האָבן אויף טאַטע־מאַמע...

פון צווייטן צימער דערטראָגט זיך אַצינד אסתר לאהס קרעכצן און אין זייטיקן חדר ליגט פאַרשלאָסן אַ סוד. פאַרוואָס שווייגט זי אַזוי, די טאָכטער זיינע, ראָכטשע?

„דאָס מיידל גייט אויס ווי אַ ליכט" — האָט אים דאָס ווייב גע־זאָגט.

און ער דערמאָנט זיך, ווי נתל שמש האָט אים צוריקגעבראַנגט ראָכטשעס תנאים.

— איך האָב מיט אים איינגעטענהט: היתכן, זאָג איך, אַ טאַטנס אַ קינד, אַ יידישע טאָכטער זאָל נעמען און גאָר אַנטלויפן מיט... מיט... מסתמא, זאָג איך, איז זי אין וואַרשע, ביי קרובים אוודאי. און אויב, חס ושלום, יאָ, זאָג איך, איז האָך די עלטערע שוועסטער דאָ גאַרנישט חייב, אַז מ'זאָל איר אָפּשיקן די תנאים...

נתל האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, זיי זאָלן אים נישט בלייבן שטעקן אין האַלדז... פון גרויס צערודערטקייט האָבן זיך ביי אים אַזש געבויגן די קניען...

דאָס ווייב אין ווינקל איז בלאַס געוואָרן און זיך צעהעשעט. דאָס יהנדות האָט געדריקט נתלען:

— צו מיר, ר' פייוויש, האָט איר חס־ושלום קיין פאַראיבל?

און ער, פייוויש, איז נעגאַנגען אויף און אָפּ איבערן צימער.

— ניין, נתל, הרבה שליחים למקום: איר האָט גאָר אויסגעפירט אַ שליחות.

אסתר לאה האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— אַזוי מביש זיין אַ יידישע טאָכטער, אונדזער בלוט פאַרגיסן, עס וועט זיי געדעכנט ווערן...

פייוויש האָט זי באַרואיקט.

— לאָז אָפּ, אסתר, גאָט וויל, אַז מיר זאָלן אים ווייזן אונדזער

שטאַרקייט. געדענקסט דאָך אוודאי די מעשה פון ברוריהן: „ר׳ מאיר האָט געהאַט צוויי זין..."

נתל שמש האָט זיך ארויסגעגנבעט. די טיר איז געבליבן האַלב אָפן. פון אַנדערן צימער איז אריינגעקומען חוטשע. זי האָט אַ בליק געוואָרפן אויפן פאָטער, אויף דער מוטער און זיך פאַרענטפערט:

— כ׳האָב געמיינט עפּעס אַ באַקאַנטע. נישט געווען קיין חברטע צו מיר?...

און דער זון זיינער? וואָס איז עס מיט אים? איז דאָס האַרץ זיינס שוין אַזוי פאַרשטיינערט, אַז ער פילט גאָרנישט, וואָס עס קומט פאָר אין זיין טאַטנס שטוב? שטענדיק איז ער פאַרטון אין אַנדערע זאַכן. מיט וואָס קאָן ער דאָס זיין אַזוי שטאַרק פאַרנומען, אַז עס אינטערעסירט אים גאָרנישט דער אונטערגאַנג פון זיין טאַטנס הויז?

פייוויזשעס טרויעריקע מחשבות ווערן פלוצים איבערגעריסן. פון דער סיך דערטראָגן זיך קלעפּ. ער שטייט אויף און צינדט אָן אַ ליכט. דער זייגער איז פונקט צוויי. ווער קאָן דאָס קלאַפּן אַזוי שפּעט ביי־נאַכט? באַלד אָבער שפּרינגט שמואלקע פון דער קאַנאַפּע. ער איז בלאַס און צעטראָגן און זוכט עפּעס נערוועז אין די שופלאָדן.

— דאָס מיינט מען מיך, טאַטע. וועק נישט די מאַמע.

די טיר עפנט זיך. עס גיט אַ בליץ אַן עלעקטריש לעמפּל. די שטוב ווערט פול מיט פרעמדע מענטשן אין פּאָליציייאישע מונדירן. צוויי ציוויל־געקליידטע טענהן עפּעס איין מיט שמואלקען. שמואלקע שטייט דרייסט, זיינע אויגן ברענען...

פייוויש ווייסט נישט, וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער ביסלעכווייז הייבט אים אָן אַלץ קלאָר צו ווערן, און ער ווערט באַהערשט פון דעם זעלבן געפיל, וואָס ער האָט געהאַט דעמאָלט, ווען מ׳האָט אים געזאָגט, אַז מי־לע זיצט ביים גלח און גרייט זיך צו עפּעס, פון וועלכן דאָס בלוט איז אים שטיין געבליבן אין די אָדערן...

און ער שטייט אַ פאַרשטיינערטער, זעט ווי שמואלקע רעדט עפּעס צו דער מאַמען, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, ווי אַ ווייס גע־

שפּענסט אין דער טיר. אָט קושט ער זי שוין אין די באַקן, איבער וועל־
בע עס קייקלען זיך גרויסע טרערן.

— זיי געזונט, טאַטע!

שמואלקעס האַנט באַרירט זיינע פינגער.

און די שטוב בלייבט לער.

און אסתּר לאהס בליפּענדיק געוויין גראָבט זיך אריין ווי אַן עק־
בויער אין זיין האַרץ...

# משפחה-בלוט

בום, בום, בום.

בום, בום, בום, בום...

אנטעק איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק מיט דער פּויק אויפן בויך און צונויפגערופן די שטאָט.

פון די עקן, ווו ס'הייבן זיך אָן גאַסן, האָבן זיך געצויגן שורות מענטשן צו דער עלעקטרישער לאַמטער. איבער אנטעקס קאָפּ איז שוין הויך געשטאַנען די זון. איז עס אנטעקן פאַרגעקומען, אַז די זון — דאָס איז ער. האָט ער פאַררוקן די קאַרטאָפל-נאָז און געקוקט מיט גרויס שטאָלץ אויף די אָביוואַטעלעס. באַלד איז אַרום אנטעקן געוואָרן אַ ראָד, דערנאָך נאָך אַ ראָד און נאָך אַ ראָד. גאַנצע רעדער מענטשן און ער, אנטעק, דער מאַגיסטראַט-שײַגעץ, איז געווען דער מיטן פון די אַלע רעדער מענטשן. דער מאַרק איז שוין געווען פול, און אנטעק האָט נאָך אַלץ געפּויקט, כאָטש קיין מענטשן זענען שוין מער נישט צוגעקומען. דער עולם איז געוואָרן אומגעדולדיק און געפּאַדערט פון אנטעקן, ער זאָל שוין אויסרופן דאָס נייעס. אנטעק מאַכט זיך אָבער נישט וויסן. ער האָט צייט: אַז עס קומט אים אַזוי זעלטן אויס צו פּויקן איבער דער שטאָט, פּויקט ער איצט מיט אַ געוואַלדיקער תאווה און ציט אַרויס בײַ דעם עולם די נשמות.

דערווײַל שמועסט דער עולם זיך דורך. יוקל שנײַדער און אַלטער אַלוואַס האָבן מורא, אַז דאָס פּויקן זאָל נישט אַמאָל האָבן אַ שייכות מיט ייִדן. זלמן איטשע קאַניאַזש און ירוחם אַלרייט טראַכטן וועגן פערד. מסתמא זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין אַ הויף אַ פּאָר פערד, פּויקט מען אויס. זיי אַרט עס נישט. זיי זענען גאַנצע אַכט טעג נישט געווען אין פּלוינע, האָבן זיי נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן.

קרעמער טראַכטן, אַז דאָס פּויקט מען ווען אַ טערמין. איז מען דאָך שוין אַריינגעקראָכן מיט אַ גאַנצן חודש אין דריטן קוואַרטאַל אַריין און קיין פּראָלאָנגאַציע אויף די „זעזאָניעס” וועט דאָס מאָל נישט זיין. שטאַרק פאַרזאָרגט זענען אויך די בעלי-מלאכות: רעדט מען דאָך עפּעס אין שטאָט וועגן עקזאַמענס. מער פעלט זיי נישט, ווי אויף די עלטערע יאָרן צו נעמען אַ פּעדער אין דער האַנט אַריין! די גאָרל האַלט מען קוים, קוים...

דער איין און איינציקער, וואָס איז ביי זיך זיכער און שמייכלט כסדר, איז דאָס קאַנצעלאַריע-יידל. הענעך ווייסט וועגן וואָס אַנטעק פּויקט. האָט ער דאָך שוין איבערגערעדט וועגן דעם ענין מיט חיים שי-קאָרעס. ס'איז, וואָס אַן אמת, יידיש פאַרמעגן, אָבער האַנדלשאַפט איז נישט קיין ברודערשאַפט. פונדעסטוועגן דאַרף ער קיינעם וועגן דעם נישט דערציילן. זאָל מען געוווּיר ווערן פון אַנטעקן, נישט פון אים. אַנטעק קאָן זיך דערלויבן צו זיין דער שלעכטער...

ס'איז אָנגעקומען דער טויבער עזריאל און אויסגעשטעלט די אויערן מיט אַ גרויס לעכצעניש צו הערן דאָס נייעס. אַנטעק האָט דערווייל אויפ-געהערט צו פּויקן. ער האָט מיט דעם אַרבל אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים און פאַרוויקלט אין ביבולע אַביסל מאַכאָרקע. ווען אַלע הכנות צום רויכערן זענען שוין געמאַכט געווען, האָט ער ערשט מודיע געווען דעם עולם, אַז פּרייטיק, דעם עלפטן שערפּיען, צען אַזייגער אינדערפרי, וועט אין כשאַנעוו פאָרקומען אַ ליציטאַציע: מ'וועט ליציטירן די מיל פאַר פאַרלעגנגע שטייערן. ווער עס וויל נעמען אָנטייל אין דער ליציטאַציע, דער זאָל...

די פאַרזאַמלטע האָבן אויפגעשטעלט מויל און אויערן. באַלד איז צווישן עולם דורך אַ געמורמל.

פּנחסל איציק לייבס מיל.

אַממייניסטן האָט עס פאַרדראָסן די בעלי־מלאכות: יידיש האָב און גוטס. פונדעסטוועגן האָט עס זיי אין דער שטיל הנאה געטון, וואָס דער־ווייל מיינט מען נישט זיי.

יוקל האָט מיט מרה-שחורה אויסגעדרייט דעם קאָפּ אָן א זייט און א שאָקל געטון צום מאַגיסטראַט־צו.

— ווער ווייסט, צי א ייד וועט נישט אמאָל קויפן די מיל? אז ס׳איז שוין היינט אוים אחדות ביי יידן. נישט דאָס, וואָס אמאָל. הא, אלטער?

אלטער האָט יאושדיק צוגעשטימט:

— ס׳וועט נישט קויפן קיין ייד, וועט קויפן א גוי. היינטיקע צייטן איז אחדות א שווערע זאַך...

חיים שיקאָרעס איז געגאַנגען אויף און אָפּ א פאַרטראַכטער איבער זיין חדר. ער האָט געקלערט וועגן היינטיקע שווערע צייטן. די וועלדער זענען אויסגעהאַקט. מיט גאַזשעלניעס און בראָוואַרן איז שוין אויך נישט דאָס, וואָס אמאָל. די פּריצים — מיט זיי איז גאָר שווער: אז אַלץ גייט אין די סינדיקאַטן! איצט מאַכט זיך אים אזא געלעגנהייט: א מיל און פאַר א שיבוש. איז אָבער דערביי פאַראַן א מניעה: יידיש פאַרמעגן. עס וועט באַלד ווערן אין שטאָט א רעש. ניין, דאָס איז אים טאַקע נישט צום האַרץ, אָבער וואָס האָט ער איינגנטלעך מורא צו האָבן פאַר די איציק לייבס לייט? קיין שלום איז צווישן זיי קיינמאָל נישט געווען — שוין א פּאָר דורות אזוי — און משדך זיין זיך מיט זיי דאַרף ער אויך נישט. דאָ האָט זיך חיים שיקאָרעס דערמאַנט אָן עפּעס און א מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי צו פאַריאָגן א בייזע פליג. זיין טאָכטער?... ניין, ער וועט דערצו נישט דערלאָזן. איצט וועגן פנחסלען. מיט פנחסל איציק לייבס האַלט שלעכט. איז וואָס קאָן ער אים העלפן. זאָל ער דעריבער נישט קויפן די מיל? אין שטאָט שמועסט מען, אז פנחסל איז געוואָרן א גאַנ־צער ציוניסט. איז דאַך אַוודאי נישטאָ וואָס צו נעמען זיך צום האַרץ. ס׳איז אָבער פאָרט נישט אינגאַנצן כשורה — טראַכט חיים שיקאָרעס און ווערט אַלץ מער פאַרזאָרגט.

מיטאַמאָל בלייבט ער שטיין אין מיטן שטוב און דאָס פּנים שטראַלט אים אויף פון א פלוצלינגדיקן געדאַנק: ער האָט געפונען אָן אויסוועג פון דעם בין המצרים. די מיל וועט ער טאַקע אָפּקויפן אויף דער ליציטאַציע,

אבער נישט אויף זיין נאמען, און שפעטער וועט דאס זיין א פיינער נדן פאר זיין טאכטער, פאר ליובען...

*

אין פלוינע האט זיך געקאכט.

פון מויל צו מויל האט זיך געטראגן די ידיעה.

— חיים שיקארעס האט אפגעקויפט פנחסל איציק לייבס מיל אויף דער ליציטאציע.

זענען מתנגדישע באלעבאטים אריין מיט א רוגזה צום רב אין שטוב.

— היתכן, אזא נבלה זאל אפגעטון ווערן ביי יידן! אין מיטן העלן טאג: לעיני כל ישראל? ווו איז יושר? און ווו איז דער מרא דאתרא?

האט זיך ר' יחזקאל בר' יהודה, חונה פה ק"ק פלוינע, א גלעט גע-טון די בארד, פארגלאצט די אויגן און א זאג געטון אין כלל אריין.

— אן עוולה, אן עוולה פון א ייד. מ'וועט אים קנסן, כאטש א שלוש מאות זהובים וועט ער מוזן געבן...

— אבער רבי — איז שלום קצב ארוים מיט א טענה — און ס'וועט אזוי בלייבן? פנחסל איז א יורד. איר, רבי, וועט דערצו דערלאזן!

האט זיך דער מרא דאתרא א בייזער געטון.

— כ'האב דאך אייך געזאגט, אז מ'וועט אים קנסן.

און ר' יחזקאל האט זיך גענומען שרייבן די הכשרים און צורעכט מאכן אנדערע דיני ממונות.

*

איציק לייבס משפחה איז געווען אויפגעבראכט. טייל זענען געלאפן צום רבין, צו חיים שיקאר־עס רבין. זיי זענען אהער צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט. חיים שיקארעס האט שוין אלץ געהאט באזארגט. אנדערע האבן אויף די שוועלן פון די נגווילבער זיך געקריגט מיט שיקארעס לייט און זיי דערמאנט אז דעם יחוס זייערן, וואס עס האט זיך מיט זיי, מיט די שיקארעס, אפגעטון אין די צייטן פון מלך סאביעסקים מלחמות. נישט בחינם האט מען דעם אלטן שיקארעס מאמע אמאל גערופן די פערסיא-נערין...

און עס האָט אויפגעפלאַקערט די מלחמה צווישן די ביידע משפחות, ווי אַמאָל אין די צייטן פון דעם אַלטן איציק לייב, ווען שיקאָרע האָט דעם איידעם זיינעם, הערצקע, דעם ראַדזימינער מורה־הוראהס זון, מעביר געווען פון רבנות.

*

מאַטיאַס האָט זיך געפילט געטראָפן.

ער האָט שוין לאַנג נישט געהאַט קיין מגע־ומשא מיט זיין משפחה. ער האָט זיי אויך נישט איבעריק ליב געהאַט. אָבער איצט האָט זיך אין אים אַליין דערוועקט דאָס משפחה־בלוט. אין דער עוולה, וואָס חיים שי־קאָרעס איז באַגאַנגען אַקעגן פנחסלען, האָט ער געזען דעם המשך פון דעם דורות־לאַנגן קאַמף, וואָס קומט פאָר צווישן זיי. נאָך ערגער איז געווען דאָס, וואָס אין דער גאַנצער געשיכטע איז געווען פאַרמישט ליו־בעס נאָמען. איר נדן זאָל דאָס זיין...

ער איז געגאַנגען אין דער פּאַסער אַלעע און געוואָרפן אומגעדול־דיקע בליקן אין אַלע זייטן. ליובע איז נאָך נישט געווען. נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, האָט ער איצינד אין געדאַנק פאַרגלייכט חיים שיקאָרעס מיט זיין פאָטער, מיט לוין. חיים שיקאָרעס, דער בעל־תקיף אין שטאָט, וואָס פאַרמאָגט אַנגעשטאָפּטע שפייכלערס מיט עשירות, וואָס שטאַמט פון גזלה, אויסגעמישט מיט יראת־שמים און — זיין פאָטער! אַ רויב־פויגל אַקעגן אַ טויב! ווי קומט אָבער ליובע צו אַזאַ פאָטער? און מאַטיאַס טראַכט, אַז ליובעס שיינקייט איז אַ פאַרבלענדעניש, אַז זי איז נישט מער, ווי אַ טאָכטער פון חיים שיקאָרעס...

ליובע איז אונטערגעקומען מיט לייכטע טריטלעך. אויף איר פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ שפּאַטיש שמייכעלע. ווי אַלעמאָל, האָט זי אויך איצט, טרעפנדיק זיך מיט מאַטיאַסן, געשוויגן און געוואַרט, ער זאָל אָנ־הייבן רעדן. אירע אויגן אָבער האָבן זייער פיל גערעדט. מאַטיאַס האָט אין זיי געלייענט אַ גרינגשעצונג צו זיך. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ליובען טוט הנאה פון דעם, וואָס דער טאַטע אירער האָט אָפּגעטאָן זיין, מאַטיאַסעס, משפּחה. אין אים האָט אויפגעוואַכט דער כעס פון זיין על־טער־זיידן איציק לייב. ער האָט אַן אויפגעברויזטער זיך אָנגערופן:

— דו ביסט שוין, ליובע, פאַרזאָרגט מיט אַ צוקונפט.

ליובעס ווייס פּנימל איז געוואָרן בלוי. באַלד אָבער האָט זי זיך באַהערשט:

— אין שטאָט זאָגט מען, אַז איך וועל חתונה האָבן מיט אַ דאָקטאָר, דאַרף איך דאָך האָבן אַ נדן. יידישע סטודענטן האָבן ליב נדנים.

און כדי דער שטאָך זאָל זיין טיפער, האָט זי צוגעגעבן:

— כ'מיין נישט דיך צו באַליידיקן. דו וועסט דאָך נישט זיין קיין דאָקטאָר.

מאַטיאַס האָט געפילט ווי דאָס בלוט האָט אין אים אויפגעזאָטן. אַלע עוולות, וואָס זענען ווען עס איז אָפּגעטון געוואָרן זיין משפחה דורך די שיקאָרעס, זענען מיט איינמאָל אויפגעשווומען אין זיין זכרון. ער האָט מיט שטאַרע אויגן געקוקט אויף ליובען.

ליובע איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געקוקט אויף אים מיט קאַלטע אויגן. איר גלייכגילטיקייט האָט אים נאָך מער אויפגערייצט. ער האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט באַהערשן און ארויסגעזאָגט:

— איך שטעל מיר שוין פאָר, ליובע, ווי דו שטייסט אין דער מיל, וואָס דיין פאָטער האָט פאַר דיינעטוועגן אוועקגעזלט ביי אַ רואינירטן מענטש. ס'קומען אָן פויערים מיט זעקלעך ווייץ צום מאָלן. דו ווענסט דעם ווייץ, און אַז אַ פויער קוקט אוועק, נאַרסטו אים אויף דער וואָג...

ליובע האָט אויפגעציטערט. זי האָט מאַטיאַסן אָפּגעמאָסטן מיט אַ צאָרנדיקן בליק און אים אַ שליידער געטון אין פּנים אריין:

— איציק לייבס פּאַקאָלעניע!...

מאַטיאַס האָט געפילט, ווי עפּעס אין אים האָט זיך אָפּגעריסן און איז אוועקגעפאַלן אין אַ טיפן אָפּגרונט אויף אייביק...

# מאַטעריאַליזמוס און אידעאַליזמוס

די היץ איז געווען גרויס, עס איז געפאַלן ממש פייער פון הימל. דער זשוויר, אויסגעמישט מיט סמאָלע, האָט געברענט די פיס און פונאנדערגעטראָגן א שטיקנדיקן ריח. אַלטע פאַרטרוקנטע ביימער מיט אָפּגעהאַקטע צווייגן האָבן געוואָרפן שמאָלע פאַסן שאָטן, די טעלעגראַפן-דראָטן, שטענדיק אָנגעצויגענע ווי סטרונעס, האָבן זיך נאָכגעלאָזט און געווייגט מיט א קוים-זעבאַרן ציטער. פייגל זענען געשפרונגען פון די הייסע דראָטן אויפן מיטן וועג אַרויף און געזוכט פאַר זיך שפּייז אין דעם אָפּפאַל פון אַנדערע, גרעסערע און שטאַרקערע באַשעפענישן.

דער וועג האָט זיך געצויגן באַרג-אַרויף.

פון ביידע זייטן זענען געגאַנגען שורות ווייבער מיט קיישלעך אין די הענט. טייל האָבן געהאַט פאַרוואָרפן צוזאַמענגעבונדענע פעק איבערן אַקסל. אַנדערע זענען געפאַלן אויף א המצאה: זיי האָבן אויף א דיקן שטעקן אָנגעהאָנגען א האַלב טוץ פעק מיטאַמאָל און זיי געטראָגן צוזאַמען. הינטער זיי זענען נאָכגעגאַנגען מאַנסבילן מיט אָנגעהאָנגענע זעקלעך אויף די פּלייצעס און שווערע בלעכן אין די הענט.

טייל בכבודיקע נעכטיקע סוחרים, זענען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. זיי האָבן געטראַכט וועגן די אָפּגעגעבענע פּאַטענטן, פאַרמאַכטע געוועלבער און וועגן דער „מלאכה-בזויה". אַנדערע זענען געווען צוגעוווינט צו דער פּראָפעסיע, זענען זיי געגאַנגען מיט פאַרריסענע נעז און חוזק געמאַכט פון די יידן אין די שוואַרצע קאַפּאָטעס, וואָס האָבן זיך געשעמט מיט די זעקלעך פלייש.

דער האַנדל איז געווען לעגאַל. וואָס ווייניקער ס'איז געוואָרן די צאָל אויסגעקויפטע פּאַטענטן אין פּלוינע, אַלץ מער „קאָנצעסיעס" האָט דער שטייער-אַמט אַרויסגעגעבן אויף „וויוווז". דאָך האָט דער גאַנצער קאַ-

ראוואן געמאַכט אַצינד אַן איינדרוק פון אַ חברה קאָנטראַבאַנדיסטן, וואָס האַלטן זיך אין אַ זייט פון ברייטן וועג. מעגלעך, די שרעק איז זיי געקו־מען פון געוווינהייט, נאָך פון דער דייטשער אָקופּאַציע...

לוי איז נאָכגעגאַנגען דעם ווייב מיט אָפּשטענע טריט. דער שווייס איז גערונען פון זיין פּנים און זיינע ליפּן האָבן געפּליסטערט די ווערטער פון שיר:

„לבי במזרח ואנכי במערב..."

„דאָרטן", „דאָרטן" — האָט ער געטראַכט — איז די היץ נאָך גרעסער. גוט, וואָס ער געוווינט זיך צו. און די זאַמדן מאַכן אויך נישט אויס. דאָרט גליט די ערד און מ'שטייט מיט די אַקעראייזנס אונטער דעם הייסן מזרח-הימל. אָך, ווען וועט ער שוין דערלעבן דאָס צו זען מיט די אייגענע אויגן? עד מתי, עד מתי? פון „שלום ושלווה" איז אויס. ס'האָבן געפּלאַצט אַלע ארץ ישראל-חברות, אונטערגעגאַנגען אַזוי שנעל, ווי שנעל זיי האָבן זיך געשאַפן. די פּאָר צענדליק פונט, זיין גאַנץ פאַרמעגן, דעם ווייבס האָרעוואַניע געפינט זיך אין פרעמדע הענט. דער כהן כהנאָ־וויטש מיט דעם הדרתדיקן פּנים איז, דאַכט זיך, אַ גאַנץ פיינער מזרחיסט, אַ משלנודיקער, אַ ייד מיט אַ נאָמען, און דאָך... ווער ווייסט? ווער קאָן ערב זיין?... מען שמועסט דאָך, אַז דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען פאַר דרייסיק יאָר צוריק — עפּעס אַ מעשה מיט דער קאָלאָניע „רחובות". יידן האָבן געטראָגן גראָשנס און רובלס, דער רעש און געפילדער איז געווען גאָר גרויס און צום סוף... זאָל יענער אַלטער מאַן אויף דער פאַרזאַמלונג פון „שלום ושלווה" — האָבן געזאָגט אמת? זאָל דאָס זיין אמת, אַז די פּלאַנטאַציעס זענען געבליבן ביי די כלל-טוער? און לוי באַגרייפט נישט, ווי אַזוי יידן, וועלכע רעדן תמיד וועגן ציון און פאָלקס-זאַכן, זאָלן האָבן דערביי אויך זייטיקע פּניות, אַז ביי אַזאַ הייליקער זאַך, ווי ישוב ארץ ישראל, זאָלן קאָנען אָפּגעטון ווערן אַזעלכע מעשים. זאָל דאָס זיין אמת, אַז די הויכע פּקידים אין ארץ ישראל ווינען אין פּאַלאַצן, האָבן וויינ־גערטנער, קאַפּיטאַלן אין די בענק?...

און לוי טראַכט, אַז ס'איז שוין באַלד אַזוי ווי אין די צייטן פון עזרא און נחמיה, ווען די שרים און אדונים האָבן זיך צעטיילט מיט דער

ערד און די הייזער און פארן דלת-העם איז גאַרנישט געבליבן. דעמאָלט איז אָבער געקומען דער נציב נחמיה. ער האָט סקאַסירט די חובות, פונ־אנדערגעטיילט די ערד אויף גלייכע חלקים און געזאָרגט פאַר די נייע עולים. אָבער היינט?... היינט זיצט אויף דעם הר הצופים דער נציב יהודה און צעטיילט די ארץ ישראל-ערד... צווישן די אַראַבישע שייכן! אין לוין דערוועקט זיך אַ גרימצאָרן אַקעגן אָט דעם בוגד, דעם פאַררעטער פון דער הייליקער זאַך.

שלעכט, שלעכט, טראַכט לוי. רע מאד. ער האָט פאַרפירט מענטשן: יאַנטשע דעם שוואָגער, פנחסל איציק לייבס, די בעטקעס און די דאָרפס־לייט מיט די בעלי־מלאכות. ווי אַזוי וועט ער זיך קאָנען ביי זיי אויס־קויפן? און ער אַליין? זיין האָפענונג צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט אויפן סמך פון אַ קושאַן אויף ערד — ווערט אויך ביסלעכווייז צערונען.

לוי באַשליסט אָבער נישט מוותר צו זיין אויף זיין אידעאַל. היינט נאָך, היינט, אַזוי ווי דאָס ווייב וועט אים נאָר באַפרייען פון די פּעק, וועט ער ארויף און שטורעמען דעם פאַלעסטינא-אַמט. ער וועט זיי אָלע־מען זאָגן אַ פּאָר ביטערע ווערטער, דערקלערן, וואָס עס איז אַזוינס ציו־נות... אָבער פּלוצלינג האָט לוי באַקומען אַ שנעל אין אויער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. בנימין מלמד האָט געקוקט אויף אים מיט ביטול.

— ווען פאָרט אַ ייד קיין ארץ ישראל?

לוין האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס בנימין האָט אים איבערגעריסן זיי־נע געדאַנקען.

— וואָס האָסטו עפּעס, בנימין, לעצטנס אין זינען באַקומען ארץ ישראל?

בנימין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— הער, לוי, וואָס איך וועל דיר זאָגן — כ'האָב אַצינד פאַר קיינעם קיין מורא נישט. כ'בין אויס מלמד — די וועלט, זאָלסטו וויסן, איז איינגעטיילט אין צוויי מחנות. אַ קליינע מחנה און אַ גרויסע. די קליינע מחנה, דאָס זענען די גבירים און די אונטערדריקער, וואָס פּאַשען זיך, ווי די פּרות הבשן, שפּילן זיך פאַר ווילטאָג אין גבירישע שפּילערייען: אין אַ לאַנד, אין אַ שפּראַך און אין נאָך אַזעלכע שטותערייען. די אנדע־

רע, די גרויסע מחנה, דאס זענען מיר און אלע אונטערדריקטע, וואס האלטן מלחמה פארן שטיקל ברויט. שיקן די מיידלעך קיין ווארשע אויף שטעלעס און די זין גיסן ארויס די פאמיעס ביי די טאנדייטערס. ס'איז, ווי דער נביא זאגט: כולם רוצחים. די גאנצע אייראפעאישע קולטור מוז אונטערגיין.

לוי האט טרויעריק געשמייכלט.

איבּ אזוי, בין איך א גרויסער גביר. איך וועל מיין לאנד און מיין שפראך, די שפראך פון די אבות, נישט אויסטוישן אויף קיין שום זאך אין דער וועלט.

— ביסט א בטלן, לוי, דיין גלויבן איז רוחניות. איך האלט מיך ביי מיין שיטה: דער עיקר איז חומריות — מאטעריאליזמוס. אידעאליזמוס איז אן אויפטו פון די זאטע. לייען איבער...

לוי האט דערהערט הינטער זיך א שטימע.

— וואס שלעפסטו זיך ווי א ליימענער גולם? דער סיגנאל איז שוין אויפגעשטעלט. נאך פינף מינוט צו דער באן. וועסט ביינאכט רעדן פאליטיק.

אלטע האט זיך אויסגעדרייט. אפגעסאפעט און אפגעווישט מיטן ארבל דעם שוויים פון נישט געוואשענעם פנים.

דער אוואנגארד פון דעם קאראוואן האט דערגרייכט די שוועל פון וואקזאל. פארן פעראן, אין ביידל, האבן די צוויי באן-באאמטע אוועקגעליינט מיט כעס די טאליע קארטן און אנגעהויבן ארויסלאזן די נייע פלוינער סוחרים. זיי זענען געגאנגען דערשראקענע מיט אראפגעלאזטע קעפ, ווי זיי וואלטן גענגבעט. באלד איז אנגעקומען דער צוג. ס'איז געווארן א שטופעניש און געדרענגעניש. איינער דעם אנדערן האט געשטויסן מיט געשרייען און זידלערייען. פעק זענען געפאלן אונטער די רעדער. פיס האבן געטרעטן און זענען געטרעטן געווארן. דער גאנצער עולם ארום די טירן האט זיך צונויפגעקנוילט אין איין גרויסן פלאנטער.

פון דער צווייטער קלאס האבן דורך די פענצטער ארויסגעקוקט זא-

טע פּנימער פון אויסגערוטע פּאַסאַזשירן. זיי האָבן זיך גענלעט די לאַנגע וואָנסעס און מיט ביטול אויסגערופן:

— אַזיאַטן!...

דער הויפּט־קאָנדוקטאָר מיטן פּייפל אין מויל האָט צוגעשמייכלט און אַ פּייף געטון פאַר דער צייט, כדי צו אַמוזירן די זאַטע פּנימער אין די פענצטער. דער טומל איז געוואָרן נאָך גרעסער. דער צוג האָט גערירט.

# די מאַריאַנסקע

נישט ווײַט פון גזשיבאָוו, וואָס פֿירט אין דער יידישער געגנט, ליגט, אײַנגעקוועטשט צווישן צוויי הויפט-גאַסן פון יענעם קוואַרטאַל, דאָס מאַריאַנסקע געסל. דער טומלענדיקער און מענטשן-ווימלענדיקער גזשיבאָוו ציט זיך אויס האַלב-רונדיק און שלינגט איין די אַרומיקע גאַסן און געסלעך, אָנפּילנדיק זיי מיט קלאַנגען און מעלאָדיעס, היסטערישע קולות און נערוועאישע העוויות און תנועות. נעבן די גרויסע אייזן-מאַגאַזינען שטייען יונגען מיט גרויסע בעקנס אויף די קעפּ און רופן אויס די פּאַרשידענע מינים סחורה, שוואַרץ-הגעוודיקע מיידלעך טראָגן אַרום גלעזערנע קריגן מיט העל-רויטן געטראַנק, גרייט צו שטילן דעם דורשט פון די הונדערטער מעקלערס, לאָטעריע-יידן, געלט-טוישערס, טרעגערס, פּורמאַנעס און יונגע באַלעבאַטימלעך, וואָס זוכן אין גזשיבאָווער טומל אַ תכלית. ביי די טויערן זיצן יידענעס מיט טריבע אויגן, אַרומגעוויקלט די קעפּ מיט דערעלעך, און מעסטן אָפּ פאַר די חדר-ייִנגלעך מעסטלעך באָב און ארץ ישראל ניסלעך. פון הייסן באָב שלאָגט אַ פּאַרע און מישט זיך אויס מיט דעם אייל און נאַפּט-גערוך פון די אַרומיקע זייף-געועלבער. פּראָווינצער יידן מיט צעשראָקענע אויגן און פאַרפּלאָמטע פּנימער, אָנגעטאָן אין הויכע יוכטענע שטיוול און קאַפּאָטעס ביז צו די קנעכלעך, לויפן איבער די טראָטואַרן, מאַכנדיק זיך אַ וועג מיט די הענט. קומען אָן איילנדיק פון דער באַן און גייען אָפּ מחנותוויז, באַלאָדן מיט פּעק. און טרעפט מען זיך מיט אַ שכן אָדער באַקאַנטן פון אייגענעם שטעטל אין דעם ים פון מענטשן, איז די שמחה געוואַלטיק גרויס, ווי מ׳וואָלט זיך שוין לאַנגע יאָרן נישט געזען, ווי פון דער „אַכטער באַן", מיט וועלכער מען איז געקומען צוזאַמען, וואָלטן אַריבער אייביקייטן.

אַביסל פאַרשעמט, נישט דרייסט פאַרפאַרן אין דראָשקעס „קופּ-

צעם״, נייע געוועלבניקעס, ווייסן ווו צו קויפן אויפן גזשיבאָוו ביליק סחורה ביי יידן און זי שפּעטער, אינדערהיים, נאַציאָנאַליזירן... זיי דרייען זיך אַרום אומגעדולדיק, ווי די ערד וואָלט דעם טריט געבריט, כאַפּן זיך אַריין בגנבה אין די סקלאַדעס, פאַרפּאַקן די סחורה און פאָרן זייטיק אָפּ צו דער באַן.

איבער די מויערן פון גזשיבאָוו טורעמט זיך די קירך פון „אַלע היי-ליקע״, קעניגט דאָ איבער אַ פרעמד קעניגרייך. דער פּאַסאַד פון דער קירך, די פאָרטאַלן און קאָלומנעס פון שפּעטערן רענעסאַנס שאַפן מיט זיך אַ קאָנטראַסט צו די איין און צוויי שטאָקיקע געלע הייזלעך, באַ-קלעבטע מיט בלעכערנע שילדן און געדעקטע מיט פּאַפּע-דעכער.

אונטער דער קירך, אין די הייל, געפינט זיך אַ גרויסער געוועלב-טער זאַל. נידערן אַראָפּ דאָרט אַהין נאָך דעם pacem requiem eternam די מתפללים און הערן אויס די פייערדיקע דרשות פון גלח גאַלעווסקי. דער גלח שיט מיט פעך און שוועבל אויף די שונאים פון דער קירך און צינדט אָן אין די הערצער פון די גלויביקע דעם פלאַקער פון אמונה. ברענט דאָס פייער, ברענט, און ווערט עס פאַרלאָשן, טליעט עס... ביז אַ צייט, ביז אַ צייט. אָ, עס וועט קומען די צייט. דאָס פילן, דאָס ווייסן ביי זיך די גלויביקע.

עס מאַכט זיך אַמאָל — אַ יונגערמאַן פון אַ רייכן טאַטן אין גזשי-באָווער געגנט ציט זיך אַריבער אויף קראָקעווער פאָרשטאָט, אויף „די נייע וועלט״, צי גאָר אין די אַלעען — דאַן קומט ער נאָך יאָרן, ווי פאַרבענקט נאָך דעם היימישן, גייט אַריין אין דער קירכע פון „אַלע היי-ליקע״, און דער גלח גאַלעווסקי באַשפּריצט אים מיט הייליק וואַסער און איז אים משנה שם. האָט אַזוינער געהייסן חיים שלמה, באַקומט ער דעם נאָמען פראַנציישעק סאַלעזי, איז זיין מעטריקע-נאָמען הערש, בלייבט ער שוין הענריק. נאָר די ביינעמען ווערן נישט געענדערט. לעווענטאַל בלייבט לעווענטאַל און נוסבוים איז נוסבוים. אָט אַזוי ווערט די באַצי-אונג צו דער קירך אַ היימישע, כמעט אַ פאַמיליאַרישע. צו וואָס גיין אין פרעמדע קירכן, אַז דאָ איז אַלץ אַזוי נאָענט און באַקאַנט נאָך פון די יוגנט-יאָרן.

גאר אין א זייט ליגט דאס מאריאנסקע געסל. דא דערגרייכן קוים די קלאנגען פון רווישיקן גזשיבאוו. די איינוואוינער האבן דא געלעבט פון שטענדיק אן שטיל, באשיידן. ביז, ביז די צייטן האבן זיך געענדערט און דער נאמען „מאריאנסקע" האט אנגעהויבן קלינגען אין אלע עקן פון דער פוילישער רעפובליק. דאס מאריאנסקע געסל איז געווארן מער פאפולער, ווי די נאלעווקיס, מער פאפולער, ווי דער מיניסטער גראבסקי, און אויף די קרעסן האט דער נאמען „מאריאנסקע" געוועקט נייע האפענונגען...

אין יענעם יאר האבן טאג-איין, טאג-אויס דורכן גזשיבאוו גע-שטראמט אין מאריאנסקע געסל אריין הונדערטער מענטשן. דאס הויז נומער צען איז פון די פריסטע מארגן-שעהען אן ביזן שפעטן אוונט גע-ווען ממש באלאגערט. דער פאלעסטינע-אמט האט מיט זיך פארגע-שטעלט א קליין מלוכהלע. אויף די עטלעכע שטאקן זענען געווען צוזא-מענגעפרעסט פארשידענע אפטיילונגען. ס'האט געמאכט דעם איינדרוק פון א מין אויסערן-מיניסטעריום, א שיפס-געזעלשאפט, קאנסולאט און עמיגראציע-ביורא צוזאמען. ביי די טירן זענען אנשטאט פאליציי, גע-שטאנען די „וואזשנעס" און געקעמפט מיט די „עולים", וואס האבן שוין גישט געהאט קיין געדולד צו זיצן און ווארטן אינדערהיים אויף די סער-טיפיקאטן און דרישות. מען האט זיך געשטויסן צו די „מחלקות". אין יעדער אזא „מחלקה" איז זיך געזעסן דער לייטער און מעשה-באלעבאס אויסגעהערט די שטייענדיקע יידן און פרויען. גלייכגילטיק און טרוקן האט געקלונגען דער ענטפער: „יא" אדער „ניין". אין א באזונדער קאלט צימער האט מען אויסגעטון נאקעט די עלטערע יידן, געמאסטן זייערע כוחות און געזוכט שפרענקעלעך אויף די צעקנייטשטע לייבער מיט די איינגעפאלענע בריסטן. אין אן אנדערן „זאל" האבן זיך געקוועטשט אין דער ריי מאמעס מיט קינדער, וואס פארן צו טאטעס, כלות — צו חתנים, מיידלעך מיט געשווירענע האר און אין קורצע קליידלעך — אין די קבו-צות. ביי יעדן האט געקלאפט דאס הארץ און די ליפן האבן געשעפטשעט: ווי קומט מען שוין אדורך... די ענגלישע קאנטראל איז געווען די הויפט-זארג און גרעסטע מאטערניש פון יעדן עולה.

לוי איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך אין דער גרויסער ענגשאַפט געוואָרפן אין זײַנע אויגן און דערפרייט זײַן נשמה, זענען געווען די העברעאישע אויפשריפטן. עס האָט אויף אים אַ ווייע געטון מיט ארץ ישראלדיקער לופט און אַ טיפער ציטער איז דורך איבער זײַן לײַב. אַט דערגענטערט ער זיך שוין אין גלות צו זײַן אידעאַל. זײַן חלום ווערט אַ ממשותדיקע זאַך. פּלוצלינג האָט זיך אָבער ווי אַ כמאַרע אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן פּנים און צעשטערט דעם דערהויבענעם אײַנדרוק. לוי האָט באַמערקט אַזוינס, וואָס ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט געקאָנט מוחל זײַן: די העברעאישע אויפשריפטן זענען געווען נישט גענוי על פּי דקדוק. הייסט עס, אַז דאָ, אין דעם מקום קדוש (לוי האָט שטענדיק געדרונגען, אַז די הייליקסטע זאַך איז ישוב ארץ ישראל און במילא ווערט יעדעס אָרט, וואָס האָט אַ שייכות צו דער מצווה — הייליק), דאָ זיצן מענטשן, וואָס קענען נישט לשון קודש ווי געהעריק. ס'איז געווען פאַר אים אַ שווערער קלאַפּ. אָבער באַלד איז אַלץ קלאָר געוואָרן און עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ. הינטער די אָפּצוימונגען ביי די פענצטערלעך זענען געזעסן ביי די טישלעך מיידלעך און יונגעלייט אָן און מיט וואָנסעלעך. פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט אַ קלינגענדיק געלעכטער. דאָס געשפּרעך איז געפירט געוואָרן אין אַ פרעמדער שפּראַך. זאַטע און צופרידענע פּנימער, רואיקע אויגן האָבן געקוקט מיט גלייכגילטיקייט און גרינגשעצונג אויף די „עולים". די טעלעפאָנען האָבן כסדר געקלונגען. צו לוים אויערן האָבן זיך דערטראָגן אָפּגעהאַקטע ווערטער וועגן דאָלאַרן, פונטן, זלאָטעס. עס האָט אויסגעזען, ווי די אַלע באַאַמטע אינטערעסירט נאָר איין זאַך: דער קורס אויף דער גילדע.

ביי דער קאַסע איז געשטאַנען אַ פרוי פון מיטעלן עלטער. זי האָט וויינענדיק אַריינגערעדט אין פענצטערל:

— האָטס נאָט אין האַרצן, כ'האָב איינגעצאָלט פאַר אַ האַלב יאָר צוריק האַנט-געלט אויף שיפסקאַרטן, רעכנט איר מיר לויטן היינטיקן קורס פון דאָלאַר! איר נעמט דאָך ביי מיר צו אַ דריטל פון דעם, וואָס איך פאַרמאָג!

דער עולם אין דער ריי האָט נישט געהאַט קיין געדולד, און די פרוי, נישט דערוואַרטנדיק זיך קיין ענטפער פון קאַסירער, איז אָפּגע־שטויסן געוואָרן אָן א זייט. מען האָט זי געטרייסט:

— אומזיסט אייער טרחה, יידענע, ס'וועט אייך גאָרנישט העלפן. איר זענט נישט איינע. זיי טענהן כלומרשט, אַז זיי האַלטן די גאַנצע צייט די זלאָטעס.

ביי דער „מחלקת העבודה" זענען געשטאַנען יונגען און געוואַרט אויפן עקזאַמען. דערווייל האָבן זיי זיך געגרייט:

— געדענק, שמואל, אויב מ'וועט דיך פרעגן, ווער עס איז דער פי־רער פון די פועלי־ציון, זאָלסטו ענטפערן — וועלכע פועלי־ציון: די רעכטע, צי די לינקע?

א מיידל מיט א טיכל אויפן קאָפּ, קענטיק פון דאָרף, איז צוגעגאַנ־גען צו לוין: זיין אויסזען האָט דערוועקט ביי איר צוטרוי.

— אפשר קאָנט איר מיר זאָגן, ר' ייד: וואָס איז דער אונטערשיד פון א „מושב עובדים" און א קבוצה?

און נאָך א וויילע, ווי זי וואָלט זיך וועלן אויספּיינערן:

— איך פאָר צו מיין ברודער קיין עין־חרוד. ,

אין דער מינוט איז פון איינעם פון די צימערן ארויסגעלאָפן מיט א געשריי אַן עלטערער ייד מיט א גרוילעכער באָרד. ער האָט געסטראַ־שעט מיט די פויסטן:

— געדענקטס! ס'וועט אייך נישט אזוי גלאַט דורכגיין. מ'עט עס באַשרייבן אין די בלעטער און מאַכן א קאָמיסיע, אַלץ וועט מוזן ווערן אויסגעפּאָרשט. א דין־וחשבון וועט איר אָפּגעבן פון יעדן דאָלאַר און פון יעדן פונט.

די טיר האָט זיך פאַרהאַקט. איינער פון די אָרדנער האָט אוועקגע־פירט דעם צעהיצטן ייד אָן א זייט.

— אויב איר וועט מאַכן סקאַנדאַלן, וועט מען אייך אַראָפּוואַרפן פון די טרעפּ.

לוי האָט זיך געמאַכט א וועג דורכן עולם.

ער האָט געטראַכט:

יעדע זאך זעט אויס אין רעיון אנדערש, ווי אינדערראמתן. זיין חלום שפינט זיך צענדליקער יארן. ער איז געווארן א טייל פון זיין הארץ. א פערטל יארהונדערט האט ער געווארט אויף דעם מאמענט. אין ראזע פארבן האט זיך אים די צייט פארגעשטעלט. און אט איז זי געקומען — משיחס צייט. ס'איז אבער נישט דער זון־אויפגאנג, אויף וועלכן ער האט געווארט. נישטא דער פלאם, וואס זאל ארומכאפן אלעמען, דאס גאנצע פאלק. עס פעלט עפעס. זאל עס זיין דאס פאלק אדער די מנהיגים, די פירער? עמעצער איז דא שולדיק. אדער אפשר איז דא שולדיק דאס לעבן, דאס וואכעדיקע לעבן, וואס וועגט און מעסט, ציילט און רעכנט. און ווער ווייסט, אויב דארט, אין דעם הייליקן לאנד, וועלן יידן נישט זיין אין גלות איינע ביי די אנדערע. זאל טאקע יידל מלמד זיין גערעכט, אז אלץ איז חומריות, אדער ווי זיי רופן עס: מאטעריאליזמוס, אלץ איז דער בויך?... און די נשמה, דאס הארץ — פארוואס צאפלט אלץ אזוי אין אים? פארוואס גייט ער אויס אין בענקשאפט נאך ציון? יענער שמאלער פאס ערד ביי די ברעגעס פון ים התיכון, וועגן וועלכן יהודה הלוי האט געזונגען: „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך". וואס זאל ווערן פון דעם לאנד? א „מרכז רוחני", ווי אחד-העם האט געוואלט, א מדינה מיט פאליציאנטן און סאלדאטן, ווי זשאבאטינסקי מיינט, אדער גאר געוועלבער אין תל-אביב מיט: „ווער טוישט דאלארן", ווי אויפן גזשיבאוו? צי זאל זיין ציון, זיין אויסגעחלומט ציון, ווערן א מין צווייטע נאלעווקעס מיט גאנצן „שלילת הגלות"? ניין, דאס נישט. ער וועט זיי אלעמען עפענען די פארבלענדטע אויגן, ער וועט קעמפן פאר דער ריינקייט פון חלוציזם, ער וועט — און לוי האט דערפילט א שטארקן שטויס אין דער זייט. נעבן אים איז געשטאנען איינער פון די „וואזשנעס", א יונג מיט א מגושמדיק פנים, און געקוקט מיט רוצחישע אויגן.

— וואס פלאנטערט איר זיך צווישן די פיס? דרייט זיך ארום, ווי אויפן עולם התוהו! נעמט די פיס און מאכט זיך אין וועג אריין. דא זענען די טרעפ.

לויס געדאנקען האבן זיך איבערגעריסן. דאס בלוט האט אים א

זעץ געטון אין פנים אריין. ער האָט געוואָלט אזא איינעם זאָגן א פּאָר ווערטער און לערנען מיט אים א פרק אין ציונית, יענער איז אָבער שוין פאַרשוווּנדן.

לוי האָט זיך אוועקגעשטעלט ווארטן אין דער רייע.

# קאָנצעסיאָנערן

די הייזער פון „אייזערנעם טויער” אין ווארשע האָבן אויסגעזען ווי באַלאַגערט. ביי די טויערן, ביי די געוועלבער און אין די הויף זענען גע־שטאַנען יידן און יידענעס מיט זעקלעך אויף די אָרעמס, מיט קיישלעך, קאַנען און קריגלעך אין די הענט. אונטערטעניק זענען זיי נאָכגעגאַנגען נאָך דיקע מאַדאַמען און יונגע, געפאַרבטע ווייבלעך אין קורצע קליידער, וואָס האָבן זיי, די בכבודיקע טאַטעס פון קינדער, געפירט אויף די הויכע שטאַקן, געלאָזט זיי שטיין גאַנצע שעהען אין די קיכן, נעבן די לאַבנ־דיקע דינסטן, און באַוויליקט מיט חסד צו קויפן ביי זיי פּראָווינצער פּוטער, פּראָווינצער מילך און פלייש אָן ביינער. אַנשטאָט געלט האָט מען זיי געגעבן קוויטעס און געשיקט צו די מענער אין די סקלאַדעס און מאַגאַזינען אויפמאַנען פאַר דער סחורה. האָבן זיך די אייזן און מעל־סוחרים געבייזערט אויף די פּראָווינצער פאַר דעם פאַרדרייען זיי דעם קאָפּ. און האָט זיך אַ בכבודיקער ייד מיט באָרד און פאות אוועקגעשטעלט ווי אַן „עני בפתח” מאַנען דעם חוב, האָט מען אים פיל מאָל אָנגענומען פאַר אַ וואַנדערנדיקן מגיד אָדער רביל אָן אַ שטאָט, פאַר אַ ראש־ישיבה אין דער גענגט פון „שער־הברזל”. נישט איינמאָל האָט דער אויפגעקוו־מענער שיפּטאַלן און פלוימען־סוחר פון סקווזשאַגע־ אָדער פּשעבאָרזיע־געסל באַפוילן די משרתים צו הייסן גיין די פּראָווינצער.

פלעגן פאָרקומען אַזעלכע געשפּרעכן:

— איך בין געקומען מאָנען פאַרן פלייש. ס׳קומט מיר פאַר עסנ־וואַרג.

— ר׳עט קומען, ר׳ ייד, אויפדערנאָכט. נישטאָ איצט קיין צייט צו אַזוינע געשעפטן.

— די לעצטע קאַליע גייט אָפּ זיבענע.

— נו, וועט איר נעמען אן עקסטרע סאמאכאד.

די משרתים צעלאכן זיך און דער ייד גייט ארויס מיט הכנעה, זוכט זיך אויס עפעס א בית-מדרש אין דער נאענט אונטערצוווארטן אדער איבערנעכטיקן די פאר שעה און דערווייל ארייננקוקן אין א ספר.

האלב פלוינע האט געלעבט פון „וויוווז".

צוערשט האבן זיך צו דער נייער פרנסה גענומען „געמיינע" מענטשן, דערנאך קליינע סוחרים און מיטעלע באלעבאטים. צום סוף האט עס שוין דערגרייכט צו איציק לייבס משפחה אזוי, אז שיקארעס לייט האבן זיך אנגעהויבן שרעקן אויף אן אמת, אז די ריי קומט אויך אויף זיי און באלד וועט פלוינע בלייבן אן פער און אן יחוס. חיים שיקארעס האט שוין אנגעהויבן צו פילן, אז מיט יידן האלט שלעכט, און א פחד איז אים באפאלן איבערן ציונות, וואס פארשפרייט זיך אין פלוינע אלץ שטארקער און שטארקער, און ער איז נישט בכוח עס איינצוהאלטן. דאס שלעכטס האט שוין דערגרייכט כמעט צו זיינע שוועלן. עפעס זאל ליובע, די איין און איינציקע טאכטער זיינע, האבן אן עסק מיט א סטודענט און דאס נאך פון איציק לייבס משפחה. ער האט דעריבער באשלאסן ארויבערצופארן קיין ווארשע צום קאמיטעט פון די „שלומי אמונה" אדער בעסער קיין גער און נאכפרעגן זיך וועגן דער „פאליטיקע" פון די ביידע זאכן. וועגן דעם, וואס יידן פארלירן די פרנסות, און וועגן דעם רעש, וואס די ציונים מאכן אן.

דערווייל האבן יעדן מאנטיק זיך פארמאכט נייע געוועלבער און אין מארק האט מען געזען אין מיטן דער וואך פארריגלטע טירן און פארהאקטע לעדן. די גאסן-זיצערינס האבן דערלעבט נקמה אן די גבירים און אנגעהויבן צו טראכטן וועגן צוקומען צו א שטיקל תכלית און דינגען זיך אויף די עלטערע יארן די שטיקלעך געוועלבער.

אין מארק איז געווארן אלץ שטילער און שטילער. דערפאר אבער האט אויפגעלעבט דער וואקזאל — אממיינסטן דעם ערשטן און דעם פופצנטן. ביי דער באן-קאסע זענען געשטאנען שורות באלעבאטים און געווארט, ביז דער קאסירער וועט באווייליקן זיי ארויסצוגעבן די חודש-

ביכלעך קיין ווארשע. אָבער דער וויצע-פּרעזעס פון „קאָמיטעט צו פאַר־פוילישן דעם האנדל אין פּלוינע" זיצט ביים קליינעם באַן-פענצטערל און איילט זיך נישט. ער איז פאַרנומען מיט די דראָבנע מטבעות, וואָס פעלן אים שטענדיק אוים ביים געבן א רעשט, און מ׳זעט באַשיינפּערלעך, אז דאָס ארויסגעבן חודש-ביכלעך אויף „וויווז" האלט דער פּאַן זדזיעראַנ־סקי פאַר א באַזונדערער טרחה.

ביינט זיך א יידל צו צום פענצטערל און רעדט אריין א בקשה:

— פּאַניע, כ׳דאַרף א חודש-ביכל.

קוקט אויף אים דער קאַסירער מיט א פּאָר קאַלטע אויגן, פאַר־שפּיצט אַרויף די וואָנסעס און מאַכט א שטרענגע מינע. דעם קאָנצעס־יאָנער באַפאַלט א שרעק. באַלד באַרואיקט אים אָבער פּאַן זדזיעראַנסקי:

— וועסט קומען צו מיר אהיים ביינאַכט, וועט מען די זאַך געניי איבעררעדן...

און געלינגט עמעצן נאָך אין דער זעלבער וואָך צו באַקומען דאָס באַן-ביכל, פילט ער זיך גליקלעך. אין פּלוינע פּלעגט מען זאָגן:

— א ניי ביכל ארויסצוקריגן ביי דער באַן, איז שווערער ווי צו מאַכן אַן „אַקט שלובנע" אין מאַגיסטראַט.

ביים הורטאָוויק פון קאָלאָניאַל-געשעפט אויף דעם פּשעכאָדניע געסל שטייט פּייוויש דעם רבס מיט א קיישל פּלייש. דער סוחר קוקט זיך מיט הנאה אויף די מאַניקירטע נעגל און שמייכלט בנעימותדיק:

— אזוי גאָר, ר׳ פּייוויש, צייטן בייטן זיך: אַמאָל פּלעגט איר זיין מיין קונה, איצט בין איך אייער קונדע! פּלייש? המם... און אין דעם אַנדערן קערבל פּוטער? פּלוינער פּוטער האָט א שם! נו, וועט מען פּרווון, אז איר ווילט דווקא, איך זאָל פון היינט אָן ווערן אייער קונה! העי, לעאָן! פיר אַרויף דעם ייד צו דער פּאַניע און זאָג, אז איך האָב געהייסן קויפן.

אין מאַגאַזין זענען אריין צוויי יונגע „פּאַננעס" איינקויפן סחורה פאַר דער פּלוינער „ספּולקע". דער סוחר האָט א זיפץ געטון אזוי, אז

פיוויש זאָל הערן, זיך העפלעך פאַרנייגט פאַר די „פאַננעס" און אַרונ־טער הינטערן בופעט.

פיוויש איז נאָכגעגאַנגען דעם משרת טריט ביי טריט. נאָך פאַראַ־יאָרן פלעגט ער דעם בחור מיט דעם גלאַנציקן דאַשעק איבערלאָזן ביר־געלט יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אים צופירן אַ דראָשקע פאַרן אָפּפאָרן צו דער פלוינער באַן, און איצט... אַך, ווי שנעל דאָס רעדל האָט זיך אי־בערגעדרייט! איצט איז ער אָנגעוויזן אויף זיין חסד.

לעאָן האָט אים צוגעפירט צום טויער.

ער האָט שוין נישט געהאַט קיין צייט און געדולד, איז פיוויש אַליין אַרויף אויפן גאָרן. נאָך יעדער שורה טרעפּ האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט און זיך דערמאַנט אָן עפּעס. און יעדעס מאָל האָבן די קיישלעך אים אַ צי געטון און אַראָפּגעצויגן אַלץ נידעריקער, נידעריקער...

*

פיוויש זיצט אין קיך אָנגעלעגט אויף די ליידיקע קיישלעך. די קריסטלעכע דינסט דערלאַנגט אים אַ גלאָז טיי. זאָל ער טרינקען? אין האַלדז איז אים טרוקן. אַלץ איינס, טראַכט פיוויש דעם רבס, און דער דורשט איז גובר.

פלוצים הייבן אָן צו קלינגען די גלאָקן אויפן גזשיבאָוו, אויף דער לעש, אויף דער סענאַטאָרן־גאַס. אַזוי פיל גלאָקן מיטאַמאָל, ווי אויף אַ חגא. יעדער קלונג רייסט ביי אים אַרויס עפּעס אייגנס אָדער פרעמדס. ניין, פרעמדס, אָבער דאָך אַזוי אייגנס. פיווישן ווערט ענג אין דער גרויסער שטאָט. ער וויל אַנטלויפן פון דעם געקלינגעריי, אַנטלויפן פון זיך אַליין. איז נישטאָ קיין אָרט אויף גאָטס וועלט פאַר אַ מענטש, וואָס וויל פון זיך אַליין אַנטלויפן? און ער דערמאַנט זיך, דערמאַנט זיך און וויל פאַרגעסן. אָן טויטע פאַרגעסט מען. ער איז דאָך שוין נאָך מילען שבעה געזעסן... אָן טויטע? זיין בלוט און פלייש. זיין מילע. און די גלאָקן קלינגען אַלץ, קלינגען און ווילן נישט איינגעשוויגן ווערן...

*

אין עק גאָס.

צווישן דעם אָנגעלאָפענעם עולם שטויסט זיך דורך אַ פּראָווינצער

ייד מיט לײדיקע קײשלעך און בלעכן. פון בײדע זײטן גאס שטײען שו־
רות מענטשן צונויפגעדרענגט. ס'הערן זיך אויסרופן:

— מ'פירט זײ, אוועק אָן א זײט! „קאַנע" פּאָליציע...

ס'איז אַנגעפּאַרן די וואָך. צווײ שורות פערד. אין דער זײט עפּעס
שאַרפּס און בלאַנקענדיקס. די מאַסע ווערט צוריקגעשטויסן צו די טראָ־
טוארן.

אין דער מיט, צו פיר אין א שורה, גײען יונגעליײט מיט פּעקלעך
אויף די אַקסלען. עס זעען זיך פרויען־פּנימער. ווײזט אויס, דאָס ערשטע
מאָל אין וואַרשע: זײ קוקן מיט פאַרגאַפטע אויגן און אָפענע מײלער אויף
די הויכע שטאָקיקע הײזער.

פײוויש קוקט זיך גוט אײַן אין די פּנימער. די אויגן זוכן, נישטערן
און די שלײפן קלאַפּן. האַ? א פלוינער? נאָך אײנער, נאָך אײנער. און
דאָרטן אין דער מיט, דאַכט זיך, צי דאַכט זיך אים נאָר? אָדער זאָל דאָס
זײן טאַקע אמת? איז דאָס מעגלעך! זײן זון? און א טונקלקײט פאַלט
אויף זײנע אויגן. ער זעט שוין גאָרנישט. ער הערט בלויז, ווי דאָס קלאַפּן
פון די פערד־פּאַדקאָוועס ווערט אַלץ ווײטער און ווײטער...

*

אויפן וועג אַהײם.

— האַ, לוי?

פײוויש האָט געקוקט אויף לוים קײשלעך. יענער האָט פאַרשטאַנען
דעם מײן.

— דאָס לעצטע מאָל. כ'ווער אוים פלוינער, שוין געקומען פאַר מיר
די צײט פון „עליה".

ער האָט פײווישן באַטראַכט מיט רחמנות.

— און בײ מיר איז עס דאָס ערשטע און... דאָס לעצטע מאָל. יאָ,
דאָס לעצטע מאָל.

פײוויש האָט דורכן פענצטער פון לויפנדיקן וואַגאָן ארויסגעשלײ־
דערט די בלעכן און קוישן, געקומען קײן פלוינע רײן, אָבער טיף אין
האַרץ האָט געגעבערט: און ווו איז דער „פשוט נבלה בשוק"? יאָ, פײ־

זויש האָט זיך אצינד אַליין געפילט ווי אָפּגעשונדן, נאַקעט, אָן הויט, בלויז די עצמות, וואָס האַלטן זיך נאָך צוזאַמען... אין שטיבל האָט מען זיין טיש אָנגעהויבן אויסמיידן. אַליין, תמיד אַליין פלעגט ער אָפּזיצן פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט. אַמאָל האָט זיין בליק זיך באַגעגנט מיט פּנחסלען. יענער האָט זיך פאַרשעמט: אויך זיין ווייב איז אצינד שוין געפאָרן אויף אַ חודש-ביכל.

אָבער ביסלעכווייז זענען זיי געוואָרן ידידים, די בעסטע גוטע פריינט, געמאַכט שותפות מיט די צרות, געבאָדן זיך און געוויקט אין מרה-שחורה, ווי אַמאָל די חלה אין דער פיש-יויך...

אין שטאָט האָט מען געשמועסט, אַזביידע גייען אויס פאַר נויט...

# לוים עליה

די לעצטע טעג אין חודש תשרי.

ווייסע, לאַנגע שורות בושלען האָבן זיך דורכגעטראָגן איבערן הימל, ציענדיק העט ווייט אין די מזרח־לענדער. פייכט און מרה־שחורה־דיק ליגן די פעלדער. די נידעריקע, דינע גרעזלעך גרינען זיך בלאָס אין ליכט פון די שוין קילערע זון־שטראַלן. ווייסע, לאַנגע האַרבסט־פעדים שפּינען זיך אַרום די גראָזן און נעמען זיי אַרום מיט זייערע דינינקע געוועבן. אויף ביידע זייטן וועג, וואָס פירט צו דער באַן, רויטלען זיך די אַראָפּגעפאַלענע קאַשטאַן־בלעטער, וואָס דעקן צו די ערד ווי מיט אַ פּיל־פּאַרביק געהאַפטן טוך. עפּעס פאַרגייט און לאָזט איבער נאָך זיך אַ זיסע בענקשאַפט, אַ באַגער, נישט צום דערגרייכן...

ביי לוים הויז שטייען רעדלעך מענטשן און וואַרטן. יעדעס רעדל האָט זיין ראש־המדברים, וואָס איז דער טאָן־שטעלער. פּייוויש, דער גע־וועזענער ערשטער פּלוינער קאָלאָניאַל־סוחר, הייבט דער יורד, רעדט אַרויס ווי פאַר זיך מיט איבערצייגונג, האַלטנדיק דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט:

— מ׳דאַרף נאָר האָבן אַ שטאַרקן רצון, קאָן מען אַלץ דורכברעכן. ווי איינער נעמט זיך פאַר, אַזוי פירט מען אים מן השמים.

פּנחסל שניט־סוחר, אויסגעטון איינגאַנצן פון גשמיות. גייט נאָך פּייווישן ווי אַ שאָטן. ער האָט נאָך ליב, ווי אַמאָל, אין די גוטע צייטן, אַרויסצוזאָגן זיין חוות־דעת, שאָקלט ער מיט די שיקלדיקע יאַגדע־איי־געלעך:

— לוי איז גאָרנישט קיין בטלן. ער האָט באַוויזן דורכצוברעכן אַלע מניעות און צו באַווייזן אַ קונץ: צו זיין דער ערשטער פּלוינער תושב, וואָס איז עולה קיין ארץ ישראל.

— און איך זאָג אייך, — וואַרפט אַריין זיין מיינונג דער יושב־ראש

פון די שלומי אמוני — די זאַך וועט נישט האָבן און קאָן נישט האָבן קיין קיום, לוי וועט נאָך צוריקקומען קיין פלוינע.

פייוויש פּראָטעסטירט:

— אָ, לוי, ער איז נישט פון די היינטיקע, פון די נייע,אויפגעקו־מענע ציוניסטן. ער איז פון די אַלטע חובבים. ס'איז זיין משאת נפשו, ווי ער רופט עס אָן. — און פייוויש קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן צו זען, אויב קיינער וווּנדערט זיך נישט, וואָס ער, פייוויש, דער יורד, מישט זיך נאָך אין כלל-ענינים.

יאַנטשע געוואַזער אָטעמט שווער. ער פּאָרעט זיך שטאַרק ביים שוואָגערס אָפּפאָרן. ער האָט אין דעם טאָג פאַרגעסן אפילו אָן דעם הפסד, וואָס ער האָט געליטן צוליב דער חברה „שלום ושלווה", פון וועלכער ס'איז גאָרנישט געוואָרן. אַצינד איז די איינציקע האָפענונג — לוי. ער וועט זיך שוין דאָרט אַרומקוקן פאַר זיינעטוועגן. זאָל ער אַליין נאָר דער־ציען... אָ, די אַסטמע... די אַסטמע...

אין אַ צווייט רעדל האָבן זיך בּאַראַטן די בעלי־מלאכות, וואָס צו טון צוליב לוים אָפּפאָרן. אַז מ'דאַרף עפּעס טון, איז פאַר קיינעם קיין ספק נישט געוועזן.

יוקל שניידער טענהט:

— מיר פאַרלאַנגען דורכאויס, לוי זאָל אונדז צושיקן באַלד נאָך זיין אָנקומען אַ בריוול און אַרויסשרייבן בפרטיות, ווי אַזוי דאָס שניידעריי זעט דאָרט אויס און צי מ'דאַרף מיטנעמען די מאַשינען אָדער מ'באַקומט דאָרט „זינגערן" אויפן אָרט.

מנשה, דער „אוזשענדאָווער" שוסטער, האָט געוואָרנט:

— זאָל ער נאָר נישט פאַרגעסן געוויר צו ווערן וועגן שוסטעריי. מ'זאָגט, אַז מ'גייט דאָרט באָרוועס.

ירוחם אַלרייטניק איז צוגעקומען פון הינטן און אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג קורץ:

— אַ כאַליערע זאָל עס כאַפּן, לוי פאָרט טאַקע! — און ס'איז נישט געווען צו וויסן, צי די זאַך טוט אים הנאה אָדער ער איז אומצופרידן.

שלום קצב, וואָס האָט לוין שטענדיק מבטל געווען און פיינט גע־האַט מיט דער אַלטער שנאה פון אַן עם־הארץ צו אַ תּלמיד־חכם, האָט געבערענגט אַ געבראָטענעם לעקער מיטצוגעבן לוין אויף דער נסיעה.

די „צעירי מזרחי" האָבן צוגעפירט ברישטשקעס. פּלוינער בעלי־עגלות האָבן זיך מתחייב געווען אַראָפּצופירן בחינם דעם עולם צו דער באַן לכבוד לוים אָפּפאָרן קיין ארץ ישראל. די שטוב איז געווען פול. יעדער האָט געהאָלפן פּאַקן די זאַכן. אַלטע איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און די טרערן זענען איר גערונען איבער די באַקן. שווער געווען צו וויסן, צי דאָס זענען טרערן פון פרייד אָדער פון צער. די שכנטעס האָבן זי באַרואיקט:

— נאַרעלע, ס'איז דאָך נישט אַמעריקע. דיין מאַן פאָרט דאָך נישט מי יודע ווו, ערגעץ מעבר לים. אין קורצן וועט ער דיך אַראָפּנעמען מיט די קינדער.

אין הארצן האָט מען זי מקנא געווען צוליב דער זכיה, וואָס זי האָט ביי גאָט.

*

אין די פּעדערהייזער און אויף די שוועלן פאַר די געוועלבער האָבן זיך אָוועקגעשטעלט די „אַביוואַטעלעס" פון פּלוינע און מיט נייגיריקייט זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי די יידן פאָרען זיך ביים אָפּפאָרן פון אַ זייעריקן קיין פּאַלעסטינע. טייל האָט עס פאַרדראָסן, געגאַנגען אין האַנאַר, וואָס אַ ייד נעמט און פאָרט אַליין אַוועק פון פּלוינע מיטן אייגענעם ווילן. אַנ־דערע, זעענדיק, ווי דאָס יונגוואַרג טראָגט אַראָפּ דאָס געפּעק אויף די ברישטשקעס ארויף, האָבן חושד געווען, אַז די זאַך איז עפּעס נישט גלאַ־טיק... וועך ווייסט, וואָס דאָרטן איז פאַרפּאַקט? אפשר פירן די יידן ארויס פון פּלוינע גאָלד?... און ווען לוי איז אויפגעזעסן אויף שמואל בעטקעס ברישטשקע, האָט מען געצווינגן די היטלען צום געזעגענען זיך. ס'איז די „אַביוואַטעלעס", פּלוצים אַ שאָד געוואָרן דער ייד, וואָס פאַרלאָזט פּלוינע אויף אייביק. דאַכט זיך — אַ שטילער ייד, אַזוי פיל יאָרן ווי מ'וווינט צוזאַמען...

די איינציקע, ביי וועמען לוים עליה האָט ארויסגערופן חוזק, זענען

די מיטגלידער פון נאָדל־פאַראיין. חברה קוימענקערער האָבן זיך אוועקגע־שטעלט אין אַ זייט מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און זיך גע־וויצלט אויף לוים חשבון, אויפן חשבון פון די ציוניסטן און אָפּגעלאַכט פון פּאַלעסטינע. באַזונדערס האָט זיי פאַרדראָסן דאָס, וואָס לוי מיינט טאַקע מיט דער זאַך ערנסט.

שמואל בעטקע האָט אַ קנאַל געטון מיט דער בייטש און פון אַלע זייטן האָט זיך דערהערט: צאתך לשלום.

די מאַרק־יידן האָבן זיך אָנגעהאָנגען ביי די זייטן ברישקע און אויסגעצויגן צו לוין די הענט. ס'האָט אויסגעזען, ווי חסידים וואָלטן זיך געזעגנט מיט זייער רבין. די זיצערינס אין גאַס האָבן פון די „שטעלן" צוגעשאָקלט לוין מיט די קופּקעלעך אויף די קעפּ. לוי איז געזעסן אויפן אויבערשטן געזעס פון דער בריטשקע. דאָס פּנים זיינס האָט געפלאַמט. דער שוואַרצער ראָק האָט אים צוגעגעבן גרוים חשיבות. דאָס האַרץ איז געווען איבערפולט פון שמחה. עפּעס האָט געברויזט און זיך איבערגעגאָסן ביי אים איבער די ברעגעס. ער איז געזעסן אָן ווערטער און געלאָזט זיך דריקן די האַנט. די בלויע אויגן, פאַרצויגן מיט אַ גלאַנץ, האָבן געקוקט וייט, ווייט אין די מרחקים.. געשלאָגן האָט די שעה פון פאַרגעלטונג: דאָס שטענדיקע ליידן צוליב ציון, די חבורים, די רעדעס, דאָס כסדרדיקע וועקן דעם עולם, וואָס פלעגט אים שטענדיק אויסלאַכן — אַלץ איז מיטאַמאָל אויפגעשווומען אין זיין זכרון, און לוי האָט געפילט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו זיך אַליין. ווי אַ פאָטער האָט ער געקוקט אַצינד אויף דעם עולם באַגלייטערס, אויף זייערע שטראַלנדיקע פּנימער, אין וועלכע די אויגן האָבן געלויכטן מיט האָפענונג. אין דעם אַלעם האָב איך אַ חלק — האָט ער געטראַכט מיט שטאָלץ. ניין, נישט געדעכטיק זענען געווען זיין זון מאַטיאַסעס ווערטער: „טאַטע, דו פאַרפירסט דעם עולם, וויגסט זיי איין אין זיסע חלומות און רייסט אָפּ די פאָלקס־מענטשן פון קאַמף פאַרן טאָג־טעגלעכן לעבן". ניין, נישט געדעכטיק זענען געווען די דאָזיקע ווער־טער!...

און זיין האַרץ קלאַפּט אַצינד ריטמיש צום טאַקט פון זיינע מחשבות.

ער לאָזט זיך מיטרייסן מיט דער התלהבות פון עולם, וואָס באַגלייט אים, און פילט, אַז קיין שום זאַך איז נישט בכוח אויסצולעשן דאָס פייער פון דעם אידעאַל, וואָס ברענט אין אים.

דער פּעראָן פון וואָקזאַל איז פול געוואָרן מיט מענטשן. די „צעירי מזרחי", לויט שטענדיקע לייב־גוואַרדיע, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שפּאַלער. אין זייערע הענט האָט געפלאַטערט אַ ווייס־בלויע פאָן, אויס־געהאָפטן דורך די מיטגלידערינס פון פאַראיין „התקוה".

לויט הויזגעזינט איז געשטאַנען אָן אַ זייט, נישט געקאָנט צוקומען נאָענט צוליב דעם כבוד, וואָס מ'האָט אָנגעטון לוין. ס'האָט אויסגעזען ווי לוי וואָלט אָנגעהערט דעם כלל מער, ווי זיי. דער פּראָסטער עולם, די בעלי־מלאכות, האָבן זיך אָנגעטון אַ כוח, זענען צו צו לוין און ארוים מיט זייערע פאָדערונגען; בעלי־עגלות מיט מגושמדיקע פּנימער, מייסטנס בעטקעס לייט, זענען געשטאַנען מיט די בייטשן אין די הענט און גע־גאַפט, נישט ווויסנדיק, וואָס פאַר אַ טענה זיי זאָלן האָבן צו לוין.

אינדערוויטנס איז אויפגעהויבן געוואָרן דער סיגנאַל.

מיטאָמאָל האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג און חברה יונגוואַרג האָט אין די אויגן פון די באַן־באַאַמטע געמאַכט אַ ראָד, אַריינגענומען לוין אין דער מיטן און אָנגעהויבן טאַנצן „הוירא". דער באַן־נאַטשאַלניק איז געשטאַנען אַ מבלבולדיקער און נישט געוווסט וואָס ער האָט צו טון...

פּלוצים האָט לוי גענומען די ווייס־בלויע פאָן, אוועקגעשטעלט זיך אין מיטן און אויסגערופן:

— ברידער און שוועסטער!

דער עולם איז שטיל געבליבן און לוי האָט אָנגעהויבן:

— ס'איז אָנגעקומען דער גרויסער טאָג, דער טאָג פון „שלומים לריב ציון". איך שייד מיך מיט אייך, אָבער אַ שטיק פון מיין האַרץ בלייבט דאָ מיט אייך.

ביז איצט האָב איך געבויט ציון, געבויט אין אייערע הערצער, גע־בויט מיט ווערטער, היינט פאָר איך בויען ציון מיט די הענט, בחומר ובלבנים, מיט ליים און ציגל. מיין משאת נפש איז אָבער אויך אייך צו זען ווי צום שנעלסטן אויף די הרי יהודה און אין עמק יזרעאל.

אויף לויס פנים האָבן זיך אָפּגעשלאָגן די שטראַלן פון דער פאַר־גייענדיקער זון. די פאַרזאַמלטע האָבן געקוקט מיט יראת־הכבוד אויף אים און באַלד אויפסניי אויסגעבראָכן מיט אַ שטורמיש געזאַנג. פריער דאָס יונגוואַרג, דערנאָך די עלטערע מענטשן. ס'האָבן געזונגען מיידלעך און בכבודיקע יידן צוזאַמען. דער טויבער עזריאל האָט אויף אַ ווונדער־לעכן אופן אויפגענומען דאָס געזאַנג און געשטאַנען אַ פאַרבליפטער נעבן לוין. די איציק לייבס — די גאַנצע משפחה, די שיקאָרעס, די בעטקעס; אַלטער אַלוואַס, שלום קצב, בעבע יידע מיט די בנים און שימעלע ברייט־באַרד, דער חלוץ — אַלע, אַלע זענען זיי געווען פאַרזאַמלט אַרום לוין.

ווען די באַן איז אָנגעקומען, איז דאָס געזאַנג געוואָרן נאָך שטאַר־קער און העכער. הידד-געשרייען האָבן פאַרהילכט די לופט. די פּאַסאַ־זשירן פון דער צווייטער קלאַס האָבן מיט פאַרווונדערונג אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער, נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר.

אָט האָט זיך אין אײנעם פון די פענצטער באַוויזן די ווייס-בלויע פאָן צוזאַמען מיט לויס פנים און דאָס געזאַנג האָט אָנגעהויבן ווערן טרויעריקער, ווי צום געזעגענען זיך. באַלד וועט לוי אָפּפאָרן, אָפּפאָרן אויף אייביק, און פלוינע וועט בלייבן פאַריתומט...

לוי האָט מיט אַן אומעטיקן בליק אַרומגענומען דעם גאַנצן פּעראָן. אין עק וואָקזאַל איז געשטאַנען דוד מאיר דער מקובל און געקוקט אויף אים מיט טרויעריקע, גאָר טרויעריקע אויגן. זיינע ליפּן האָבן זיך באַ־וועגט, ווי זיי וואָלטן עפּעס געבעטן...

פלוצים האָט פון דער אַנדערער זייט באַן זיך דערהערט אַ ניי גע־זאַנג. פון הינטערן פאַרקאָן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן איינצלנע קעפּ. באַלד זענען די חברים פון נאָדל־פאַראיין אַריבערגעשפרונגען דעם פלויט. בנימין מלמדס זון מיט נאָדל בלאַכאַזש האָבן זיך געמאַכט אַ וועג דורכן עולם. שמואלקע פּייווישעס איז אַרויפגעקראָכן אויף זייערע אַקסלען און געהאַלטן אַ קורצע רעדע קעגן ענגלאַנד. עס האָבן זיך שוין דערהערט די ערשטע „נידערס". דער דאַרער סענדער איז צוגעשפרונגען צום פענצטער פון וואַגאָן און געוואָלט אַרויסרייסן פון לויס האַנט די ווייס־בלויע פאָן.

אין דער זעלבער מינוט האָט אין ליפּע סטאָליארס האַנט אַ פּאַך געטון עפּעס רויטס...

דער צוג האָט געריררט. לוי פילט, אַז ער פאַרלאָזט זיין היים, פּלוינע, אויף אייביק. עס דערמאָנען זיך אים יהודה הלוים ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיך געשיידט מיט שפּאַניע... אויך אים ווילט זיך זאָגן עפּעס אַזוינס... שטאַרקס און טרויעריקס, פון וועלכן די גאַנצע נשמה זאָל אַ ציטער טון.

די זון איז פאַרגאַנגען. ס'האָט אַ בלאָז געטון דאָס ערשטע האַרבסטווינטל און דערטראָגן צו לוים אויערן דעם ווייטן אָפּקלאַנג פון דעם "התקוה"-געזאַנג, אין וועלכן ס'האָבן זיך אריינגעריסן די עכאָס פון דעם ליד, וואָס עס האָבן געזונגען די קוימענקערער.

וואַרשע, 1928 - 1930.

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו


## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: הײמלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע” ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאצענעלסאָן - נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס-לידער
שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
ד"ר ח. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פאַרביי...
ר. שושנה־קאהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
נחמן מייזיל: דאָס יידישע קולטור-לעבן אין פּוילן
יאָנאַס טורקאָוו: אין קאמף פאַרן לעבן
אברהם זאק: יאָרן אין וואנדער

## עס גרייט זיך צום דרוק:

פּנחס ביזבערג: שבת-יום-טובדיקע יידן
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאָוויע
נח גריס: קינדער אינעם קאמף (דאָקומענטן)
ד"ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
קאַדיע מאלאַדאָווסקי: אמאָל איז געווען...
ד"ר יצחק שיפּער: קאפּיטלען געשיכטע
יוסף אקרוטני: אין קלעם
יהושע פּערלע: יידן פון א גאַנץ יאָר
עוזר ווארשאַווסקי: שמוגלארס
הערשעלע: שבת אויפן טראַקט

# פּרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

**יעקב באָטאָשאַנסקי** שרייבט וועגן דעם בוך „היים און היימלאָזיקייט" פון רחל ה. קאָרן („די פּרעסע", בוענאָס-איירעס, 13טער יאַנואַר 1949):

„הזאת נעמי?"

(„רות")

צו די ייִדישע שרייבער, וואָס זייערס אַ ניי בוך פּלעגט מיר — און מסתמא אַ סך לייענער ווי איך — פאַרשאַפן אַ יום-טוב, געהער רחל ה. קאָרן, די דיכטערין און דערציילערין פון פּשעמישל. די דאָזיקע שרייבערין האָט דווקא קיינמאָל נישט געהאַט קיין נייגונג צו באַשרייבן און באַזינגען שבת־יום־טובדיקייט. אירע לידער און דערציילונגען זינגען און שילדערן רוי־דאָרפיש-אָרים לעבן. זי פּלעגט זעלטן ברענגען אַ ליריש געזאַנג וועגן פּערזענלעכע איבערלעבונגען, זי האָט אירע לייענער כמעט קיינמאָל נישט געפירט אין די „עולמות העליונים" פון אַבסטראַקטן געדאַנק און פון סתם נשמהדיקע געזאַנגען פון די דאָזיקע, וואָס האָבן הנאה פון דער לויטערקייט פון דער שכינה. אין ליד „שבת אין מיין היים" דערציילט זי, אַז אין איר היים-דאָרף קומט דער שבת נישט געבעטן און ער אַנטלויפט אַ פאַרשעמטער און ער טוליעט אין „פּאַלבן פרומקייט" פון איר מאַמע, וואָס צוימט אים אָפּ אַ שטיקל פּלאַץ ביי זיך. און דאָך האָט איר יעדער ניי ליד, אָדער דערציילונג געבראַכט יום־טובדיקייט. די יום-טובדיקייט פון אַן עכט פּאָעטיש וואָרט, אַן אָנגעלאָדנס מיט בילד, לעבנס־זאַפט און איבערלעבונג. די קינדערלעך, וואָס קלינגען אויף דאָרע וועגעלעך פון מילכיקער, ווען אַ גרודע גיט אַ טרייסל מיט זייערע פּליטיקע געדערים בלישטשען ביי רחל קאָרן אין דער שיין „פון יונגן טאָג" און זיי „נעמען מיט זיך דעם שטן פון לעצטן בוים, ווי אַ שטילן, קינדערישן טרוים".

רחל קאָרן איז אַ גאַליציאַנערן און גאַליציע האָט דער ייִדישער ליטעראַטור — באַזונדער דער פּאָעזיע — געגעבן אַ געוואַלדיקן צושטייער. ביאַליק האָט אַזש אַ זאָג געטאָן אויף רוסיש „גאַליציא וועזיאָט" (גאַליציע האָט מזל). און רחל קאָרן גייט זיכער אַריין אין חשבון פון דעם גרויסן צושטייער, וואָס גאַליציע האָט געגעבן, אָבער זי איז אַנדערש ווי כמעט אַלע גאַליציאַנער ייִדישע דיכ-




טער. זי האָט נישט די אַנדערשקייט און די איבערגעשפּיצטקייט, וואָס זיי פאַרמאָגן כמעט אַלע — אויסער משה לייב האַלפּערן אין די גאָר שטאַרקע לידער זיינע און אויסער בער שנאַפּער אין זיינע לידער פון גרויסער פשטות, — און איבערהויפּט האָט זי נישט די דאָזיקע איבערגעשפּיצטקייט אין אירע לידער, וואָס זענען ביי איר אומגעהויער ערדיש. עפּעס מאַכט דעם איינדרוק, אַז אונדזער דיכטערן פאַרזייעט אירע פּאָעטישע קערנער אַלצאייגס ווי דער פּויער פאַרזייעט די קער:ער פון ווייץ און קאָרן און זיי וואַקסן אַרויס פון דער ערד, וואָס איז ביי איר אי האַרט, אי שווער, אי פּאָעטיש.

די יידישע פּאָעזיע האָט א גאַנצע ריי פּויערישע דיכטער. קלמן ליס און ברוך אָליצקי געהערן צו די סאַמע עכטסטע יידישע פּויערים פּאָעטן און רחל קאָרן איבערשטייגט זיי אין געוויסע פּרטים אין עכטקייט. אין דעם ליד „אַ ערד" (געווידמעט י. אָפּאַטאָשון) וואָס איז אָנגעשריבן אין יאָר 1939, ווען די דיכטערן האָט שוין געוווסט, אַז זי פאַרלירט איר היים מיט ערד, ווען זי האָט שוין געוווסט, אַז די ערד קען ניט סטייען אפילו פאַר אַ קבר פאַר די, וואָס זענען אין איר שוים געבוירן און אַז זי איז פרעמד דער ערד, זי איז צו איר „געקומען בלויז צו גאַסט אויף פופצן צוואַנציק דורות", אין אָט דעם ליד דערציילט רחל קאָרן ווי איר זיידע האָט געקאַרטשעוועט די ערד מיט זיינע ברייטע הענט, געריסן ביימער פּניאַקעס און שווערע גראָע שטיינער ביז ס'איז געבליבן אַ ליכטיק גרין ווינקל מיט אַ בלאָען טייכל אויג און מיט ווענט פון ביימער און זי זאָגט:

> אַ ערד. מיר האָבן ביידע זיך פאַרקנסט
> מיט די געהיימסטע סודות,
> עס טראָגט מיין גוף סימנים פון
> אונדזער טיפסטן בונד:
> אויף הענט, אויף פיס, אויף באַק,
> אונטער סאַמע אויג
> פון אַ פּניאַק, פון אַ צווייג די אויפ-
> געריסענע וווּנד.

אפשר האָט רחל ה. קאָרן געבראַכט יום־טובדיקייט מיט איר וואָרט טאַקע דערפאַר, ווייל זי פאַרמאָגט דאָס דאָזיקע, וואָס די מערסטע פון אונדז פאַרמאָגן נישט — די צוגעבונדנקייט צו דער ערד. זי האָט אין אַ הימלי-

שער פאזיע געבראכט ערד.

און איצטער איז נאך א לאנגער הפסקה געקומען א נײַ בוך פון רחל ה. קארן. דער הינער צענטראל-פאר־באנד פון פוילישע יידן האט ארויס־געגעבן אלס דאס 39־טע בוך פון זיין סעריע „דאס פוילישע יידנטום", וואס דערשיינט אונטער דער רעדאק־ציע פון מארק טורקאוו און דער אד־מיניסטראציע פון א. מיטלבערג, א בוך פון 250 זייטן א. נ. „היים און היימלאזיקייט" פון דער פשעמישלער דיכטערין, וואס זענען שוין פאראן אויף אירע שיך „פון באשקיריען דאס ליים, פון קאראקום מדבר דער גלי־הייסער זאמד, די בלאטע פון רוסי־שע דערפער און שטעט און דער העל־גראער שטויב פון אוזבעקישן לאנד, דאס פארטרוקנטע בלוט פון די פוי־לישע וועגן, דער שטויב און דאס אש פון פארברענטן געביין".

און פונקט ווי אמאל פלעגט דער דיכטערינס א ווארט ברענגען יום־טוב, האט דאס איצטער געבראכט א געוויין, וואס קען נישט אויסגעווײנט ווערן. זי האט געוואלט ברענגען „די גנאד פון א טרער", אבער געבראכט האט זי דערוויל די טרערן אליין. די גנאד וועט נאך אפשר קומען.

דאס בוך הויבט זיך אן מיט א הקדמה אין פראזע, וואס הייסט „דאס בוך איז געווידמעט אלע מיינע טויטע". און די דיכטערין דאט זיי א סך, די אומגעבראכטע פון אירע אייגענע האט זי זיך געראטעוועט נאר מיט איר טאכטער. אט איז די רשימה פון די דאזיקע וועמען דאס בוך איז געווידמעט:

זאל געהייליקט ווערן דער אנדענק:

„פון מיין מאמע חנה פאסט־העערינג, אומגעקומען דעם 30טן יולי 1942. מיין ברו־דער הערש הערינג, געבוירן דעם 5־טן נאוו. 1902, ארויסגעפירט צום פארברענען דעם 15־טן אויגוסט 1942. זיין פרוי יא־כעט, מיידל נאמען ליבט, דערמארדעט דעם 30־טן יולי 1942. זיינע זין: וואלף, געבוירן סוכות 1925, ארויסגעפירט דעם 15־טן אוי־גוסט, ערווין געבוירן 1936, דערמארדעט דעם 30־טן יולי 1942.

מיין מאן, הערש קארן, געבוירן דעם 11־טן נאוועמבער 1895, ארויסגעפירט אין קרעמאטאריום דעם 3־טן נאוועמבער 1943. די עלטערן פון מיין מאן: משה און עלקע קארן, די שוועסטערן: גיטל מיט איר מאן יעקב בירקען און זייער זון דוד, צביה מיט איר מאן חנינה גליססמאן און ביידע קינדער לודקא און טוסיעק. די ברידער: בנימין, לייב מיט זיין פרוי גיזא ראפא־פארט. אלע דערמארדעט פון דייטשן".

די דיכטערין דערציילט, אז ווען זי איז אין 1937, ארײַנגעזעצט גע־ווארן אין תפיסה, איז איר מאמע — אזוי האט זי איר שפעטער דערציילט — קיינמאל אין יענעם פרילינג נישט נעגאנגען אין סאד, בכדי זי זאל ניט מוזן זען די בליענדיקע ביימער, ווייל די טאכטער האט זיי אין תפיסה נישט געקענט זען. איצטער ליגט די מאמע מיט א דייטשער קויל אין הארצן צוזאמען מיט איר שנור און מיט איר זעקס יעריק איינעקל און די טאכטער האט נישט קיין כוח זיך אפצוזאגן פון פרילינג, ווייל די מא־מע קען אים מער נישט זען.

זי זעט אים דעם פרילינג, אבער וואס פאר א זען איז דאס? זי זוכט

ווערטער, וואָס זאָלן איר ברענגען נענטער צו די אומגעקומענע און זי פרעגט:

וויפיל זומערס און פרילינגס כ'מוז טויטן,
כ'זאָל דערפילן אויפסניי אייער פיין.
און כ'זאָל שטיין אויף דער גרעניץ פון
וועלטן,
ווי אַ גראָע מצבה פון שטיין?

און פאַקטיש איז די דיכטערין אין אירע איצטיקע לידער די גראָע מצבה פון שטיין, וואָס שטייט אויף דער גרעניץ פון וועלטן. זי זינגט צו איר מאַמען, אַז זינט זי איז מער נישטאָ, איז זי געוואָרן המשך פון אַלע אירע נאָך נישט אויסגעלעבטע טעג און זי ווייסט שוין, אַז פון אַלע רייזעס צו דעם גליק, דאַרף מען זיך אומקערן צוריק צו דער ערשטער קינדער טרער און צום סאַמע טיפסטן לעצטן אור־זין פונעם לייד און צו דער גרויסער תמימות פון דער מאַמעס ליבשאַפט, „וואָס איז שטאַרקער פון טויט און פון איינענער איינזאַמקייט". און צו דער טאָכטער זינגט זי:

נאָר איך און דו — מיר איינציקע
לעצטע פון אונדזער גאַנצן שטאַם,
איך האָב דיין יונגט אַנפאַרטרויט
אַ מולדיקן שטערן,
ווי ס'האָט מיין מאַמע אַנפאַרטרויט פאַר
גאָט איר שטילע תפילה,
ווי ס'האָט מיין באָבע אַנפאַרטרויט איר
האָר די הייסע טרערן.
נאָר דו און איך און טאַטער וועל איך
נישט דערגיין,
ווייגט דאָך מיין מאַמעס תפילה אין דיין
בלוט,
עס צייטיקט זיך אין דיר דער רו פון אַלע
דורות

און ס'וואַרט די סטעזשקע אין מיין דאָרף
אויף דיינע יונגע טרים.

אַזוי האָט זי געמיינט אין יאָר 1945, ווען זי איז געווען ווייט פון איר דאָרף. זי האָט געמיינט, אַז דאָרט וואַרט די סטעזשקע אויף איר טאָכטער. אָבער ווען זי איז געקומען אַהין, האָט זי דאָרט אויסער סימנים פון דער שווידערלעכסטער מענטשלעכער רשעות גאָרנישט געטראָפן. די סטעזשקע אין דאָרף וואַרט נישט אויף די יונגע טריט פון איר טאָכטער. זי האָט אפילו נישט געקראָגן קיין פּלאַץ ווו זיך צו אויסוויינען.

מען זאָל קענען וויינען, מוז מען האָבן
אַ שטוב,
היימלאָזע וויינען נישט מער —
נאָר ווען ס'טרעפן זיך ווענט מיט אַ דאַך
אין חלום,
קומט אויך צוגאַסט די טרער.

אָט דערפאַר האָב איך לייענענדיק דאָס נייע בוך פון רחל קאָרן געוויינט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך לייען „רות" און איך קום צו דעם שטעל, ווען נעמי קערט זיך אום אָן דעם מאַן און אָן די צוויי זין און אַלע חידושן זיך אויף איר און פרעגן: „הזאת נעמי"? (נעמי הייסט די זיסע) און זי הייסט זיך רופן „מרה" — די ביטערע... איך לייען די שורות פון דער אַמאָל אַזוי פאַרוואָרצלטער דיכטערין, וואָס איז היינט אַזוי היימלאָז און איך פרעג זיך „אָט דאָס איז רחל קאָרן?" אין יאָר 1928 האָט זי געזונגען (געדרוקט אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון דעם נייעם בוך):

עס שפרינגען שוין די ערשטע רויזן —
רויטע שטראַלן זון,

ווי וועווערקעס פון בוים צו בוים, פון
צווייג צו צווייג,
אַלץ נידעריקער צו דער ערד, אַלץ
נידעריקער
און טרינקען צו דער זעט איר קילן טוי.

די זון טרינקט דעם קילן טוי פון דער ערד. די זון איז זון ביי רחלען, ווייל עס איז דאָ ערד. ווייל ס'איז געווען ערד. הייַנט איז דאָ וועג... גלות... און אפשר דאָס אויך נישט. עס איז דאָ חלום. אפילו אַ טרער קען זי לאָזן נאָר אין חלום, ווייל אויף דער וואָר האָט זי זי נישט ווו צו לאָזן...

דער ווינטער האָט ביי רחל קאָרן אויך געגעבן שלום דער ערד, כאָטש ער האָט געבראַכט שווערע קעלטן און אַ שווער לעבן און האָט גרעסער געמאַכט די מענטשלעכע זאָרגן. ער האָט זיך טאַקע אַרויפגעזעצט דער ווינטער, רייטנדיק אויף דעם פויער, און האָט אים אַזוי דורכגענומען מיט זיין קאַלטן אָטעם, אַז יענער איז פון אים קוים אַנטלאָפן, אָבער ער האָט דאָך געהאַט זיין שיינקייט און זיין פרייד. ער האָט

געברענגט זיין בעטגעוואַנט פון ווייסן
ווייכן פוך,
געדעקט מיט קלאָרע טישטעכער די פעלדער
און אויסגעקוקט אַ יעדן טאָג די געסט,
וואָס זענען פון צפון־זייט אַנטקעגנגעגאַנגען
און געגאַנגען.

און הייַנט זינגט די דיכטערין:

איך בין שוין אַזוי אָרים, אַז דער שפּאַן
פון דער ערד,
וואָס אונטער מיינע פיס — איז אויך
נישט מיין.
...און כ'טרייב אַוועק פון מיר מיין שאָטן.
ווי אַ הונט,
זאָל ער היטן גיין דאָס פרעמדע האָב
און גוטס —

עס איז מיר אוממעגלעך זיך אַניי־דערזעצן אַנאַליזירן רחל קאָרנס לידער פון היימלאָזיקייט. כ'קען זיי נאָר לייענען און לייענען און בענקען נאָך אַ טרער ביי זיי און איך פיל אַז דאָס זענען לידער, וואָס האָבן געפעלט אין אונדזער פּאָעזיע — די לידער פון דער היימלאָזער יידישער טאָכטער, שוועסטער, פרוי און מאַמע. געבענטשט זאָלן זיי זיין די דאָזיקע לידער, וואָס ברענגען אין אונדזער פאַרוויסטן לעבן דעם טוי פון דער טרער!

## מ. באַרלאַש שרייבט וועגן מ. שטרינגלערס „מאַידאַנעק" („פאָרווערטס", ניו־יאָרק, 14־טער נאָוועמבער 1948):

מיר האָבן שוין אַ היבשע ליטעראַטור וועגן מרדכי שטריגלערס בוך „מאַידאַנעק". עס האָבן וועגן דעם אונטערגאַנג פון אונדזערע זעקס מיליאָן געשריבן דיכטער און אַזעלכע, וואָס זייַנען דורך דעם גיהנום אַליין דורכגעגאַנגען. צווישן זיי הויבט זיך אַרויס גאַנץ באַזונדער דאָס בוך „מאַידאַנעק" פון מרדכי שטריגלער — דאָס ערשטע בוך פון זיין סעריע „אויסגעברענטע ליכט".

אין „מאַידאַנעק" איז דאָ דער שליסל צו אַ סך רעטענישן פון דער לעצטער טראַגישער עפּאָכע אונדזע־




רער — רעטעניישן, וואָס טוען אומ־
אויפהערלעך פייניקן דעם מח און
פרעסן דאָס האַרץ.

נעמט, אַ שטייגער, די שוידערלע־
כע רעזיגנאַציע פון דער מאַסע, וואָס
ווייסט, אַז מען פירט זי צו דער
שחיטה, וואָס האָט שוין „פאַרלאָרן
דעם געדולד פון לעצטן נערוו און
וואַרט אויפן מאַשין־געווער ווי אויף
דעם איינציקן גואל", און בלייבט
דאָך ווי צוגעשמידט צום אָרט און
זעצט פאָר דאָס שטומע וואַרטן אויפן
טויט, און טראָגט ווייטער געדולדיק
אַריבער די אומגלויבלעכסטע ענויים
און די געמיינסטע דערנידערונגען.
פאַרוואָס? פאַרוואָס לאָזט מען נישט
אַוועק מיטן פייער זיך מיטן שונא צו־
זאַמען?

שטריגלער ווערט נאָך איצט, בלויז
פון דער דעראינערונג, צעריסן אויף
שטיקער אינערלעך ביים גריבלען זיך
און זוכן אַן ענטפער דערויף. צו־
ערשט זאָגט שטריגלער, אַז דער קאַל־
טער שכל האָט נישט דערלאָזן לויפן,
ווייל „פאַרשפּאַרט זענען אַלע אויס־
וועגן און דער טויט ליגט זיך אומע־
טום צעלייגט ווי ביי זיך אין דער
היים". אָבער ער לאָזט זיך ניט איינ־
רעדן פון זיך אַליין אַפילו. ער און
אַנדערע האָבן דאָך געזען, ווי דער
קליינער יוסף־עוזר איז אין דער סאַ־
מע לעצטער מינוט יאָ געלאָפן פאַר
אַלעמען אין די אויגן, וואָרים אים
האָט „עפּעס גערופן מיט אַזאַ
שפּראַך, וואָס איז נאָר אים געווען
פאַרשטענדלעך". מאַכט דעריבער
שטריגלער גלייך דעם ווייטערדיקן
אויספיר, אַז „מען שעמט זיך מודה
צו זיין פאַר זיך אַליין, אַז מען האָט
שוין לאַנג שלום געמאַכט מיטן גורל;
סודעט מען זיך אַזוי לאַנג אַרום דעם
ראַטעווען זיך און נקמהדיקן פּאַרטי־
זאַנעווען, ביז די מאָנענדיקע שטים
אין די אייגענע טיפן ווערט מיד, און
יעדער איינער פאַרקריכט צוריק אין
זיין אייגענעם פאַרעיפּושטן ווינקל
אַזוי ווי נעכטן, אַזוי ווי פאַראַכטאָ־
גן..."

שטריגלער דערציילט ווייטער:

ווען ער האָט אין פאַרלעצטן מאָ־
מענט קאַלטבלוטיק אָנגעריבן אַ שווע־
בעלע מיט דער דעה אָנצוצינדן אַ
שטרויזאַק און אַלץ אַוועקלאָזן אין
פלאַמען, האָט אַ צעטומלטער בליק
אין דער זייט אויסגעלאָשן דאָס
שוועבעלע.

שפּעטער האָט שטריגלער גענומען
זוכן דאָס פּעקעלע גיפט, וואָס ער
האָט ביי זיך חדשים־לאַנג אַרומגע־
טראָגן מיטן געדאַנק „אויסצומיידן אַ

שמוציקן טויט פון זייערע הענט",
און ער האָט עס נישט געפונען. דאַן,
דערציילט ער, האָט זיך דער אָפּגע־
שפּאָלטענער צוויטער אין אים גענר־
מען רייצן מיט אים: „וואָס איז,
מיוחס איינער? צען מינוט פאַר
יעדנס אומקום ווילסטו שטאַרבן אויף
אַ באַזונדערן שטייגער, כדי מען זאָל
דיך און דיין פאַרגיין דערזען און
רעדן פון דיר?"

עס קלינגט וואַרהאַפטיק שטריג־
לערס ממש אומגלויבלעך בילד פון
דער ערשטער נאַכט אין מאַידאַנעק,
ווען די שרעקלעכע ס.ס.-אויסוווּרפן
שטיקן אין דער פינצטער איין מענ־
טשן נאָכן אַנדערן, און אַלע איבעריי־
קע בלייבן ליגן שטיף, אָן שום באַ־
וועגונג, איטלעכער וואַרטנדיק בלויז
אויפן צווייטנס ריי...

דאַן דאָס בילד, ווען די ס.ס. טרייי־
בן זיי פלוצלינג אַריין אין די גאַז־
קאַמערן (שפּעטער האָט עס זיך
אַרויסגעוויזן פאַר אַ שפּאַס אַזאַ...)
און די אומגליקלעכע, אין זייער לעצ־
טער פאַרצווייפלונג, פאַרלירן יעדן
שפּור פון מענטשלעכקייט און פון
געזונטן פאַרשטאַנד, און איבער אַן
אָרט ערגעץ אין אַ נישע אָדער אין
אַ שראַנק איז מען ביים לעצטן
אָטעם-צוג „גרייט לעבנס אויסצולע־
שן, גאָרגלען איינצובייסן, אַלץ חרוב
מאַכן און אומברענגען..."

**
*

שטריגלערס הויפּט-ציל ביים צו־
טרעטן צו זיין ביכער-סעריע איז גע־
ווען, ווי ער שרייבט אין זיין אַריינ־
פיר צו „מאַידאַנעק", צו ווייזן, אין
„אומדזערע קדושים דאָס מענטשלע־
כע, שרייבן וועגן זיי ווי וועגן מענ־
טשן מיט בלוט און מיט פלייש", צו
ווייזן דעם „פאַרגיי פון אַ פאָלק,
וואָס איז ווי מענטשן געגאַנגען צו
דער שחיטה". שטריגלער האָט זיך
אין „מאַידאַנעק" געהאַלטן געטריי
צו דעם דאָזיקן ציל דורך און דורך,
און אפילו שילדערנדיק די מערדערס,
סאַדיסטן און בלוט-זויגערס, האָט ער
אויך געוויזן דער עיקר דאָס מענטש־
לעכע. שטריגלער זעט נישט דעם
ספּעציפישן דייטשישן מערדער; ער
זעט אין אים אַ סאַדיסט און אַ מער־
דער און אַ דעגענעראַט פריער פון
אַלץ. שטריגלער ווייזט איבערצייגנ־
דיק, ווי די מערדערישע סיסטעם
האָט געצויגן צו זיך דעם מענטש־
לעכן שוים פון אַלע ראַסן, נאַציעס
און טראַדיציעס, וואָס זענען געווען
אַרום. נאַטירלעך, ווערט דורך דעם
אויף אַ האָר נישט געמינערט — ניט
די שולד פון דער נאַצי-מאַכט, וואָס
האָט אַזוי קאַלט-מערדעריש צוגע־
טראַכט און דורכגעפירט די גרויליקע
סיסטעם פון אומברענגען מיליאָנען
אומשולדיקע מענטשן, אויך נישט די
שולד פון דער גאַנצער דייטשער
נאַציע פאַרן דולדן שטילשווייגנדיק
און אָפט אויך פאַרן מיטהעלפן די
טייוואָלים אין זייער אוממענטשלע־
כער אויסראָטונגס-אַרבעט. מער נישט
דער צוגאַנג צו דעם סאַדיזם איז אַ
ריין מענטשלעכער, און דאָס הויבט
אויף דאָס בוך „מאַידאַנעק" צוזאַ־
מען מיטן מחבר אויף אַ גרויסער
הויך.

איינעם פון די מערדערס אין מאַי־

דאנעק, דעם רוס איוואן, שילדערט שטריגלער אזוי:

ער איז געווען ריזיק און שטארק ווי א פערד. פאר זיינע שטאלענע לאפעס האבן אלע געציטערט, אפילו דער בלאק-עלטסטער. נישט איינעם האט ער מיט זיינע לאפעס אפגעהאקט די לונגען אין דער פינצטער... דערפאר אבער, ווען איוואן איז געווען גענוג זאט און אין באראק איז נישט געווען וואס צו טון, האט ער ליב געהאט זיך זעצן אויף דער ערד צווישן גאנצן עולם און דערציילן מעשיות פון רוסלאנד. ס'איז אין אים נישט געווען צו דערקענען דעם מערדערלעכן שלעגער און בארויבער פון אלעמען... איוואן האט פיינט געהאט עולהס. איין מאל איז ער צוגעגאנגען פארנאכט צום יידישן שלעגער מאניעק, אים מיט איין זעץ אויסגעהאקט עטלעכע ציין און אים אזוי געזידלט: „דו הינטישער זון, דו! ווען איך שלאג, בין איך דערפאר נישט קיין אייערער, אבער דו, הורן-זון, ביסט א ייד גלייך ווי זיי. פארוואסזשע שלאגסטו?"... ער האט געקאנט אין מיטן שלאגן א קרבן זיך כאפן און נעמען ארומוואשן ביי אים דאס בלוט; פארקערט, ווידער, האט ער געקענט אין מיטן דערציילן זיינע מעשיות אנהויבן האקן איבער די קעפ מיט א ווילדער רציחה.

***

און אז מען בלעטערט און מען בלוטיקט דורך אין דעם בוך די צענדליקער זייטן, וואס זענען אנגעפיקעוועט מיט נאקעט-הוילע שילדערונגען פון אומגעהערטן סאדיזם, גרויל און שוידער; פון אלץ-פארשלינגענדיקע מענטשלעכע שמוץ, געפאלנקייט, עקל, דעגענעראציע און געמיינקייט, פון טויט, טויט און טויט, הויבט ווידער אן עגבערן אין מוח און אין הארצן צוגלייך די פראגע: וואס-זשע האט דאך אויפגעהאלטן אט די אומגליקלעכע ביים לעבן? וואס האט זיי דאך געגעבן כאטש וועלכן ניט איז מוט צו וועלן ווייטער שלעפן די אומדערטרעגלעכע לאסט אין אזא אומדערבארעמדיקער וועלט, כאטש וואסער ניט איז האפנונג צו וועלן ווייטער זשיפען צווישן די צערייצטע, בלוטדורשטיקע וועלף און ניט מאסנווייז אפעגדיקן, אזוי ווי איינצלנע האבן עס געטאן — מיטן פארציען זיך א שלייף איבערן האלדז אדער מיטן אריינווארפן זיך אין דער גרוב פון צואה?

מרדכי שטריגלער גיט דערויף דעם איינציקן מענטשלעכן און, קענטיק, אויך דעם איינציק מעגלעכן ענטפער:

„לעבן!... קיינמאל האט מען דאך נישט געקענט אזוי אפשאצן, וויפיל געהיימע גענוסן עס ליגן פארבארגן אין יעדער סעקונדע לעבן... עס זענען געווען מינוטן, שעהן און טעג פון פחד און שגעון, ווען דו האסט געוואלט פארגליווערן כדי גארניט מער צו פילן; ביסט אפטמאל געשטאנען טעג גאנצע מיט א געבויגענעם רוקן און צעהאקטע אברים און האסט געווארט, אז אימיצער זאל דיר צוברענגען דעם טויט ביז אונטער דער נאז. דערפאר אבער האסטו זיך אמאל געגעבן א שטעל אויף א פאר מינוט און

דו האָסט דערשפּירט וויפיל גליק עס ליגט אין אַ שלונג ריינעם אָטעם, וויפיל זיסן כּוח עס קען געבן איין אויסגעגלייכטער טריט... איין ביסן ברויט נאָך אַ לאַנגן הונגער-טאָג האָט דיר באַוויזן, וואָס פאַר אַ לעבנס-אוצרות און קוויקונגס-זאַפטן עס ריזלען אין יעדן ניט-באַמערקטן קעגנשטאַנד פון לעבן אויף דער פריי. לעבן! — האָסטו געטראַכט — אומבאַדינגט לעבן, ווייל איצט ווייסטו שוין, ווי אַזוי מען קען אויסנוצן יעדע מינוט, אַרויסציען דעם וווּנדערלעכן עליקסיר פון דעם מינדסטן ברעקל... דאָס לעבן אונטער די שווידערלעכסטע שקלאַפן-באַדינגונגען האָט נישט געקענט אין גאַנצן נמאס ווערן, ווייל וואָס מער דער טאָג האָט געפּייניקט, אַלץ גרעסער איז אויסגעוואַקסן דאָס גליק פון דער שעה רו אין דער נאַכט. דעם שווערסטן טאָג פון פּיין האָט געזיסט, באַרוישט און פאַרשיכורט דער בלויזער געדאַנק, אַז ביינאַכט וועסטו באַקומען אַ שטיקל ברויט. דיין פאַנטאַזיע האָט דיר פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי דו וועסט עס רואיק קענען קייען, ברעקלעכווייז. ווי יעדער ביסן וועט זיך באַזונדער צעלויפן מיט אומרואיקער פרייד דורך אַלע אברים. שפּעטער וועסטו קענען דיין מידן גוף אַוועקשלעפּן אין דיין ווינקל, וועסט זיך אַרויפציען אויף אַ ברעטלדיק בעטל, אַרום דיר וועט זיין טונקל און קיינעמס בליק וועט דיך נישט שרעקן. דו וועסט דערפאַר פריי אויסציען דיינע פיס, די הענט איבערלייגן אויף וועלכער זייט דו ווילסט, און אַלע גלידער דיינע וועלן זיך צעווייגען פון שעהדיקן פרייען תענוג".

***

אַ טיף מענטשלעך ווערק — „מאַידאַנעק"! עס וועט אין פולן זינען פון וואָרט דינען דעם צוועק, וואָס מרדכי שטריגלער האָט זיך אָנגעמערקט ביים צוטרעטן שרייבן די סעריע „אויסגעברענטע ליכט".

„צו היילקן דעם מענטשלעכן אָנדענק פון די אומגעקומענע און צו העלפן זייערע ביים לעבן-געשענדעטע נשמות אויסצושרייען זייער אָנקלאַגע קעגן די רוצחים פון גוף און נשמה ביז אין דער טיפקייט פון אַלע צייטן..."

---

ווענן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער-סעריע „דאָס פוילישע יידנטום" זיך ווענדן:

**Unión Israelita Polaca**

**Pueyrredón 667** **Buenos Aires**

Este libro se terminó de imprimir el 7 de febrero de 1949, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires, Rep. Argentina